STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05730

ALMANAKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלמאַנאַך יידישע שרייבער פון ירושלים

דערשיינט אין 25טן יאָר פון דער
אומאָפּהענגיקייט פון מדינת ישראל

אלמאנאך

יידישע שרייבער פון ירושלים

יידישער שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל —
אָפּטיילונג ירושלים

אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל — סניף ירושלים
1973

ALMANAC
of the Union of Jewish Writers and Journalists in Israel
— Jerusalem Branch

רעדאַקטאָר : יוסף קערלער

רעדאַקציע־קאָלעגיע :

דב סדן, שמחה סנה, דוד ספּאַרד

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע

פאַרלאַג „אייגנס", ירושלים

©

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל 1973

דפוס קואופרטיבי "אחוה" בע"מ, ירושלים

אינהאַלט

זייט

דוד ספאַרד / ישראל דלמעלה 7
שמחה סנה / אַ שטיקל שאָקאָלאַד 11
רחל בוימוואַל / לידער 22
אברהם ביק / דאָס קול אויפן הר הצופים 34
מלכה לאַקער / ליד 42
מאיר חרץ / לידער 44
לייב ראַכמאַן / ערב שבועות ווען דער טאָג פאַרגייט 55
יוסף קערלער / לידער 65
יחיאל גראַנאַטשטיין / דער לעצטער 69
זיאַמע טעלעסין / לידער פון דאָרטן און פון דאַנען 79
בנימין באַסמאַן / גאָט האָט געלאַכט אין קורגאַן־טיובע 89
אַסיאַ / לידער 93
ז. ברכות / דער שטעקן 96
דוד ספאַרד / נייע לידער 103
יאָסל חריף / בילדלעך... מחשבות 107
יוסף קערלער / מיר באַגעגנען דאָס יאָר 1971 116
א. שעדלעצקי / בלעטלעך פון צייט־אַלבאָם 132
זאַמי פעדער / אַ יום־כיפור ביים אַדאָלף־היטלער־קאַנאַל 143
משה זיגלער / צום אַנדענק פון די גח״ל־העלדן 151
דב סדן / מזל תאומים 155
דליה קאַופמאַן / שלום־עליכם אין ראַטנפאַרבאַנד 169
פראָפ׳ סאַל ליפצין / פיר דיכטער, נייע עולים 176
ש. שחריה / די חכמה פון גאולה — אין ליכט פון דורות 183
געלע פישמאַן / דאָס יידישע וואָרט פון ירושלים 191

קורצע אינפאָרמאַציעס 194
די קונסט־אילוסטראַציעס אין אונדזער אַלמאַנאַך 197

רעפּראָדוקציעס פון בילדער:

		זייט
יצחק ליכטענשטיין	/ אַ גאַס אין ירושלים	33
פייגעלע זאַנשיין	/ „וואַסערפאַל"	54
" "	/ "המון"	78
חיים אַראַנשטאַם	/ הונגער־שטרייק אין ריגע 1971	115
" "	/ פּאָרטרעט פון פּראָפ׳ הערמאַן בראַנאַווער	142
" "	/ פּאָרטרעט פון ד"ר ע. פריש	154
" "	/ פּאָרטרעט פון מוליאַ גילינאַוו	175

דוד ספּאַרד

ישראל דלמעלה

(צום 25סטן יום־העצמאות)

יעדער מענטש איז נישט דער זעלבער מיט זיך אַליין און אין געזעלשאַפט. אָבער צו אַבסאָלוטער קעגנזעצלעכקייט דערגייען די צוויי מאָדוסן פון עקזיסטענץ בלויז צוליב סוביעקטיווע, אומנאָרמאַלע פסיכישע אייגנשאַפטן, אָדער צוליב באַשטימטע פּראַקטישע צילן, ווען עמעצער וויל מאַסקירן זיין אמתדיק געשטאַלט.

יידן דאַקעגן זיינען געוואָרן אויפגעצווונגען צו אַ דאָפּלטער קעגנזעצלעכער עקזיסטענץ דורך ספּעציפישע לעבנס־באַדינגונגען אין אַ פרעמדער פיינטלעכער סביבה. זיי האָבן געמוזט זיין אַנדערע אין גאַס, אין שטוב, אַנדערע אין דער געזעלשאַפט פון נישט־יידן, ווי צווישן יידן, אַנדערע אין די וואָכעדיקע טעג, ווי אין די שבתים און יום־טובים און ד.ג. דאָס אויסזען פון די יידן אין די אַלע אויבנדערמאָנטע פאַרשידענע באַדינגונגען און צייטן איז געווען אָפט אַבסאָלוט קעגנזעצלעך, ווי דאָס האָט באַשריבן דער געניאַלער יידיש־דייטשישער פּאָעט היינריך היינע אין זיין שילדערונג וועגן דער פאַרוואַנדלונג פון יעדן יידן אין שבת — פון אַ הונט אין אַ פּרינץ.

די דאָזיקע דאָפּלטקייט איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן וועלט־באַנעם. אַלע דערשיינונגען קומען אויף פאַרן יידן אין צוויי קעגנזעצלעכע פאָרמען — בנגלה ובנסתר, בסטרא עלא ובסטרא אחרא, דלמעלה ודלמטה. טיילמאָל זיינען די צוויי פאָרמען ווייט איינע פון דער אַנדערער, ווי מזרח פון מערב. און טיילמאָל זיינען זיי גאָר נאָענט, ממש נוגעות זו בזו, און די גרענעץ צווישן זיי איז מטושטש.

אין די דערציילונגען פון חומש, אין די וויזיעס פון די נביאים, אין די אגדות פון תלמוד און מדרש און אין די חסידישע מעשות זיינען די צוויי פאָרמען באַהאַפטן און באַזונדער — גלייכצייטיק. דאָס רעאַלע און אירעאַלע, דער שכל און דאָס געפיל, די וואָר און דער חלום, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע — די אַלע קעגנזאַצן זיינען טיילמאָל, ווי איינע און די זעלבע דערשיינונג, נאָר געזען פון פאַרשידענע קוקווינקלען, פון קעגנזעצלעכע שטאַנדפּונקטן, אָדער אַנגעווענדט צו פאַרשידענע פאַלן. דער זעלבער גאָט, וואָס איז כולו רחמים, קאָן אויך זיין אַן אל נוקם ונוטר, וואָס רעדט זיך דורך מיט מענטשן אויף אַ פּשוט מענטשלעך לשון און וועגן געוויינלעכע מענטשלעכע ענינים, פאַרשווינדט פּלוצעם הינטער די וואָלקנס און לאָזט פון זיך וויסן בלויז דורך דונערן און בליצן.

אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון דער קלאַסיק, טרעפט מען זיך אָן אויף דער דאָזיקער צעצווייטקייט, די העלדן פון מענדעלען מיט בנימין השלישי אין דער שפּיץ, פון שלום־עליכם מיט מנחם־מענדלען, דאָסגלייכן די גע־שטאַלטן פון פּרצ׳ס „חסידיש״ און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ — זיי אַלע זיינען גלייכצייטיק רעאַל און אירעאַל, לעבן אין דער ווירקלעכקייט און אין חלום, זיינען פּרט און כלל, אינערלעך געשפּאָלטן און באַהאַפטן נישט צום איבעררייסן דורך אַ גרויסער בענקשאַפט צו גאַנצקייט, צו שלימות.

אפילו שרייבער, וואָס שטאַמען פון יידן, ווי דער אויבן דערמאָנטער היינ־ריך היינע, פאַרמאָגן די דאָזיקע אינערלעכע צעשפּאָלטנקייט, אין דער פאָרם פון אויסלעבן זיך גלייכצייטיק אין שאַרפער סאַטירע און איראָניע, פון איין זייט, און אין ראָמאַנטיק און האַרציקער ווייטיקלעכער ליריק, פון דער צווייטער.

אַזוי האָט דאָס פאָלק — וואָס האָט שטענדיק עקזיסטירט אין זיך, נאָר פון קיינעם נישט אָנערקענט און פון קיינעם נישט דערקענט, וואָס איז אין זיין לאַנגער פּיינפולער געשיכטע געשטאַנען ס׳רוב אין רשות פון אַנדערע און אין דינסט פון אַנדערע און זייער ווייניק פון זיך אַליין — געשאַפן דעם טראַגישן דאָפּל־זיין פון דעם, וואָס עס איז און פון דעם, וואָס עס האָט געוואָלט און באַדאַרפט זיין. די אויסגעזונדערטקייט פון יידישן פאָלק, אומאָפּהענגיק צוליב וועלכע סיבות, און די פּיינטלעכע צו אים באַציונג פון אַלע אַרום אין משך פון דורות האָבן נישט דער־מעגלעכט, אַז זיין טיפע שטרעבונג, צו אינערלעכער גאַנצקייט, צו אידענטיפיצי־רונג מיט זיך אַליין, זאָל ווערן פאַרווירקלעכט. האַלטנדיק זיך פאַר דעם אויסדער־ווילטן פאָלק דורך גאָט אַליין און אַרויסגעבנדיק פון זיך ווירקלעך גאונים אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט און קונסט, האָט עס גלייכצייטיק געליטן פון אַ קאָמפּלעקס פון מינדערווערטיקייט, וועלכער האָט אָנגענומען, אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען אין פאַרשידענע לענדער — טראַגישע, טראַגיקאָמישע פאָרמען פון אַבסאָלוטער, אָדער טיילווייזער זעלבסטפאַרלייקענונג און מאַסקירונג, צי גאָר פון דעמאָנסטראַטיווער, איבערגעטריבענער און אפילו קרענקלעכער זעלבסט־באַשטעטיקונג, צייטנווייז — פון ביידע צוזאַמען.

די זינלאָזע און קאָשמאַרע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט און לעבט איבער, אָנהייבנדיק פון די דרייסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט —

די בעסטיאַלע אויסמאָרדונג פון עיקרדיקן נאַציאָנאַלן שטאַם פון יידישן פאָלק אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע דורך די נאַציס;

די פּאָגראָמען און ווילדע רציחות מצד דער פּוילישער אונטערערד, אָנגערו־פענע דורכן פאָלק מיט ליבשאַפט — „די יינגלעך פון וואַלד״ —, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין קעלץ, אין קראָקע און אין צענדליקער אַנדערע שטעט און שטעט־לעך, ווי אויך אויף אַלע וועגן און באַנען, איבער די על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועטע רעשטלעך פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווען אויף דער פּוילישער ערד איז נאָך נישט געווען אָפּגעקילט דאָס בלוט פון די זעקס מיליאָן קדושים;

דער מאָרד איבער דער יידישער קולטור און אירע שעפער דורך דעם סטאַ־לינישן קאָמוניזם, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו באַווירקן מיט זיין יודאָ־פאָביע פיל קאָמוניסטישע פּאַרטייען ביז צום היינטיקן טאָג —

אַלץ צוזאַמען האָט נישט בלויז דערפירט דאָס יידישע פאָלק צו אַ פיזישן און גייסטיקן חורבן, נאָר צו אַ פולשטענדיקער אידעישער וויסטעניש און פּוסט־קייט אין די נשמות.

דאָס שווייגנדיקע צוקוקן זיך פון אַלע פעלקער אין דער וועלט צו די גרוי־ליקע רציחות פון די היטלערישע אויסוורפן און זייערע מיטהעלפער איבער דעם יידישן פאָלק, די רשעותדיקע פאַרניכטונג פון דער יידישער שעפערישער אינטע־ליגענץ און פון דער יידישער קולטור מיטן יידישן אלף־בית איינשליסלעך גראָד דורך די, פון וועמען מען האָט דערוואַרט פולע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויס־לייזונג פאַר אַלע פעלקער, ובתוכם אויך פאַרן יידישן פאָלק — די דאָזיקע פאַקטן האָבן, ווי אַן ערד־ציטערניש, איינגעשלונגען אַלע אָנגענומענע ביז איצט מאָראַלישע ווערטן און פּרינציפּן, ווי אויך יעדע האָפענונג און גלויבן אין מענטש. די נשמה פון יידן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ תוהו־ובוהו, נישט קיין בראשיתדיקער, אויף וועלכן עס האָט אַרומגעשוועבט גאָטס גייסט, נאָר אַ תוהו־ובוהו, נאָך אַלערליי מיתות־משונות, נאָך דער פאַרוואַנדלונג פון מענטשן אין דער ווילדסטער חיה. אַלע פיר זייטן פון דער וועלט האָבן זיך פאַר דעם יידן געשלאָסן מיט פינצטער־ניש. פון אַלע פיר זייטן האָט געוויעט מיט גלייכגילט און שנאה. דער איינציקער וועג, וועלכער איז נאָך פאַרבליבן די פינצטערניש דורכצוברעכן, דאָס איז געווען דער וועג צו זיך, כדי פון זיך און דורך זיך צוריק טרעפן צו דער וועלט, צו דעם מענטש.

אַזאַ איז געווען דער מצב פון גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק אין די תפוצות, באַזונדערס פון דער יידישער אינטעליגענץ, ערב דעם צוריקדעראָבערן די אַזוי לאַנג פאַרלוירענע זעלבשטענדיקייט און קיינמאָל נישט פאַרגעסענע היים אויף דער קיינמאָל נישט פאַרגעסענער ערד. דאָס איז געווען דער מצב פון איינגע־וואָרצלטער מינדערווערטיקייט און זעלבסטפאַרלייקענונג, צו וועלכער עס איז נאָך צוגעקומען אַ טיפע מאָראַלישע אַנטוישונג אין אַלץ און אין אַלעמען.

מען דאַרף זיך דעם דאָזיקן מצב באַזיניקן ביי דער געלעגנהייט פון 25 יאָר „עצמאות”, כדי צו באַנעמען אין זיין גאַנצן אומפאַנג די באַדייטונג פון מדינת ישראל פאַר דעם יידישן פאָלק.

די דאָזיקע באַדייטונג גרייכט פיל ווייטער און טיפער פון בלויז פיזישן תחית־המתים, פון אָנהייבן לעבן פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך מיט מענטשן גלייך, כאָטש אויך דאָס געהער צו דער ספערע פון נסים. עס איז אויך גייסטיקער תחית־המתים פון אייביק געשפּאָלטענע פאַרוויסטע נשמות, זייער צוריקקאָפּגעפינען די גאַנצקייט, די אידענטיטעט מיט זיך גופא, ווי מענטשלעכע ווירדע, דעם וועג צום מענטש און דעם גלויבן אין אים.

פון אַ קליין קערנדל וואַקסט אויס אַ צעדערבוים.

ישׂראל האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר פֿיל, ווי איינער פֿון די פּרוּוון צו לייזן דאָס א.ג. „יידישע פּראָבלעם", און ס׳איז געוואָרן פֿאַר דער אַבסאָלוטער מערהייט פֿון יידישן פֿאָלק — דער איינציק מעגלעכער וועג פֿון פֿיזישער און גייסטיקער רעטונג.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פֿון אַ „ישׂראל דלמטה", ווו מען זאָל קאָנען לעבן ככל הגויים, און ס׳איז געוואָרן אַ „ישׂראל דלמעלה", וואָס דאַרף העלפֿן דעם יידישן פֿאָלק נישט בלויז צו לעבן ככל הגויים, נאָר זיך צוריק אַרויסבאַקומען פֿון די פֿינצטערע אָפּגרונטן, אין וועלכע מען האָט עס געשליידערט אין משך פֿון זיין גאַנצער געשיכטע — פֿון די אָפּגרונטן פֿון אַנטוישונג, פֿאַרצווייפֿלונג און האָפֿ־נונגסלאָזיקייט.

ישׂראל איז געווען אַן ענין בלויז פֿון יידן פֿאַר יידן, און ס׳איז געוואָרן, נאָך דער קאָשמאַרער פֿאַרטיליקונג, צו וועלכער פֿיל פֿעלקער האָבן גורם געווען און אין וועלכער נישט ווייניק מענטשן פֿון פֿיל פֿעלקער האָבן זיך באַטייליקט, אויך זייערס אַן ענין און אויך זייער מאָראַלישע רעטונג, כאָטש אין אַ פֿאַרקערטן זין.

פֿאַר אונדזערע שונאים, וועלכע ווילן זען און זעען אין אונדזער געשיכטע בלויז די עקדה און אויסגעשטרעקטע האַנט מיטן חלף, עקזיסטירט בלויז דער קליינער שטח פֿון ישׂראל, דאָס לאַנד און די קליינע צאָל פֿון ישׂראל דעם פֿאָלק. אָבער פֿאַר אַלע די, וואָס זעען אויך דעם מלאך, וועלכער וואַכט איבער דער אויס־געשטרעקטער האַנט, איז ישׂראל פֿיל מער ווי שטח און פֿיל מער ווי צאָל. דאָס איז די קרוינונג פֿון דעם ווידערשטאַנד פֿון אַ פֿאָלק, וואָס מען האָט אומאויפֿהער־לעך געצוווּנגען צו פֿאַראַטן און פֿאַרגעסן די פֿאַרגאַנגענהייט און פֿאַרלירן דעם גלויבן אין דער צוקונפֿט, און עס האָט ביי די שווערסטע באַדינגונגען גובר געווען דעם צוואַנג און געזיגט.

דוד ספּאַרד

געקומען קיין ישׂראל אין יאַנואַר 1969. ביז דעמאָלט געוווינט אין וואַרשע. געווען דער רעדאַקטאָר פֿון ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל "יידישע שריפֿטן" און פֿון פֿאַרלאַג "יידיש־בוך".

אַרויסגעגעבן פֿאָלגנדיקע ביכער: "שטאַפּלען" (לידער) "וועגן צע־גייען זיך" (דערציילונגען), "שרייבער און ביכער" און "שטודיעס און סקיצן" (ליטעראַטור־קריטיק). וויטערדיקע לידער־זאַמלונגען: "לי־דער", "אַ זעגל אין ווינט", "באַרוועסע טריט" און ברענענדיקע בלעטער" (אין ישׂראל). באַקומען די פּרעמיע א. נ. פֿון יצחק טורקאָוו־גרודבערג (1972).

שמחה סנה

אַ שטיקל שאָקאָלאַד

(דערציילונג)

פאַדי איז געווען אַן אירלענדער. דער נאָמען פון הייליקן פאַטריק איז גאָר שטאַרק פאַרשפרייט איבערן גרינעם אינדזל זייערן, און דעריבער איז גענוג צו וויסן אַז עמעצער איז אַן אירלענדער, און מען רופט אים גלייך פאַדי, נישט אָנפרעגנדיק צי ער הייסט טאַקע אַזוי. אַזאַ מנהג איז אין דער אַרמיי פון זיין מאַיעסטעט, פונקט ווי ס'איז אַ מנהג צו רופן יעדן שאָטלענדער „דזשאָק“ און יעדן וועלשער „טאַפּפי“. אָבער אין דער פאַל איז פאַדי טאַקע געווען אַן אירלענדער, און געהייסן אַזוי אויף אַן אמת.

יאָסל האָט עס גלייך דערקענט, און למען האמת האָט מען נישט באַדאַרפט צו זיין קיין איבעריקער מבין בכדי דאָס צו דערקענען. פאַדי האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ שטייפן, גלייך אַראָפגעלאָזטן דאַשעק, איבער וועלכן עס האָט געגלאַנצט דער אויסגעפוצטער צייכן מיט די דריי בלעטלעך, דער סימן פון דער אירלענדישער גוואַרדיע. פאַדי האָט אויך פאַרמאָגט אַ פאָר גריןגרוילעכע, פריילעכע אויגן מיט אַ קאָפ רויטע האָר, אַ נאָז מיט זוןשפרענקעלעך, ברייטצעוואַקסענע פלייצעס, און אַ קול וואָס האָט זיך געקייקלט ווי אַ געדעמפטער דונער. דאָס אַלץ זיינען געווען סימנים, איבער וועלכע מען האָט אפילו נישט באַדאַרפט פאַרטראַכטן זיך, בכדי גלייך צו דערגיין, אַז מען האָט פאַר זיך אַן אירלענדער מיטן פולן קנאַק, אַ מין סטאַנדאַרד־אירלענדער, אַזוי צו זאָגן.

באַזונדערס איז יאָסלען ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען ווער ער איז, אָט דער פאַדי טאַקע. ער האָט געוואָלט בלויז אַ „ליפט“ [1], ס'הייסט עמעצער זאָל אים מיטנעמען מיט זיין אויטאָ. ער האָט באַדאַרפט זיין וואָס שנעלער אין מינכען, וווּ זיינע חברים פון דער בריגאַדע האָבן אויף אים געוואַרט. מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער אַהערגעקומען אין פליטים־לאַגער, בכדי דאָ איבערצוקוקן די רשימות פון די לעצטנס אָנגעקומענע. ווי שטענדיק, האָט ער, יאָסל, געהאָפט, אַז ער וועט עמעצן געפינען. אויב נישט קיין קרוב, איז כאָטש אַ באַקאַנטן פון זיין געבוירןשטעטל. שוין זעקס וואָכן, ווי ער וואַנדערט אַרום און פלאָגט זיך איבער דער ריזיקער, צעוואָרפענער, יידישער לאַגערן־ און פליטים־מדינה, וואָס אין אָט דעם פאַרשאָל־

---

1) טרעמפ, בעטן ביי עמעצן ער זאָל מיטנעמען מיטן אויטאָ.

טענעם לאַנד, און יעדעס מאָל ווען ער קלויבט זיך אַרויספאָרן אין אַ נייעם לאַגער, ווערט ער פול מיט האָפענונגען, אַז דאָס מאָל וועט ער פאָרט יאָ עמעצן געפינען. די טירן זיינען אומעטום אָפן פאַר זיינטוועגן, אַ קלייניקייט! אַ סאָלדאַט פון דער יידישער בריגאַדע! אמת, דער מונדיר איז אַן ענגלישער, גענוי ווי ביי אַלע ענג־לישע סאָלדאַטן. אַלץ וואָס ער טראָגט אויף זיך, אָנהויבנדיק מיטן וווילינגערישן אַן אַ זייט פאַרוקטן בערעט, ביז די אויסגעגלאַנצטע זעלנערישע שיך — אַלץ איז ענגליש. אפילו די סטענגעלעך פונעם „איטאַלי־סטאַר" [2] זיינען די זעלביקע, ווי עס טראָגן די ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די מלחמה אין איטאַליע. בלויז דער מגן־דוד, אַ גאָלדיק־אויסגעהאָפטענער אויף אַ דריי־פאַסיקן הינטער־גרונט, צווי בלויע זייטיקע פאַסן אויף די ראַנדן, און איינער אַ ווייסער אין דער מיט, בלויז אָט דער צייכן מאַכט אים פאַר אַ ייד. ערשט איז איבער אָט דעם מגן־דוד אויסגענייט אַ שמאָל בענדעלע פון קהאַקי־קאָליר, אויף וועלכן מען קען באַ־שיינפערלעך לייענען: „דזשויש בריגייד גרופּ" אויף ענגליש, און דאָס וואָרט „חי״ל" [3] אין עברית. און דאָס איז אַלץ. אָבער אָט דער קליינער „אַלץ" עפנט פאַר אים אומעטום די הערצער מיט נאָענטער וואַרעמקייט, טראָגט אים אַנטקעגן בליקן פולע מיט שטאָלץ און ליבשאַפט, און בעת ער, יאָסל, באַוויליקט נאָך צו דערציילן זיי, אַז ער אַליין איז פון פוילן און אַז ער זוכט זיינע קרובים און נאָענ־טע, הויבט זיך גלייך אָן אין יעדן לאַגער אַ נאָכפרעגעניש און זוכעניש. מען ניש־טערט און מען פאָרשט, טאָמער ווייסט עמעצער, טאָמער האָט עמעצער עפּעס געהערט. אָבער שטענדיק לאָזט זיך אויס דאָס זוכעניש מיט טרויעריק־אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט בליקן פאַרנעפּלטע און פאַרשעמטע, פונקט ווי זיי, די זוכערס, וואָלטן שולדיק געווען אין אָט דעם גרויסן אומגליק, פונקט ווי עס וואָלט געווען אָפּ־העַנגיק פון זייער זוכעניש צי יאָסל וועט יאָ אָדער נישט דאָ עמעצן געפינען.

און אַזוי איז אויך געשען אין אָט דעם לעצטן לאַגער. יאָסל האָט זיך אַרומ־געדרייט צווישן די פּליטים דריי טעג צייט, געפרעגט, געזוכט, געפאָרשט, און ווי שטענדיק איז ער שטיין געבליבן אַן אויסגעמאַטערטער, אַ האָפענונגסלאָזער און ליידיקער. אין מינכען וואַרטן אויף אים זיינע חברים מיטן לאַסט־אויטאָ. זיי וואַרטן אויף אים, ווייל עס איז שוין צייט אָפּצופאָרן צוריק קיין בעלגיע, וווּ די אָפּטיילונג זייערע איז סטאַציאָנירט, און יאָסל מוז זיך צואיילן, כדי זיי זאָלן נישט אָוועקפאָרן אָן אים. ער האָט זיך שוין געזעגנט מיט אַלע ניי־געשלאָסענע לאַגער־קאַנטשאַפטן, אַרויסגעפרעסט אויף די ליפּן אַ געצוווּנגענעם שמייכל, פאַרוואָרפן אויף איין אַקסל בלויז דעם קליינעם רוקזאַק זיינעם, און אַרויס אויפן ברייטן שאָסיי וואָס פירט קיין מינכען.

אויטאָס זיינען דווקא געפאָרן אַ סך, אָבער דער ענין מיטן כאַפּן אַ „ליפט"

---

2) „שטערן פון איטאַליע" — אויסצייכענונג, וואָס די אַליאירטע האָבן געגעבן די סאָל־דאַטן אין דער מלחמה אין איטאַליע בעתן צווייטן וועלטקריג.

3) ראשי־תיבות פון „חטיבה יהודית לוחמת".

איז ווייט נישט געווען קיין פּשוטער. דאָס איז געווען די אַמעריקאַנער זאַנע, און די יענקיס האָבן זיך נישט איבעריק געאײַלט, ווען זיי האָבן געזען וואָרטן אַן ענגלענדער. מען איז טאַקע פאַרבינדעט, מען האָט געקעמפּט זײַט בײַ זײַט, מען רעדט די זעלביקע שפּראַך, אָבער קיין איבעריקע ליבשאַפט איז צווישן אָט די צוויי אַרמייען קיינמאָל נישט געווען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זײַנען געווען נישט מער ווי סאָלדאַטישע פאַראורטיילן און צוטשעפּענישן: דאָ האָט זיך געטראָפן אַ מעשה מיט אַ געשלעג איבער ביר, דאָרט ווידער איבער מיידלעך, אַן אַנדער מאָל האָט אַן ענגלענדער געחוזקט פונעם טעקסאַס־ענגליש... עס איז אויך מעגלעך, אַז דאָס האָט נאָך געגעסטיקט אין זיי די אַלטע, פון דורות אײַנגעוואָרצלטע שנאה פונעם ענגלענדער צום אויפגעקומענעם גבירישן אַמעריקאַנער קוזין זײַנעם; און פון דער צווייטער זײַט — די יענקישע שנאה צו ענגלאַנד, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן דורך די וואַשינגטאָנס, לאַפּאַיעטס און לינקאָלנס. ווי אַזוי מען זאָל די זאַך נישט וועלן אויסטייטשן, האָט יאָסל געליטן נישט איין מאָל דערפון. אַמערי־קאַנער וועגענער פלעגן פאַרבײַפאָרן שנעל, לאַזנדיק הינטער זיך, ווי אויף צו להכעיס, אַ געדיכטן וואָלקן פון שטינקענדיקן רויך, און עס פלעגט זיך אויך מאַכן, אַז דער שאָפער האָט מכלומרשט גענומען האַמעווען, אָבער ווען ער איז צוגעקומען נאָענט, האָט ער גלייך פאַרשנעלערט דעם געלויף פון דער מאַשין און אויסגע־שטעלט יאָסלען אַ גרויסע פײַג. אַזוי אַרום האָט יאָסל געצאָלט מיט זײַן ערגערניש דעם פרײַז פון ענגליש־אַמעריקאַנער קאָנפליקט.

דאָס מאָל האָט אָבער יאָסל געהאַט מזל. דער ערשטער לאַסט־אויטאָ, וואָס איז אָנגעקומען, האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט, נאָך איידער יאָסל האָט באַוויזן אויפ־צוהייבן אַ האַנט. פון דער שאָפערקע האָט אַרויסגעקוקט אַ קאָפּ מיט אַ שטײַפן גוואַרדיע־היטל, אַ קאָפּ אַ רויטהאָריקער און פרײַלעכער, און יאָסל האָט גלייך אויסגערופן:

— העלאָ, פּאַדי!

דער קאָפּ האָט געענטפערט: „העלאָ, טשום!״ [4]) און דערזעענדיק, אַז יאָסל גרייט זיך אַרויפקלעטערן פון הינטן אויפן אויטאָ, צוגעגעבן:

— קום אַרײַן צו מיר אין קאַבינע, איך פאָר איינער אַליין.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קורצע באַגעגעניש צווישן יאָסלען און איינעם פון די אומצייליקע פּאַדיס; אַ באַגעגעניש, וואָס ווי קורץ זי איז נישט געווען, האָט זי אים געגעבן שטאָף אויף לאַנגע, בויערנדיקע טראַכטענישן.

זיי זײַנען געפאָרן און געפירט צווישן זיך דעם אייביקן סאָלדאַטישן שמועס: ווו מען איז סטאַציאָנירט, ווען וועט מען שוין דעמאָביליזירט ווערן, צי איז פאַראַן גוט ביר אין דער געגנט, ווי אַזוי זעט עס אויס אין בעלגיע דער ענין מיטן שפּײַז, צי איז דאָרט לײַכט צו באַקומען אַ „גערל־פרייענד״ [5]), און לסוף צי איז מען פון

4) חבר, גוטער ברודער.
5) מיידל, כלה, חברטע, טיילמאָל אויך אין וולגאַרן זין פון וואָרט.

דער היים אַ חתונה־געהאַטער. אַט דער לעצטער פּונקט האָט אייגנטלעך איבער־געריסן דעם דיאַלאָג, וואָרום פאַדי האָט אויפגעהערט שטעלן פראַגעס, און גלייך גענומען דערציילן וועגן זיין יונג ווייבל, וואָס וואַרט אויף אים אין דאַבלין. זי אַרבעט אין אַ ביוראָ, האָט ער דערציילט, און איז אַ „טייפּיסט״ [6]. מיט אַ פריי־לעכן גלאַנץ אין די אויגן האָט ער גלייך צוגעגעבן, אַז ווען ער איז פאַראַיאָרן געווען אויף אורלויב האָט ער זיך אַזוי אויסגעסטאַרעט, אַז איצטער, ווען ער וועט אַהיימקומען, וועט ער שוין טרעפן זיין פאַמיליע אַ פאַרגרעסערטע. עס איז אים געבוירן געוואָרן אַ זון, וועלכן ער, פאַדי, האָט נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן, הגם אַ פאָטאָגראַפיע האָט ער שוין יאָ באַקומען. אָבער נישקשה, פאַדי האָט געדולד. נאָך אַ מאָנאַט, העכסטנס צוויי, און ער וועט באַקומען ווידער אַ מאָל אורלויב און פאָרן אַהיים. ער האָט ספּעציעל אָפּגעשטעלט די מאַשין ביים ראַנד פון שאָסיי, בכדי אַרויסצונעמען פון זיין פאַרפעצטן צערי־סענעם בייטעלע די פאָטאָגראַפיע און ווייזן זי יאָסלען.

יאָסל האָט זיך איינגעקוקט אינעם בילד און דערזען אַ צעקנייטשט פּנימל פון אַ ניי־געבוירן קינד, מיט אייגעלעך ווי שוואַרצע קנעפּלעך, מיט שיטערע הערעלעך אויפן קעפּל. ער האָט געקוקט אויף די צוויי קאָמיש פאַרוואָרפענע פּי־סעלעך מיט די פּיצעלעך פינגערלעך, אויף די הענטעלעך, וועלכע זיינען געווען — גענוי ווי ביי אַ ליאַלקע — ווי קינסטלעך צוגעטשעפּעטע אין די עלנבויגנס און לעבן די דלאָניעס. איין הענטעלע האָט פעסט געהאַלטן אַ שפּילעכל, און דאָס צווייטע, אַ צונויפגעדריקטס אין אַ פויסטל, האָט זיך געשטופּט אין קליינעם מיילכל אַריין. דאָס מיילכל איז געווען אָפן, און עס האָט דערפון אַרויסגעטריפט אַ זיל־בערדיק פעדימל פון קינדערשן גאַווער.

— אַ וועריי נייס קיד [7] — האָט יאָסל העפלעך געזאָגט, און אָפּגעגעבן פאַדין די פאָטאָגראַפיע.

— איך האָף אַז עס איז טאַקע מיין אייגנס — האָט פאַדי זיך צעדונערט מיט זיין פערדישן געלעכטער. ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין אייגענעם וויץ, פאַדי טאַקע, אָבער אין זיין שטימע, אין עפּעס אַ קוים דערהערלעכן טאָן פון זיין געלעכטער, האָט זיך דאָך געקענט מערקן די אייביקע מורא פון אַ סאָלדאַט, וועל־כער טראַכט וועגן זיין ווייב אין די שלאָפלאָזע נעכט זיינע. אויסגעדונערט דאָס געלעכטער, האָט פאַדי אַ קוועטש געטון דעם פּעדאַל און געלאָזט די מאַשין אין גאַנג.

— דאַרפסט דאָך דערקענען, און אויסער דעם האַלסטו דאָך אַ חשבון, כ׳מיין דו קענסט אויסחשבונען ווען דו ביסט געווען אין דער היים — האָט יאָסל גע־זאָגט האַלב־וויציק־האַלב־ערנסט.

— אָ, איך האָב זיך בלויז געוויצלט, און באַזונדערס קען איך איר גוט, דאָס

---

6) ביוראָ־אָנגעשטעלטע וואָס שרייבט אויף אַ שרייב־מאַשינקע.

7) „אַ זייער שיין קינד״.

ווייבעלע מיינס... אַ, ניין, זי איז נישט ווי די אַנדערע, אַ ניין... — און דאָ האָט פּאַדי, שוין מיטן פולן ערנסט, גענומען דערציילן יאָסלען ניסים וועגן זיין ווייב: וואָס פאַר אַ בריה זי איז, ווי ליב זי האָט אים, ווי געטריי זי איז אים, ווי זי זאָרגט פאַר אים שטענדיק, און וואָס פאַר אַ שיינע בריוו זי שרייבט אים. ער האָט אפילו געוואָלט אַנהויבן דערציילן וועגן גאָר אינטימע ענינים, אָבער ער האָט זיך צוריק־געכאַפּט און אומגעקערט זיך צו די בריוו. ער, פּאַדי, קען אַזעלכע שיינע בריוו נישט שרייבן. אַז בסך־הכל איז ער אַ שלאָסער, און די האַנט לייגט זיך אים נישט צו דער פעדער. אָבער זי... האַ, האַ! שוין איין מאָל אַ הענטל צום שרייבן!

יאָסל האָט זיך איינגעהערט אין אָט דעם גליקלעכן געפּלוידער פונעם נאָר וואָס באַקענטן מענטשן, און פלוצלינג האָט די צייט, די שטענדיק שנעל לויפנדיקע צייט, זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ, פאַרהאַלטן זיך אויפן אָרט, און גענומען זיך קייק־לען אויף צוריק. יאָסל האָט דערפילט אַז ער לעבט מיטאַמאָל אין צוויי צייטן, פון וועלכע איינע לויפט פאָרויס, און די אַנדערע גאָר אַהינטער. ער, יאָסל, ווערט צעריבן אין דער מיט. איין צייט איז די איצטיקע, אין וועלכער ער פאָרט אין אַן אויטאָ, און לעבן אים פאָרט נאָך אַ סאָלדאַט, וועמען ער רופט פּאַדי און וועלכער איז אַן אירלענדער. אַלץ אין אָט דער צייט איז פּשוט און וויטיקלעך און פאַר־שטענדלעך. ערשט איז פאַראַן אַן אַנדערע צייט, אַ פאַרגאַנגענע, אַ ווייטע און פלוצלינג נאָענט־געוואָרענע, ווו דאָס וואָרט „אירלענדער" קלינגט מאָדנע פרעמד און עקזאָטיש, ווו הימל און ערד רעדן נאָר יידיש און פויליש, ווו עס פאָרט אַ באַן פון גרויסן און רוישיקן וואַרשע אַהינצו צום קליינעם שטעטעלע, וואָס ביי די וויסל־ברעגעס. פון די פעלדער רייסן זיך אַריין אין וואַגאָן די ריחות פון אַ גרויסער ענדערונג אינעם בויך פון דער ערד. ווזשע האַלטן מיר? ביי פרילינג אָדער האַרבסט? איז עס פאַר פּסח אָדער פאַר סוכות? איי, ווי מאָדנע דאָס איז... איצטער לויפן שוין ביידע צייטן צוזאַמען לעבן דעם ענגליש־מיליטערישן אויטאָ. יאָסל טראָגט זיך אין דער לופטן, און ביידע צייטן קוקן זיך איבער. יענע צייט, די אַמאָליקע, די פאַרגאַנגענע, קוקט מיט שטוינונג און פאַרוווּנדערונג אויף דער נייער, דער איצטיקער. יאָסל אין ציווילן אַנצוג, מיט אַ נייעם קראַוואַט אין שטריי־פעלעך, קוקט אַן יאָסלען אין ענגלישן מונדיר, וועלכער פאָרט צוזאַמען מיט אַ מאָדנעם מענטשן, וואָס הייסט פּאַדי און איז אַן אירלענדער.

...יאָ, מען איז דעמאָלט, הייסט עס, געפאָרן אויף פּסח אַהיים. די רייזע האָט געדויערט ביי די פיר שעה צייט. דאָס איז געווען בלויז די באַן. ערשט האָט מען באַדאַרפט פאָרן מיט אַ „דראָשקע" אַ האַלבע שעה פונעם וואָקזאַל אין שטעטל אַריין. די דראָשקע פלעגט לויפן צווישן קאָרנענע פעלדער און פון דער וויטנס האָט געשמעקט דער אייביק־גרינער סאָסנע־וואַלד, און די הייזקע ווו די דראָשקע פלעגט זיך אָפּשטעלן איז געשטאַנען אויף דער סאַמע גרענעץ צווישן שטאָט און פעלד...

יאָסל געדענקט: בעת ער איז דאָס לעצטע מאָל געפאָרן אַהיים, איז די קליינע רוחמהלע, די פלימעניצע זיינע, שוין געווען קיין עין־הרע אַ „מויד" פון גאַנצע

דריי יאָר. ער האָט איר ליב געהאַט מיט יענער משוגענער ליבע, מיט וועלכער מען האָט ליב דאָס קינד פון אַ גוטער און געטרייער שוועסטער, פון וועלכער מען איז זוכה צו האָבן נחת. ער האָט איר ליב געהאַט מיט דער דאָזיקער משוגענער ליבע, מיט וועלכער מען האָט ליב אַלע קליינע קינדער, בעת מען הויבט אָן טרוי־מען וועגן אַן אייגענער, וואַרעמער און געטרייער היים. און ערשט רוחמהלע אַליין! אַ קלייניקייט צו זאָגן, רוחמהלע! איר לאַכן און פישטשען, איר שפּרינגען און דער קאָמישער „פּעטערשי!" מיט וועלכן זי פלעגט אויפנעמען אים, יאָסלען טאָקע...

יאָסל דערמאָנט זיך: ווען די קליינטשינקע איז געבוירן געוואָרן, האָט ער גע־לאָזט גאָטס באַראָט אַלע פּאַרנומעניש זיינע אין וואַרשע און געפאָרן אַהיים כדי בייצוזיין די שמחה. ער קען זיך נישט דערמאָנען צי ס'איז געווען דאַן ווינטער צי זומער, אָבער ער געדענקט אַז ער איז אַריין אין זיין שוועסטערס הויז ווי אַ פריילעכער וואָלקן, רייטנדיק אויף דער זון... ס'איז אים דאַן אַנטקעגנגעקומען אַ פלעשל בראָנפן אין דער מאַמעס האַנט!

— יו אַר טייערד [8] — האָט פאַדי זיך אַריינגעמישט אין בילד. זיינע רויטע האָר האָבן געברענט איבער רוחמלהעס בעטעלע...

אוודאי איז רוחמהלע געווען ענלעך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער צו פאַדיס קינד. פּונקט אַזאַ צעקנייטשט רויט־פּנימדיק באַשעפענישל, וואָס ליגט איינגעקורטשעט אין אַ ים פון קישעלעך, וויקעלעך און פאַרהענגלעך... אוי, שרייט עס! עס רייסט זיך בקולי־קולות, און אַרום און אַרום וואַקסט דער טומל, דער יום־טוב־דיקער געפילדער, דאָס געקלימפּעריי פון די גלעזלעך, די ווינטשעוואַניעס פון דער גאַנצער משפחה פון קרובים, פריינט און געסט.

עס לייגט זיך אויפן שכל אַז איצטער איז ווינטער, וואָרום פון וואַנען האָט זיך ראַפּטעם דערנומען אַזאַ ביטערע קעלט? ניין, זאָגט פאַדי, ס'איז וואַרעם, די זון ברענט און פון מאַטאָר יאָגט אַ היץ...

לעבן יאָסלען האָט זיך שוין אָוועקגעזעצט אַ דריטער פּאַרשוין, אַ פּאָליאַק פון זיין שטעטל, פּאַן סאָבאַנסקי, וועמען ער האָט באַגעגנט אין וואַרשע, בעת ער איז אַהיימגעפאָרן מיט דער חברה פון דער בריגאַדע מיט עטלעכע חדשים צוריק. וואַרשע איז צעקלאַפּט, חרוב און פאַרשנייט... דער פּאָליאַק האָט אַ פּאָר פּעטע מאָרדעס. ער דערציילט יאָסלען ווי אַזוי רוחמהלע איז אומגעקומען:

...זיי האָבן זיך אַלע באַהאַלטן, דיין שוועסטער, איר מאַן און אירע צוויי קינדער אין אַ קעלער. ביי אַ פּויער אין אַ נאָענטן דאָרף. דיין שוואָגער האָט גוט באַצאָלט...

— אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן... — זאָגט פאַדי.

— די מלחמה איז געענדיקט! — רופט אויס יאָסל און דער פּאָליאַק שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

---

8) „איר זייט מיד".

— איך ווייס, איך ווייס — לאַכט פּאדי — איך האָב געוואָלט זאָגן: ווען מען וועט מיך דעמאָביליזירן, וועל איך קענען גוט פאַרדינען, איך האָב אַ גוט פאַך... עס וועט מיר נישט פעלן קיין געלט...

...גוט געלט האָט דיין שוואָגער באַצאָלט — זאָגט דער פּאָליאַק — אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דער פויער האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ קעלער אונטער אַ חורבה, ווו קיינער האָט נישט געוווינט. בייטאָג פלעגן זיי אַלע ליגן צוגעטייעטע אין זייער באַהעלטעניש און ביינאַכט פלעגט דיין שוועסטער אַרויסגיין צו באַקאַנ־טע קריסטן און בעטן שפּייז און וואַסער...

פּאדי טרינקט וויסקי פון אַ קעשענע־פלעשל. „ווילסט אַ שלונג?" פרעגט ער ביי יאָסלען. „וואַסער" ענטפערט יאָסל. „אָ, באַלד וועלן מיר צוקומען צום דאָרף" זאָגט פּאדי.

און דער פּאָליאַק ווייטער מיט זיינס:... דעמאָלט ביינאַכט, איז דיין שוועסטער צוריקגעקומען און זי האָט געטראָפן דיין שוואָגער מיט די קינדער שוין דער־הרגעטע. אַ דייטשישער פּאַטרול איז דאָרט פאַרביגעגאַנגען און דערהערט אַ קינד וויינען...

— מן הסתם רוחמהלע — רייסט אים יאָסל איבער.

— נייס דעי[9] — זאָגט פּאדי.

און דער פּאָליאַק ווידער אַ מאָל:... זיי זיינען אַריין אין קעלער און אַלעמען אומגעברענגט. דוכט זיך, אַז בלויז דיין שוואָגער האָבן זיי דערשאָסן, און די קינדער האָבן זיי דורכגעשטאָכן מיט באַגנעטן, ווייל עס איז זיי אַ שאָד געווען די קוילן... פאַרשטייסט דאָך, דאָס דאָרף איז שוין געווען „יודען־ריין"...

פּאַזע וועג זיינען פאַראַן שילדלעך מיט אויפשריפטן: „אַכטונג! אַ שמאָלע בריק!" אָדער „פּאַמעלעך! אַ קרייצונג!" יאָסל זוכט דעם אויפשריפט „יודען־ריין." אָט איז ער איז דער שילד מיט גרויסע אותיות. אַוודאַי האָבן די דייטשן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו שיסן די פאַרעקשנטע „יודען־שווינען". אַזוי האָט געטענהט דער אויפשריפט אויפן שילד, און דער פּאָליאַק האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזיפצט. דאַקעגן פּאדי האָט געלאַכט.

...און דיין שוועסטער איז געווען אַ מוטיקע פרוי. זי איז שטיל אַרויס פון דאָרף און אַוועק קיין וואַרשע. איך האָבז שוין געוווינט אין וואַרשע, און זי איז אַ צייט געווען ביי מיר. נו, לאָמיר זאָגן, מכלומרשט אַ דינסט. אָבער דערנאָך האָב איך מורא באַקומען. אַ שכן האָט געדראָט מיט פאַרמסרן, און זי איז אַוועק אין געטאָ... אויך דיינער אַ ברודער איז געווען אין געטאָ... אַ סך יידן זיינען געווען אין געטאָ... די דייטשן פלעגן אַרויספירן און עס פלעגן אָנקומען נייע...

„מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, טראַכט יאָסל, דער רבונו של עולם האָט דערויף באַשאַפן אַ סך יידן, כדי עס זאָל זיין מיט וועמענען צו פאַרפולן דעם געטאָ..."

פּאדי האָט נאָך נישט צוריקגעלייגט די פאָטאָגראַפיע אין דעם צעריסענעם

---

9) „אַ שיינער טאָג".

בייטעלע אַריין. ער שפּיגלט זיך אינעם בילד און לאַכט... רוחמהלע ליגט איצט ביי יאָסלען אויפן שויס מיט אַ בלוטיקן שוים אויף די קליינע, האַלב־אָפענע ליפּעלעך. די פיסעלעך זיינען פאַרוואָרפן ביי איר, פונקט ווי ביי פּאַדיס קינד.

פּאַדיס קינד לעבט און שמייכלט... רוחמהלע איז אַ גרויער וואָלקן איבערן פּאַליאַקס קאָפּ. דער פּאַליאַק אַליין ווערט אויך אַ נעפּל און שוועבט שטיל אַוועק צוזאַמען מיט רוחמהלען.

— זאָרג נישט — זאָגט פּאַדי — אַלץ וועט זיין גוט, אַבי מען זאָל שוין פּטור ווערן פון אָט דעם אידיאָטישן מיליטער־דינסט...

— זיכער, זיכער — פּאַטאַקעוועט יאָסל און עפנט אויף פּאַדין אַ פּאָר גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן.

— און דו, וואוהין וועסטו פאָרן, ווען מען וועט דיך דעמאָביליזירן? קיין פּאַלעסטיין? — פרעגט פּאַדי, אַ מידער פון רעדן די גאַנצע צייט.

— איך? איך ווייס נאָך נישט. קען זיין — ענטפערט יאָסל מיד.

— ס'הייסט, דו ווייסט נישט? — לאָזט פּאַדי נישט נאָך — ווו איז דיין היים?

— איך האָב נישט קיין סטאַבילע היים — ענטפערט יאָסל פּאַמעלעך, און עס דוכט זיך אים, אַז דאָס איז נישט זיין אייגן קול — איך שטאַם פון פּוילן, אָבער די „דזשעריס" [10] האָבן אויסגעשאָכטן די גאַנצע משפחה מיינע...

— אָ, איי'ם סאָררי [11] — זאָגט פּאַדי. יאָסל טראַכט אַז פּאַדי איז אַ גוטער מענטש. אָט האָט ער חרטה הלמאי ער האָט געשטעלט אַזאַ פראַגע, הלמאי ער האָט אומגערן אָנגערירט עמעצנס אַן אייטערדיקע ווונד. אָבער פּאַדיס קינד לעבט, און רוחמהלע איז אַ גרויער וואָלקן איבער דעם פּאַליאַקס קאָפּ.

דער אויטאָ איז גראָד אַריינגעפאָרן אין איינעם פון די דייטשישע דערפער וואָס ביים וועג. דורך די פענצטער קוקן אויף דער מאַשין דערשראָקענע, פינצ־טערע בליקן. פּלוצלינג האָט זיך אין מאָטאָר פונעם אויטאָ עפּעס ווי אָפּגעריסן, אַ כאָרכל געטון און פאַרקייכט. ביידע זיינען אַרויס פון דער קאַבינע און אַראָפּגע־שפּרונגען אויף דער ערד. פּאַדי האָט געעפנט דעם דעק פון דער מאַשין און ביידע האָבן גענומען טאַפּן מיט מבינישע הענט די שטאָלערנע געדערים פונעם מאָטאָר, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין דעכען.

יאָסל האָט דערפילט פּלוצלינג ווי עמעצער ציט אים ביים אַרבל. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט. פאַר אים איז געשטאַנען אַ קינד פון אַ יאָר פיר צי פינף. בלייך איז עס געווען און זיינע פלאַקסענע הערעלעך זיינען געווען צעשויבערט. עס האָט אויסגעשטרעקט צו יאָסלען אַן אויסגעדאַרט, בייניק הענטל:

—האָסטו שאָקאָלאַד, טאָמי? [12] גיב מיר איין שטיקכען!

דאָס קול איז פול געווען מיט צוטרוי און געבעט. אַלע קינדער פון דער גאַ־

---

10) „דייטשן".

11) „עס טוט מיר לייד".

12) צונעמעניש פאַר אַן ענגלישן סאַלדאַט.

רער וועלט האָבן צוטרוי צו סאָלדאַטן. צו יעטוועדן סאָלדאַט, פון וועלכער אַרמיי ער זאָל נישט זיין. די דערוואַקסענע האָבן נישט קיין צוטרוי צו קיינעם נישט.

יאָסל רוקט מעכאַניש אַריין די האַנט אין דער איבער־קעשענע. דאָרט האַלט ער שטענדיק זיין שאָקאָלאַד. ער האָט זעלטן שאָקאָלאַד. ער האָט ליב צו טיילן שאָקאָלאַד קינדער און טראַכטן דערביי וועגן רוחמהלען. „יודען־ריין" — דערמאָנט ער זיך פּלוצלינג. רוחמהלע ליגט מיט אַ בלוטיקן שוים אויף די ליפּעלעך. פון די פענצטער קוקן אַרויס די פינצטערע אויגן.

— גיי אַוועק! — צעשרייט ער זיך אויפן קינד.

פאַדי דרייט אויף דעם קאָפּ.

— וואָס וויל ער, דער יאָט? שאָקאָלאַד? וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל אים געבן, אויב דו האָסט נישט — פאַדי גייט צו דער קאַבינע.

— דו וועסט נישט געבן — זאָגט יאָסל מיט אַ מאָדנער, פרעמדער שטימע.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָל איך נישט געבן? — פרעגט פאַדי מיט גרויס שטוינונג.

דאָס דייטשישע קינד איז אָפּגעטראָטן אויף צוריק און געקוקט אויף ביידן מיט גרויסע, דערשראָקענע און פאַרוונדערטע אויגן. אויך פאַדי איז שטיין געבליבן מיט אַ גרויסן פראַגע־צייכן אויפן רויטן פנים.

יאָסל אָטעמט שווער:

— דאָס קינד — טייטלט ער מיטן פינגער — איז אַ דייטשיש קינד. זיי זיינען אַלע קינדער־מערדערס, די פאַרשאָלטענע דזשעריס...

פאַדי הויבט אָן פאַרשטיין. איבער זיין רויטן פנים וויקלט זיך אַ פאַרגעבלעכער, טרויעריקער שמייכל, אָבער ער גייט צו צו דער קאַבינע און אַזוי גייענדיק רעדט ער מיט אַ באַרויקנדיקער שטימע:

— דאָס קינד איז גאָרנישט שולדיק. אַ קינד איז אַ קינד. דייטש אָדער נישט דייטש. נו, גוט, דו וועסט אים נישט געבן פון דיין שאָקאָלאַד, אָבער דו קענסט דאָך מיר נישט פאַרווערן איך זאָל אים געבן פון מיין שאָקאָלאַד. דו וועסט נישט זיין אַזאַ טיפּש, אַז דו זאָלסט דיר איינרעדן, אַז דו וועסט מיר געבן באַפעלן, און איך וועל זיי אויספירן.

פאַדי נעמט אַרויס אַ שטיקל שאָקאָלאַד פון זיין קעסטעלע מיט די מכשירים צום אויטאָ. ער דרייט אויס זיין קאָפּ. בלויז דער טאָן זיינער איז אַ פריינטלעכער. אין זיינע גרינע אויגן ברענט אַ רויטע רציחה, אַ רויטע ווי די האָר אויף זיין איר־לענדישן קאָפּ. צווישן זיינע ליפּן קייקלט זיך און צישעט אַ „דזש..." און יאָסל ווייסט נישט צי דאָס איז דער אָנהויב פון אַ „דזשערי" אָדער פון אַ „דזשו" [13].

— נאַ, נעם! — זאָגט פאַדי צום קינד. דאָס דייטשישע יאָטל האָט מורא זיך צו דערנענטערן. ער קוקט פון דער ווייטנס און וואַרט. די אייגעלעך לויכטן אויף זיין אויסגעדאַרטן פּנימל. אָבער זיין וואַקלעניש דויערט קורץ. ער דערנענטערט

---

13) ייד.

זיך. ער שטרעקט אויס דאָס הענטל צום געגאַרטן שאָקאָלאַד. אָט נעמט ער עס...

אָבער יאָסל איז שנעלער. יאָסל איז פלינקער. ער דערגרייכט דעם שאָקאָלאַד, וואָס ליגט אויף פּאַדיס האַנט, פריער ווי דאָס קינד. אָט ליגט שוין דאָס שטיקל שאָקאָלאַד אין דער בלאָטע. יאָסל טרעט עס אַריין אין דער ערד מיט זיין שווערן זעלנערישן שוך.

— איך האָב געזאָגט: דו וועסט נישט געבן! — חזרט ער איבער מיט אַן איינגעשפּאַרטער, געדעמפּטער שטימע. דאָס גאַנצע בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. זיין אייגן בלוט און רוחמהלעס בלוט. ער אָטעמט שווער און פילט געגוי יעדע פּולסירונג אין די שלייפן זיינע.

פּאַדי נעמט פּאַמעלעך אויסטון די בלוזע. ער שפּאַרט אַריין זיינע צוויי פעס־טע פיס אינעם באַדן, שטרעקט אויס איין פויסט פּאַרויס, און די צווייטע הויבט ער אויף און פאַרשטעלט דאָס פּנים.

— ביסט גרייט? — פרעגט ער ווי אַ באָקסער אויף דער אַרענע.

יאָסל האָט קיינמאָל נישט געלערנט באָקס, אָבער ער ענטפערט:

— גרייט!

— ווי העוו גאָט טוּ פייט איז אָוט[14] — זאָגט פּאַדי און פרעסט צונויף די ציין. יאָסל הערט ווידער דעם „דזש...", אָבער דאָס מאָל איז ער כמעט ווי זי־כער, אַז דאָס איז אַ „דזשו".

עס איז פאַראַן נאָך אַ מאָדנער גראַם: „פייט" און „גרייט". יאָ, ער, יאָסל, איז גרייט.

ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ ווי אַ ביק און זיך אַ לאָז געטון פאָרויס. ער האָט געפילט ווי די שווערע אירלענדישע פויסטן פאַלן אויף זיין קאָפּ, אויף די אַקסלען, אויף דער ברוסט, אין די זייטן; אָבער ער האָט געהאַלטן אין איין שפּאַרן פאָרויס, אַ פאַרביסענער, אַ צערייצטער, אַ ווילדער. ער האָט פּלוצלינג דערפילט אַז די פינגער זיינע האָבן זיך שוין דערקליבן צו פּאַדיס האַלדז, אַהינצו פון וואַנען עס קריכט אַרויס דער שלאַנגיק־שיפּענדיקער, גיפטיקער „דזש...". ער האָט דערפילט וויביידע קייקלען זיך אויף דער ערד אין אַ ווילדן געקנויל פון הענט־און־פיס־און־לייב־און־לעבן. פּאַדיס קלעפּ זיינען אומברחמנותדיק און ווילד, אָבער ער, יאָסל, דריקט אויף זיין האַלדז מיטן גאַנצן כוח. ער וויל, ער מוז איינ־שטילן דעם „דזש..." און ער האָט פּלוצלינג באַנומען אַז פּאַדי כאָרכלט אונטערן אייזערנעם געקלאַמער פון זיינע פינגער אַרום דעם גאָרגל. ער האָט נאָכגעלאָזט...

זיי האָבן זיך ביידע אויפגעשטעלט. זיי זיינען ביידע געווען פאַרבלוטיקט, צע־קיילט און צעביילט. פּאַדי האָט געקוקט אויף אים מיט דעם זעלבן פינצטערן בליק ווי די דייטשן פון די פענצטער אַרויס. פּאַמעלעך איז ער צוגעגאַנגען צום אויטאָ און אַרויסגעוואָרפן פון דער קאַבינע יאָסלס רענצל. יאָסל האָט עס אויפגעהויבן,

14) מיר דאַרפן דאָס לייזן דורך אַ קאַמף.

אָפּגעצויגן דעם מונדיר און אַוועק מיט אַ וואַקלדיקן טראָט איבער דער ברייטער דאָרפישער גאַס.

פּאַדיס אויטאָ האָט אים אָנגעיאָגט און אַריבערגעיאָגט, ווען ער איז געגאַנגען איבערן ברייטן שאָסיי, שוין אויסערן דאָרף. יאָסל האָט נאָכגעקוקט ווי די גרויסע מאַשין קייקלט זיך איבערן טראַקט ווי אַ פּאַרצייטיקע גרויסע חיה. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די מאַשין איז פאַרשווונדן העט ווייט. אויף יאָסלען האָט גע־נומען דריקן די גרויסע, אומדערטרעגלעכע, דערדריקנדיקע לאַסט פון איינזאַמ־קייט.

שמחה סנה

געבוירן אין 1914, אין פּולאַווו, לובלינער געגנט. אין 1939 אַריבער קיין רוסלאַנד. געדינט אין דער רויטער אַרמיי, דערנאָך אין אַנדערס־אַרמיי. פון דאָרט אַריבער אין דער ארץ־ישראל־בריגאַדע. פון 1947 טעטיק געווען אין אַרגענטינע פון וואַנען ער איז עולה־געווען אין יאָר 1971.

ערשטע ליטעראַרישע פּרווון — אין דער פּוילישער שפּראַך. זיין ערשט בוך אין יידיש איז דערשינען אין לאָנדאָן (״אויף פרעמדע וועגן״, פאַרלאַג ״פריייע יידישע טריבונע״, לאָנדאָן 1946). אַנדערע פּובליקאַ־ציעס: ״בלעטער אויפן ווינט״ (פּאָעזיע), בוענאָס־איירעס 1948; ״נע־ונד״, ערשטער באַנד פון אַ טרילאָגיע, דערשינען אין ״די פּרעסע״, בוענאָס־איירעס 1951, ״דאָס געשריי אין דער נאַכט״ (דראַמע), בוע־נאָס־איירעס 1956. אין שפּאַניש דערשינען אַ מאָנאָגראַפיע וועגן ש״י עגנון און אַן אַרבעט וועגן דעם סאָוויעטישן יידנטום. איבערגעזעצט אויף יידיש דעם ״ספר הפלמ״ח״. באַקומען דעם קעסעל־פּרייז, מעק־סיקאָ 1953.

רחל בוימוואָל

לידער

רעגנבויגן

אוי, רעגנבויגן, רעגנבויגן!
עס רעגנט מיר ניט זעלטן פון די אויגן...
צו וואָס וואָלט, מ׳שטיינט געזאָגט, דאָס לעבן טויגן,
ווען בלויז אַ רעגן אָן אַ רעגנבויגן?

די לידער־בויגנס אין מיין שופלאָד ליגן.
דו, רעגנבויגן, ווייסט דעם פאַרגעניגן
פון רחבות און פון אַלע זיבן פאַרבן.
און מיינע בויגנס אין דער פינצטער שטאַרבן.

אַ גרויסע קראַפט וואָלט מען דערצו באַדאַרפן —
זיי פונקט ווי דיך, אין רוים אַריבערוואַרפן.
און זאָל מיר אויסקומען פון דרערד אַנטרינען.
נאָר זיי וועלן אַן אָנשפּאַר זיך געפינען.

אוי, רעגנבויגן, רעגנבויגן!
אויך דיר קומט אויס זיך פאַר דער ערד פאַרנויגן.
נאָר ס׳איז כדאי צו זיין אַ ריזן־טויער,
וואָס נעמט אַריין אין זיך אי פרייד, אי טרויער.

מיט אַלע אונדז, מיט מיר, מיט מיינע טרערן,
וואָס העלפן מיר און דיר געלייטערט ווערן.

✶

ראַדיאָ פון ישראל

אַט, אָ די כוואַליעס
פאַרטויבט מען שטענדיק.
ס'טרעפט, איך כאַפּ אַ פּאָר ווערטער,
ווען מע האָט שוין געענדיקט, —
אַ שטיקל פון סוף.
נאָר ס'איז הערן כדאי אים:
"אַ גוטע נאַכט אייך
פון ירושלים!"...

איך לייג זיך אַוועק
אויף מיין מאָסקווער געלעגער.
...כ'זע אין חלום מיט שרעק,
אַז איך בין גאָר אַ נעגער!
מען פירט מיך לינטשן,
און אַלע העצן...
אין דרום־אַמעריקע
זיינען ווילדע געזעצן...

אין דרום־אַמעריקע? —
ס'איז דאָך מאָסקווע, קליין בראָננע!
אויף מיין טויער פלאַטערט
אַ רויטע פאָנע.
עס שפּאַצירט אַ "לייבעלע" *
לעבן מיין טויער,
און כלומרשט ער קוקט
אין אַ זייט ערגעץ זויער,
און כלומרשט
ער האָט מיך ניט אין די געדאַנקען.
נאָר מיר טוט אַ שטאָך אין האַרצן:
לוביאַנקע! **

* אַ שפּיק.

** דאָס הויז פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי.

כ׳טו אַ טראַכט אין שלאָף
אַ געדאַנק אַ ניכטערן,
אַז איך בין סוף־כל־סוף
דאָך אַ יידישע דיכטערן.
...נאָר מע שלעפּט מיך לינטשן,
און אַלע העצן...
דאָ, אין רוסלאַנד
זיינען ווילדע געזעצן.

כ׳כאַפּ זיך אויף, פאַרשמאַכט,
ס׳איז אַ חלום. כ׳פאַרדיי אים.
און די גוטע נאַכט
איז אין ירושלים...

✶

פון אייזן־בעטאָן

וואָס זאָל איך טאָן,
וואָס זאָל איך טאָן,
אַז די וואַנט איז ביי מיר
פון אייזן־בעטאָן,

און ס׳דערגייט ניט דורך איר
מיין קול אויף דער פריי,
און קיינער פון דרויסן־זייט
הערט ניט, ווי כ׳שריי...

וואָס זאָל איך טאָן,
וואָס זאָל איך טאָן,
אַז דאָס פענצטער ביי מיר
איז פון אייזן־בעטאָן, —

פון דרויסן מע קען ניט
מיך זעען דורך אים,
אַזוי ווי מע קען אויך ניט
הערן מיין שטים...

וואָס זאָל איך טאָן,
וואָס זאָל איך טאָן,
אַז דער הימל איז אויך דאָ
פון אייזן־בעטאָן,

און קוקט מיט אַן אויג
פון אייביקער פריר
אויף מיין הויז,
אויף מיין וואַנט,
אויף מיין פענצטער,
אויף מיר...

דו מיינסט...

דו מיינסט, אַז דאָס איז שוין אַ שטוב,
ווען ס׳פּאָרט זיך וואַנט מיט וואַנט,
און ס׳שטייט דיין באָדן אויף אַ גרוב,
וואָס טאָר ניט זיין דערמאָנט?

דו מיינסט, אַז דאָס איז שוין די זעט,
ווען האָסט דאָס שטיקל ברויט,
און יענער קיינמאָל עסן וועט,
ווער אָנשטאָט דיר איז טויט?

דו מיינסט מסתמא, ווי מיר שיינט,
אַז דאָס איז קיין שום זינד
דעם נעכטן אָפּטיילן פון היינט,
דעם פריער — פון אַצינד,

אַוועקשטעלן אַ בעט, אַ טיש,
ווו ס׳האָט געטריפט דיין בלוט,
און זאָגן — אַלץ איז אָפּגעווישט,
עס איז מיר ווידער גוט!

ניין, דאָרט, ווו גליטשיק איז דער גרונט,
זיך האַלטן ניט קיין ווענט!
און ס׳עסט אפילו ניט קיין הונט
פון דעם רוצח׳ס הענט.

כ׳וועל האָרעווען פון פרי ביז פרי,
זאָל זיין מיין שטוב אויף באָרג.
נאָר דאָס וועט זיין אַן אַנדער מי,
און גאָר אַן אַנדער זאָרג.

וואַרט ניט, מענטשן !

וואַרט ניט, מענטשן, וואַרט ניט אויף מיין טויט —
דעמאָלט ערשט צו לייענען די ביכער,
ווי איך האָב אין לידער אייך פאַרטרויט
אַלץ, וואָס איז מיר ניחא און ניט ניחא.

אַלץ וואָס איז מיר טייער אָן אַ ברעג,
אַלץ, פון וואָס איך פלעג אַ לעבן וויכן, —
אַלץ, וואָס איך באַשטעטיק, וואָס איך פרעג, —
זייט מיט מיר היינט, ווי מיט אייער גלייכן !

זוכט מיך אין אַ גוטער שורה אָפּ,
פאַרגעדענקט אַ קלינגענדיקע סטראָפע.
שאָקלט צו, אויב ס׳לאָזט זיך, מיטן קאָפּ,
אויב ס׳געפעלט אייך ניט, איז זאָגט עס אָפן.

נאָר פאַרטייעט זיך ניט, כ׳בעט אייך שטאַרק,
אַט ווי יענע מייז דאָרט אין די לעכער !
אויב מיר קומט, דערלאַנגט איבערן קאַרק.
אויב איך האָב פאַרדינט, איז שטעלט מיך העכער !

*

עס ריזלט אַ טייכל

עס ריזלט אַ טייכל
די גרייס פון אַ שפּאַן.
אין באָדן אין פייכטן
פיל זוימען פאַראַן.

אַן עדות דער הימל,
ווי ס'שפּראָצט פונעם זוים
דאָס גרעזל, דאָס בלימל,
דער קוסט און דער בוים.

עס ריזלט אַ טייכל,
אַלץ ברייטער עס ווערט.
זיין זילבערנער שלייכן
צעאַקערט די ערד.

עס נעמט זיך צעשפּרייטן,
ס'ווערט שטאַרקער זיין שטראָם,
פון איין ברעג צום צווייטן
שוין גייט אַ פּאַראָם...

דעם פלוסבעט פאַרטיפן
דער כוואַליע געלינגט.
...אָט שווימען שוין שיפן,
דער וואַסערגאַנג זינגט.

אין אויפבלי אין רייכן
דאָס פעלד און דער לאַן.
...געווען דאָ אַ טייכל
די גרייס פון אַ שפּאַן...

✶

איך גיי אויס נאָך דיר, שיינקייט

איך גיי אויס נאָך דיר, שיינקייט!
הלמאַי זאָל איך זאָגן, —
כ׳גיי דיר נאָך,
ווי אַ לאָשעק גייט נאָך נאָכן וואָגן.

פון אַן אומגעריכט ווינקל
נעמסטו טיילמאָל מיר ווינקען,
גלייך פאַרגעס איך פון עסן,
גלייך פאַרגעס איך פון טרינקען.

דו ביסט שיין אין די פרויען.
נאָר פאַר מיר ביסטו שענער —
ניט פאַרלייקענען וועל איך —
ווען דו שיינסט אין די מענער.

דו ביסט טויזנט מאָל שיין,
ווען דו שטראַלסט פון די קינדער.
ס׳ווערט דיין בליציקער שאַרף
אין די זקנים געלינדערט.

דו באַזעצסט זיך אין פויגל,
אין דער רויפע אפילו.
פון דער גאַנצער נאַטור
לייכטסט אַרויס מיט אַ תפילה,

ווי אַ שטומער געבעט —
עס זאָל ווערן פאַרגעבן,
וואָס אויך מיאוסקייט האָט
אומפאַרמיידלעך דאָס לעבן.

איך גיי אויס נאָך דיר, שיינקייט!
דו האָסט טויזנטער וועגן,
ווען אַנטפלעקן דו ווילסט
פאַר דער וועלט דיין פאַרמעגן —

אין אַ שמייכל, אַ וואָרט,
אין דעם פּאָכן פון וויעס,
אין אַ העלן געדאַנק
צי אין פיינע נטיות, —

אַז מע ווייסט ניט אַליין
מיט וואָס צו דערקלערן:
נו מיט וואָס איז עס שיין
און עס רירט אַזש ביז טרערן.

איך גיי אויס נאָך דיר, שיינקייט,
נו וואָס קען מען דאָ זאָגן! —
כ'גיי דיר נאָך,
ווי אַ לאָשעק גייט נאָך נאָכן וואָגן.

* * *

ממש צוגעזאָגט בין איך צו דעם באָדן,
אָט ווי דער געדאַנקענלאָזער בוים.
איז מיט ווער־מען קען איך זיך דאָ לאָדן,
האָבן טענות, אַז כ'באַגרייף עס קוים!

ערגער פון דעם פערד, וואָס קייט דעם האָבער,
ערגער פון דער מעקנדיקער ציג...
כ'וואָלט מיט פאַרגעניגן פאָרן, אָבער
מיט אַ תנאי — כ'זאָל קומען ווען צוריק.

נאָר איך מוז פאַרברענען אַלע בריקן —
כ'וועל זיך שוין ניט אומקערן אַהער!
כאָטש איך זוך הייַנט ניט קיין נייע גליקן,
נאָר מיין אַלטן אומגליק כ'דולד ניט מער.

אין וועג

דער וועג איז צעהאַקט: שטיקער באַרג, שטיקער וואַלד...
די זון־שיין אין הימל אויף שטיקער צעפּאַלט.
ס'נעמט דוכטן, אַז דאָס איז דער תּוך און דער עיקר,
וואָס אַלץ איז פון שטיקער, וואָס אַלץ איז פון שטיקער.

און ס'שטרעקט זיך בשתיקה די ערד צו דעם הימל,
און אַלץ איז דאָ שיכור — פון בוים ביז צום בלימל,
און אַלץ פליט אַנטקעגן, און אַלץ — אין צוריקקער —

אין פלעקן,
אין שטריכן,
אין פלאַכטעס,
אין שטיקער...

און וווּ איז די גאַנצקייט — דער אָנהויב, דער סוף?
אַלץ אָפּגעהאַקט, פּלוצים, אַזוי ווי אין שלאָף.
און ס'וויגן זיך אַלע אויף זייערע ערטער
און וואַרפן זיך איבער מיט שטיקלעך פון ווערטער...

★

צו מיין רעציאַטאָר

לייען מיך נישט שיין,
לייען ריכטיק !
לייען אַזוי, מ׳זאָל פאַרשטיין
דאָס, וואָס ס׳איז נויטיק און וויכטיק.
ס׳זאָל צו יעדן דערגיין —
ביזן ביין
מיין וואָרט דורך פאַרקלאַמערטע ציין, —
פון מיין האַרץ דאָס געוויין
אין בענקשאַפט אַז ווערן זאָל ליכטיק,
מיין אָפּזאָג דער פינצטערניש : — ניין !
און — נאָך אַ מאָל — ניין !
מיין אייביקע זאָרג, וואָס געדיכט איז
אַזוי ווי אַ שטיין...
צי וועל איך אין שטאַנד זיין,
צי וועל איך דערגיין ?...
. . . .
און צווישן דעם אַלעם פאַרניכט ניט
דאָס ביסעלע ווייבלעכע חן...

★

רחל בוימוואָל

געבוירן אין אָדעס, 1914. פאַרענדיקט דעם מאָסקווער מלוכה־אוניווערסיטעט. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1923. עולה געווען פון מאָסקווע אין 1971. באַלוינט מיט דער אַטראַן־פּרעמיע פון יידישן אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס.

די ערשטע זאַמלונג קינדער־לידער פאַרעפנטלעכט אין מאָסקווע, אין 1930, מיט אַ פאָרוואָרט פון משה כץ. ווייטערדיקע ווערק אין יידיש : ״פּיאָנערן״ (מאָסקווע, 1934), ״לידער״ (מינסק, 1936), ״לי־דער״ (מאָסקווע, 1940), ״ווײַנשלבוימער בליען״ (מינסק, 1939), ״קינדער־מעשהלעך״ (מאָסקווע, 1941), ״ליבשאַפט״)מאָסקווע, 1947).

אין ישראל זיינען דערשינען : ״אויסגעבענקט״ (תל־אביב, 1972), ״אַ מאָל איז געווען אַ העלפאַנד״ (תל־אביב, 1973), איין בוך ״פּופּציק און איין מעשה״, דערשינען אין העברעישער איבערזעצונג (1973). פון די ביכער איבערגעזעצטע און אָריגינעל געשריבן אין רוסיש — ״קוקנדיק אין די אויגן״ (מאָסקווע, 1968), ״מעשה׳לעך פאַר דערוואַקסענע״ (1963), חוץ פיל אַנדערע קלענערע און גרעסערע קינדער־ביכלעך. אירע לידער און מעשהלעך זיינען אויך געווען איבערגעזעצט אויף טשעכיש, בולגאַריש, סערביש, שפּאַניש, ליטוויש, הינדו און אורדו.



אַ גאַס פון ירושלים — יצחק ליכטענשטיין

אברהם ביק

דאָס קול אויפֿן הר הצופים

פראַגמענט פון היסטאָרישן ראָמאַן: „יעקב עמדין"

קול צופיך נשאו קול יחדיו ירננו, כי עין בעין
יראו בשוב ה' ציון (ישעיה נב, ח)
דאָס קול פון די צופים הייבט אַ קול, זיי זינגען אין
איינעם, אויג אויף אַ אויג דעם צוריקקער קיין ציון.

ח' אייר, תק"ח (1748)

אויף דעם צווייטן שטאָק פון רויט־ציגלדיקן הויז, וואָס אויף דער האַמבור־גער גאַס לעבן דער ברייטער גאַס, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט הויכע לינדנביימער, זיינען די לאָדן אויף די פענצטער געווען האַלב פאַרמאַכט. אין איין חדר האָט געבלענדט אַ ווייס ליכט, וואָס האָט געוואָרפן אַ געדעמפטע שיין אויף די אַלמערס ספרים, אויף די ווענט.

ביי אַ טישל אין געזעסן דער יונגער תלמיד חכם ר' יעקב עמדין פון אַלטאָנאַ. אַ הויכער, אַ שלאַנקער ווי אַ גרין־ברוינער לולב. דאָס לענגלעכע פּנים טונקל און די הויט גערונצלט, ווי עס וואָלט ניט דורכגעלאָזן די אינערלעכע פלאַמען און אין די ברוינע אויגן — אומעט. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ גמרא, געבונדן אין האַלץ־טאָוולען און באַצויגן מיט ווייסן לעדער, און די אותיות, שפּיציקע, קיילעכדיקע, האָבן געלויכטן מיט זייער פרישער דרוק־שריפט. דאָס ווייסע ליכט פונם לאָמפּ האָט צעגאָסן אַ קאַרגע שיין און זיך געמישט מיט די שאָטנס אַרום די ווענט.

שוין עטלעכע וואָכן ווי ר' יעקב האָט געוואַנדערט איבער שטעט און דערפער פון די פּרייסישע פּראָווינצן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער פאַרלאָזן דאָס רבנות אין דער פריזלענדישער שטאָט עמדין, האָט זיך אריבערגעצויגן אין דער דענישער שטאָט אַלטאָנאַ ביים טייך עלבע, די גרענעץ פון פּרייסן, און דאָרט געעפנט אַ דרוקעריי. איצט האָט ער זיך געלאָזן אויף אַ נסיעה איבער דייטשלאַנד, געווען אין די שטעט, ווו עס האָבן זיך פון קדמונים אָן געפונען יידישע דרוקערייען און געזוכט איינצוקויפן שריפט און מאַטריצן פון אותיות.

אויף זיין נסיעה האָט ר' יעקב דורכגעמאַכט אַלע בזיונות וואָס אַ גלות־ייד מאַכט דורך אין די מקומות. איצט האָט ער זיך אָפּגערוט ביי זיין שוועסטער־קינד דוד מירלס, אָבער ער האָט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן די פּגעים רעים, די טרעפּעניש פון דער רייזע.

שוין די זאַקסישע און פּרייסישע שטעט אַליין מיט זייערע קירכן און שפּיציקע דעכער און טורעמס האָבן אויף אים אָנגעיאָגט אַ פּחד. און וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צו די פירשטלעכע פּראָווינצן: טירינגען, זאַקסן־אַנהאַלט, בראַנדענבורג — אַלץ אָפטער האָט ער געהערט די קללות און די שפּאָטישע רייד פון די גויים. אין אַ וואַלד, צווישן די שטעט דעסאַו און האַללע, האָט ער זיך באַגעגנט מיט וואַלד־יעגער. הויכע פּרייסן, באַוואָפנטע מיט כלי־זין און פאַרדרייטע בלאָז־הערנער. און אַז ער איז אַריין אין אַ שטאָט און זיך אַרומגעדרייט צווישן די „בינקל יודען״, די יידישע מאַרק־הענדלער, מיט די פאַרביקע לאַטעס אויף זייערע קליידער, וועלכע האָבן אויסגערופן זייערע סחורות, האָבן בלאָנדע יינגלעך מיט רשעותדיקע פּונקען אין די העל־בלויע אויגן, אים געשטויסן און נאָכגעשריגן: „יודע, יודע מינצע!״ (געלט).

אין פּאָטסדאַם, וואָס איז געווען די רעזידענץ פון פּרייסישן פירשטנטום, ווו אים איז אויסגעקומען צו זיין צוויי טעג, האָט ער געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז פון דאָרט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. ווו אַ קער — לאַנד־קנעכט, זעלנער מיט שוואַרצע און שווערע ביקסן, מיט שאַרפע שווערדן; ווו אַ ווענד — צלמים, קרייצן, גלייכע, קרומע, איבערגעהאַקטע...

גאַנץ פרי האָט זיך יעקב איבערגעוועקט פון אַ דונער־געקנאַל. דאָס האָבן דעם קייזערס חיילות געמאַכט מיליטערישע איבונגען, מאַנעווערס.

זיין בעל אכסניה, זלמן ווענצלער, דער ראש הקהל פון בראַנדענבורג, האָט מיט אים, יעקב׳ן, געקנעלט „פּאָליטיק״. ער האָט אים געוואָלט געבן צו פאַרשטיין וואָס מיינט פּרייסן. דאָס געשטאַלט פון דער מדינה — האָט ער מיט אים געלערנט — איז פון אַן אָדלער, וואָס איין פליגל זיינער שטעקט אויפן באַרג יוליך,ביים טייך רהיין, און דער צווייטער פליגל — ביים טייך מעמל, די גרענעץ פון רוסלאַנד. אין צווישן ליגן די פּרייסישע פּראָווינצן און אין מיטן פליסט דער טייך עלבע, מזרח צו — דער אָדער, די נייסע. פּרייסן פאַרנעמט זיך איינצונעמען די וועלט...

— ווי אַ וואָלף פון וואַלד — האָט יעקב געטראַכט — ווי אַ וואָלף, וואָס טרעט און פאַרצוקט ווען קיינער שטעלט זיך ניט קעגן אים...

— ווי אַ בער — האָט דער ראש הקהל געזאָגט. דער נאָמען בערלין נעמט זיך פון בער...

— און איך האָב געמיינט אַז דער בער איז די מדינה רוסלאַנד — האָט יעקב געזאָגט...

— וואָס איז דער חילוק — האָט דער ראש הקהל אַ קעם געטאָן מיט די פינגער זיין לאַנגע גרויע באָרד, און געענטפערט: — ביידע בערן, זאָל דער שומר ישראל אונדז מציל זיין פון ביידן...

אין דער פרי, אַז יעקב איז געגאַנגען אין בית מדרש פון יידן־פערטל, האָבן זיך קאַלטע נעפּלען געטראָגן פון דערבייאיקן טייך האַוועל. פון דער שיטער געוואָרענער גרויקייט איז אַרויסגעשווומען אַ פעלדז און אויף זיין הויך אַ קופּער־

נער רייטער, וואָס האָט אויסגעזען ווי ער איז פאַרגליווערט געוואָרן אין זיין שפּרונג, ניט אַנדערש ווי אַ מעכטיקער אָרעם וואָלט אים באַפוילן: עד כאן! ביז אַהער! און ער האָט געמוזט פאָלגן, אַ ברירה האָט ער געהאַט?

אַ ציטער איז אַדורך יעקבס רוקן. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ שטיק גוג ומגוג, אַן אָנזאָג אויף די חבלי־משיח, משיחס ווייטיקן. און אַז ער איז אויף מאָרגן פאַרביי דעם רייטער האָט ער געמורמלט די תפילה: דאָס מלכות פון רשעות צעברעך, רייס אויס, דערנידעריק, ברענג אויף זיי שפלות, הכנעה און אונדז, דיינע קינדער, לייז אויס, און ברענג אונדז קיין ציון, גיך אין אונדזערע טעג, אמן!

אָפּגעזאָגט די תפילה האָט זיך אים געדאַכט ווי די געשטאַלט איז אַרויסגעשוווּמען פונעם נעפּל און וואָרנט אים:

— דו יודע! דו אַלזאָ און אַלזאָ! האָסט פאַרגעסן אין וועמענס לאַנד דו געפינסט זיך? און נאָכדעם האָט זיך שוין דער קופּערנער רייטער באַוויזן צו אים אויך דאָ אין בערלין, ווי נאָר ער איז פאַרבייגעגאַנגען די גאַס ווו עס וואַקסט דער לינדנבוים...

יעקב האָט אַרויסגעדרייט אַ קנויט פונעם לאָמפּ, גרעסער געמאַכט די שיין און זיך געוויגט איבער דער אָפענער גמרא, זיך געוואָלט ראַטעווען פון אומעטיקע מחשבות און ניט געקאָנט. אין זיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט דער קופּערנער רייטער, די העל־בלאַנדע ייִנגלעך און דער לינדנבוים. ער האָט געטראַכט אַז דאָ ניט ווייט וווינען יידן וועלכע האַנדלען מיט טוכן, מיט בוימוואָל, מיט זיידנס און גלאָזוואַרג, מיט דימענטן און צירונג.

אין מדינת פּרייסן זיינען דאָ אַרום דריי טויזנט יידישע משפחות, וואָס צאָלן דעם קייזערלעכן שטייער פאַר זייער וווינרעכט. אין בערלין אַליין — 190 משפחות; אין האַמבורג און דער דערבייאיקער אַלטאָנאַ — 200, און די יידן — רק זיי מסחרן, האַנדלען. עס פלאַמט דער באַגער רייך צו ווערן, אָבער וואָס קומט אַרויס? זאָל די שעה ניט זיין און דאָס רוצחיש בלוט פון גוג און מגוג וועט אַנהויבן זידן, וואָס וועט דעמאָלט העלפן געלט, פאַרמעגן? — אוצרות גאָלד און זילבער העלפן ניט, ווען מען איז אין דער פרעמד — האָט זיך יעקב געוויגט איבער דער אָפענער גמרא: מען מוז וואָרענען אחינו בני ישראל, זיי זאָלן באַצייטנס זיך פאַרנעמען פון דעם אָדלער־לאַנד אין לאַנד פון דער טירקלטויב, דאָרטן ווו עס וואַקסן די צעדערן...

און ווי נאָר יעקב האָט זיך צעשאָקלט מיט ברען און גענומען אונטערברומען אַ גמרא־ניגון, האָט זיך געעפנט די טיר און זיין בעל־אכסניה און שוועסטערקינד איז געשטאַנען ביי דער שוועל.

דוד מירלס, אַ הויכער און דיקער, מיט אויגן ווי וואַסער־פלאַנצן, האָט פאַרמאַגט זיין אייגנס אַ זיידן־געשעפט אויף דער ברייטער גאַס, ניט ווייט פונעם לינדנבוים ביים טייך שפּרעע.

יעקב האָט פאַרמאַכט די גמרא און זיך אויפגעשטעלט מחמת כבוד צו זיין

עלטערן קרוב. דוד האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין פאָטער־שטול און ביידע, דער בעל־הבית און דער גאַסט, האָבן זיך צערעדט. דוד האָט נאָך געדענקט זייער ביידנס זיידן, ר׳ יעקב אשכנזי, וואָס איז דאָ געווען מיט פופציק יאָר צוריק, איידער ער איז עולה געווען קיין ירושלים.

— האָסטו טאַקע געזען דעם זיידן? — האָט זיך אַ פייערל אָנגעצונדן אין גאַסטס אויגן, און ער האָט אויסגעזען קעגן דיקן דוד זייער דין, ווי אַן אָנגעצוי־גענער פיילן־בויגן.

— שייך צו רעדן געקענט. ער שטייט מיר פאַר די אויגן. אַ הויכער, אַ דאַרער און אַ ווייסער גלאַנץ האָט זיך געצויגן פון זיין ווייסן טלית קטן, פון זיין גרויער באָרד און די שוואַרצפלאַמיקע אויגן... דאָס איז דאָך געווען אַן אמתער גאון. זיין שאַרפער קלאָרער מוח. היינט זיין ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, און זיין פטירה דאָרט, אין ירושלים, שייך צו רעדן, פלאי פלאים, וווּנדער שבוווּנדער!

דוד האָט אָנגעצונדן זיין ליולקע־ציבעק, אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקן־רויך און דערציילט, ווי ער וואָלט געלייענט פון אַ מעשה־בוך:

— דאָס וואָרט ציון, דאָס וואָרט ירושלים, האָט שטענדיק געברענט אויף זיינע ליפן. ווען ער איז שוין געווען אין ירושלים האָט ער פון דאָרט געשריבן און אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף דער גאַנצער משפחה, אויף זיינע קינדער און קינדס־קינדער צו פאַרלאָזן דעם גלות, זייערע וווינערטער, נביאות געזאָגט, אַז אין די קאַלטע צפון־לענדער וועלן יידן קיין תקומה ניט האָבן...

דוד איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ ציי געטאָן די פאַרלאָשענע ליולקע און געזוכט אַ צינד־האָלץ אין קעשענע.

— און וואָס איז געווען ביי זיין פטירה? — האָט יעקב אויפגעהויבן זיינע שאַרפע ברעמען.

— פלאי פלאים! ווער קאָן דען פאַרשטיין די וועגן פון די הייליקע? — האָט דוד געווישט דעם שטערן, די צעקאָרבטע שלייפן ווו עס זיינען געשטאַנען ווייסלעכע אָנגעלאָפענע אָדערן, ווי שלענגלעך נאָך אַ רעגן. ער האָט אַרויסגענו־מען די ליולקע פון מויל און דערציילט:

— בשעת דער זיידע איז נסתלק געוואָרן, און מען האָט אים געבראַכט צו קבורה אויפן הר הזיתים, איז אין גאַנץ ארץ־ישראל געשטאַנען אַ טריקעניש, עס איז שוין געווען אָוועק חודש כסלו און די הימלען זיינען געווען ווי בליי, קיין טראָפּן רעגן. די ערד איז געלעגן שטייניק, מאָגער און געלעכצט נאָך אַ טראָפּן רעגן. ווען מען האָט דעם צדיק מקבר געווען האָט מען איינגעטונקען אַ שטיקל לייוונט אין וואַסער און אים מיטגעגעבן אין קבר, אַ צייכן אַז דאָס לאַנד איז דאָרשטיק נאָך וואַסער. און באַלד ווי מען האָט פאַרדעקט דעם קבר איז אַראָפּ אַ שלאַקס־רעגן וואָס האָט אָנגעטרונקען און אָנגעזעטיקט די לעכצנדיקע ערד. — —

אַ גאַנצע נאַכט איז ר׳ יעקב געלעגן און געדרימלט מיט אָפענע אויגן. געווען בכוח אין זיין מחשבה איבערצושטעלן מענטשן, הייזער, גאַסן, שטעט.

ער האָט געזען די ירושלימער גאַסן, דעם בית מדרש, ווּ זיין זיידע האָט געלערנט, און זיין קבר אויפן הר הזיתים. ער האָט געהערט ווי זיין זיידע רעדט צו אים:
— „און איך זאָג דיר, יעקב׳ל, אז דו דארפסט פאַרלאָזן דעם קאַלטן צפון און עולה זיין קיין ציון. ארץ ישראל דארף געבויט ווערן, ניט קיין הימלישע ארץ ישראל נאָר אַן ערדישע, אַזאַ וואָס זאָל זיך אויפוועקן פון שטויב זיך אויפבויען, בדרך הטבע...״

פאַרטאָג, איז יעקב אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צו זיין קופערט, אַרויס־געצויגן פון זיין ביכעלע, ווּ עס זיינען געווען פאַרשריבן אַלע טרעפענישן פון זיין נסיעה און זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל. אַ שטיקל באַגינען וואָס האָט זיך אים פאַרקליבן צווישן די אויגן, האָט געוואָרעמט, געוועקט אַ פאָדעם נאָך אַ פאָדעם, האָבן די פעדים אים אַריבערגעטראָגן ערגעץ ווייט, און ער האָט געשריבן מיט קליינע געקרייזלטע אותיות:

ח׳ אייר תק״ח, בערלין:

„דאָס איז געווען די שטראָף פון די יידן אין גלות ספרד, וואָס זיי האָבן געמיינט אַז זיי וועלן אויף זייערע ערטער האָבן אַ ניי ירושלים. דאָס וועט זיין די שטראָף פון אַלע יידן. — — ארץ ישראל מוז אויפגעבויט ווערן און אַריינ־נעמען אַלע אירע קינדער, ווי אַ שלאָק די טויבן... אויב ניט היינט, איז מאָרגן, אויב ניט מאָרגן איז אַ שפּעטער מאָרגן... משיח וועט ניט אַראָפּפליען פון הימל ביז מיר וועלן מיט אונדזערע אייגענע הענט ניט דערנענטערן די גאולה. די גאולה וועט קומען! אַ יידישע מדינה וועט זיין. ווען? די צירופים פון די קבלה־ספרים לייגן זיך אויס אַזוי — האָט ער איינגעטונקען די גענדזערנע פעדער און געשריבן, — אין יאָר שנת תש״ח. — — ״

יעקב האָט פאַרמאַכט זיין נאָטיץ־ביכל, עס אַריינגעלייגט אין קופערט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אין דרויסן האָט אַ מזרח־ווינט געשאָקלט דעם לינדנבוים. דער בוים האָט געקלונגען אויפן ווינט און זיך מיט זיין גאַנצער שווערקייט געבויגן צו דער ערד.

די שטים אויפן הר הצופים

ח׳ אייר תש״ח (1948)

די נאָכמיטאָגדיקע שפּעט־פרילינג־זון האָט זיך געבויבן איבער דעם הר הצופים, אָפּגעדעקט דעם טורעם־שפּיץ פון דערבייאיקן „מאַריאַ אַוגוסטאַ״־שפּיטאָל און באַלויכטן דעם אַמפיטעאַטער, וואָס פון זיין הויך האָט מען געזען אַ בלויען פּאַס פון ירדן געמישט מיט דעם גרינעם פלוס פון ים המלח.

אויף די טרעפּ ביים אַריינגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אויפן צופים־באַרג איז געשטאַנען דער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער יהושע שאולי, אַ גע־וויקסיקער מיט אַ בלאַס לענגלעך פּנים און ברוין־שוואַרצע אויגן, און באַטראַכט די וווּנדערלעכע שיינקייט.

שאולי איז געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער צייטונג „דער

מאָרגנשטערן״ אין ניו־יאָרק, און איז געשיקט געוואָרן בייצוווינען די פּראָקלאַ־מירונג פון דער יידישער מדינה.

שוין יאָרן ווי דער שרייבער האָט געזוכט אַ כתב־יד, דעם טאָגבוך פון זיינעם אַן עלטער־עלטער זיידן, דעם גאון ר׳ יעקב עמדין פונעם אַכצנטן יאָר־הונדערט אין אַלטאָנאַ־האַמבורג, און ערשט דאָ אין ירושלים, אין אָרטאָדאָקסישן קוואַרטאַל „מאה שערים״, איז ער געוויר געוואָרן אַז דער כתב־יד, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעזוכט, ניט אין אָקספאָרד, ניט אין בריטישן מוזיי, ניט אין דער אַמסטערדאַמער ביבליאָטעק — געפינט זיך דאָ אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק.

שאולי האָט זיך געהויבן איבער די טרעפּ פון דער ביבליאָטעק. שפּליטערס שקיעה זיינען געפאַלן אויף די שטיינערנע ווענט, אויף וואַנט־מאַלערייען און אויף הונדערטער ביכער, וואָס זיינען געווען צעשטעלט ארום די ווענט. ער האָט גענומען די געבונדענע טעקע וואָס דער ביבליאָטעקאַר האָט אים דערלאַנגט און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז פון די געל־גרינלעכע בלעטער טראָגט זיך אַ ריח פון פלאַנצן, פון פרילינג־בשמים.

שאולי האָט אַוועקגעלייגט דעם כתב־יד, וואָס איז שוין אַלט געווען צוויי הונדערט יאָר, נאָר האָט אויסגעזען ניי, ווי מען וואָלט אים נאָרוואָס איבערגע־שריבן. אויף די ראַנדן זיינען נאָך געבליבן פלעקן פון פינגער, וואָס האָבן זיי באַרירט ביים בלעטערן און מישן. שאוליס אויגן האָבן אויפגעלויכטן און דאָס האַרץ האָט זיך אים געהויבן.

ער האָט געטראַכט וועגן כוח פונעם געשריבענעם וואָרט, וואָס לעבט איבער דורות, גאַנצע תקופות. דעם ספר האָט דער מחבר געשריבן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אין יאָר 1748. די שטורעמס פון יאָרהונדערטער האָבן זיך פאַרביי־געטראָגן. דעם מחברס אייניקלעך, אור־אייניקלעך זיינען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן אויף זיבן ימים, אין דייטשלאַנד, אין רוסלאַנד, אין אַמעריקע, אַזוי דורות נאָך דורות, ביז אים, דעם ווייטן אייניקל, וואָס איז אַהער געקומען זען ווי אַ פאָלק ווערט אויפגעריכט; אַ פאָלק וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער ברוינער מגפה, טויט־וואַגאָנען, גאַז־קאַמערן, יידישע זיידעס און באָבעס, טאַטעס און מאַמעס און אייניקלעך, צווישן זיי אפשר אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן די בלעטער אין די הענט, זיינען שוין לאַנג פאַראַשט און פאַרקאַלכט געוואָרן אין דאַכאַו, בוכענוואַלד און טרעבלינקע, נאָר אויף דעם כתב־יד האָט די צייט קיין שליטה ניט געהאַט.

שאולי האָט געלייענט דעם שער־בלאַט, וואָס איז געווען אויסגעכתיבהט מיט שוואַרצע אותיות:

„מגילת ספר
מהרב ר׳ יעקב עמדין
מאלטונא, שנת תק״ח״.

ער האָט איבערגעמישט איין בלעטל און געלייענט דעם יחוס פון מחבר, זיין אייגענעם יחוס. דעם מחבר׳ס זיידע, ר׳ יעקב אשכנזי פון מעהריש לאַנד,

איז געווען איינער פון די פּליטים, פון די אַנטרינענע פון די כמעלניצקי־גזירות אין ווילנע, ער האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען קיין מעהרן, און איז שפּעטער עולה געווען קיין ירושלים, און דאָרט געפונען זיין רו אויפן הר הזיתים.

און ווי נאָר שאולי האָט זיך פאַרטיפט אין די בלעטער האָבן זיך גענומען טראָגן ווערטער, קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך געשטעלט ווי אַ בריק. ער האָט געהאַט קפיצות הזמן, גרינג געשפּרייזט איבער דורות. דער שפּרונג האָט צענומען די ווענט, באַפרייט פון שטח. די שוואַרץ־פּלאַמיקע אותיות, ווי די פּסוקים פון ר׳ יעקב עמדינס סידור, האָבן אַרויסגערופן דאָס געשטאַלט פון דעם מחבר פון טאָגבוך — אַ הויכער, אַ דינער ווי אַ שלאַנקע פּאַלמע מיט ברענענדיקע אויגן און שאַרפע ברעמען ווי פיילן.

אין זיין דמיון האָט שאולי געזען ווי זיין עלטער־עלטער־זיידע וואַנדערט איבער דייטשלאַנד, האָלאַנד, עסטרייך, פּוילן, און געפינט זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט, ווייל ער בענקט נאָך ציון, נאָך ירושלים. ער האָט געזען די שטאָט אין אַלטאָנאַ, דעם צווײ־גאָרנדיקן מויער מיט דער דרוקעריי, מיט דעם קאַמער־שטיבל. ער האָט געלייענט די באַשרייבונג פון מחבר. ווי ער רופט צוזאַמען די פּרנסים פון זיין קהילה, זאָגט זיי אַז ער וויל אויפגיין קיין ארץ־ישראל, בעט זיך ביי זיי, זיי זאָלן אָפּקויפן זיין הויז מיט דער דרוקעריי פאַר האַלב אומזיסט... געלייענט ווי ר׳ יעקב וויל מזכה זיין די וועלט מיט אַ גרויס וואָרט וואָס ברענט אויף זיינע ליפּן: דער צוריקקער פון יידן קיין ציון. און געשפּירט ווי דאָס גרויסע וואָרט הויבט זיך איצט אָן פאַנאַנדערוויקלען, נתגלה ווערן — — „עס וועט מקוים ווערן, אויב ניט היינט, איז מאָרגן, אין אַ שפּעטערן מאָרגן, אין צוויי הונדערט יאָר אַרום״...

פון די געל־גרינע בלעטלעך האָבן זיך אויך געוויקלט פייערדיקע נביאותן וועגן דער רשעות פון גערמאַנען־לאַנד, וועגן חורבן, וועגן דין און משפּט. שאולי האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט דאָ געקענט זיצן טעג, גאַנצע טעג, איבערשרייבן דעם גאַנצן ספר, אַזוי ווי אָבער די צייט שטייט ניט, וועט ער זיך באַנוגענען מיט אַראָפּשרייבן די נבואה אין בערלין וועגן יאָר תש״ח. טאַקע — מאָדנער צופאַל — וועגן היינט, ח׳ אייר, תש״ח...

אַ לעצטער שקיעה־שטראַל איז געבליבן שטעקן אין אַ פענצטער, און איידער שאולי האָט באַוויזן איבערצושרייבן דעם גאַנצן זאַץ איז לעבן אים אויסגעוואַקסן אַ ביבליאָטעק־באַדינער און אים געמאָלדן, אַז צוליבן יום טוב, וואָס איז פּראָק־לאַמירט געוואָרן אויף מאָרגן, האַלט מען ביי שליסן די ביבליאָטעק.

שאולי איז אַרויס פון לייען־צימער און איז פאַרבייגעגאַנגען די ביימער־אַלעע, ווו צווישן די ביימער־קרוינען האָט זיך געזען אַ שטיק ירושלימער הימל. ער האָט געשפּאַנט מיט דער אַלעע, פאַרבייגייער האָבן זיך באַגריסט מיט שטראַלנדיקע פּנימער:

— אַ גוט יום טוב!

— שהחיינו! מיר האָבן אַ מדינה!

אין טאָל צווישן די יהודה־בערג האָבן זיך שוין געהויבן שאָטנס, האָבן זיך געטראָגן צום מדבר און זיך געיאָגט נאָכן לעצטן ליכט, וואָס איז געבליבן הענגען ווי אַ פייער־קרוין אויפן נאָענטן באַרג. באַלד האָט זיך אַ לבנה, איינגאנצן בלאָ, אויסגעשניטן אויפן הימל. אונטן אין טאָל האָט שוין די גאנצע שטאָט געפינקלט מיט אָנגעצונדענע ליכט. די שטערן אויפן הר הצופים האָבן געזונגען דאָס ליד פון שיבת ציון, דאָס ליד פון ישראל וואָס איז פון דאָס ניי געבוירן געוואָרן.

אברהם ביק

געבוירן אין 1913 אין פוילן. געוועןאין ישראל פון 1933 ביז 1936. פון הרב קוקס זצ״ל תלמידים.

געוועןטעטיק אין די לינקע יידישע קרייזן פון ניו־יאָרק. ענדגילטיק זיך באַזעצט אין ירושלים אין 1968.

פון די וויכטיקסטע ביכער אין יידיש: ״ר׳ יעקב עמדין״ ראָמאַן (ניו־יאָרק, 1946), ״משה העס״ (ניו־יאָרק, 1949), ״וועלט און היים (1955), ״וועקער און קעמפער״ (1955), ״אידייע און געשטאַלט״ עסייען (1963) און אַנדערע.

מלכה לאָקער

שווייגן

(פראַגמענט)

„לאָמיר זאָגן, איך וואָלט געפונען דאָס וואָרט,
שטאַרקער ווי דאָס ניט־וואָרט,
ווער וואָלט עס געהערט?"
און וואָלט עמעץ געהערט, געהערט, וואָס ס'איז ניט געוואָרן וואָרט,
און וואָלט דערשיטערט געוואָרן,
וואָלט איך ניט פאַרגאַנגען דאַן
פון דער לאַסט פון ניט געזאָגטן?
פון דער לאַסט וואָס איז שרעקלעך,
ווייל ניט דערגאַנגען צו קיין פאָרעם,
פון דער לאַסט, פון עיקר שווער,
ווי די אורנעס, די דרייסיק אורנעס*
וואָס האָבן געשוויגן עד לב השמים?
און דאָרט אויבן, אין האַרץ פונעם הימל
קאָן מען שווייגן צו אים?
ס'ווערט אַלץ געטייטשט אין אַ וועלט, באַריידעוודיק אָן שיעור —
וואַהין האָט דאָס שווייגן זיך פאַרקליבן?
די שטיינער אויפן וועג קענען שווייגן,
האָבן זיי געהערט?
וועלכעס שווייגן דען? דאָס, וואָס וואַרגט אין האַלדז?
וואָס זיצט אויפן נאַקן?
וועלכעס שווייגן פון דער נאַכט —
פון דער נאַכט פון קולות פול, פול פון רוים,
פול פון וועלט, נאָך אַזאַ טאָג?
פון דער נאַכט, פול אפילו, ווען אָרעמס זיינען ליידיק?
וועלכעס שווייגן, גרויסער גאָט, האָבן
שטיינער אויסגעהערט?

---

* אין תמוז זיינען דרייסיק אורנעס מיט דעם אַש פון צוויי הונדערט טויזנט עסטרייכישע יידן, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן אין היטלערס קרעמאַטאָריעס, געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אין ירושלים.

מלכה לאָקער

געבוירן אין 1887 אין קיטעוו מזרח־גאַליציע. שטודירט שפּראַכן און ליטעראַטור־וויסנשאַפטן. אין 1931 איז אין פּאַריז דערשינען איר ערשטע לידער־זאַמלונג — "וועלט און מענטש" מיט אַ פאָרוואָרט פון חיים ליבערמאַן. ווייטערדיקע פּאָעזיע־ווערק אין יידיש: "דוּ" (תל־אביב, 1932), "שטעט" (לאָנדאָן, 1940), "וועלט איז אָן אַ היטער" (ניו־יאָרק, 1947), דאָס זעלבע בוך איז דערשינען אויך אין אַ העבּ־רעישער איבערזעצונג; "ירושלים" (תל־אביב, 1967). ס'איז דערשינען אירס אַ לידער־זאַמלונג אויף דייטש — "געדיכטע" (ווין, 1938). חוץ אָריגינעלע פּאָעזיע — דריי ביכער ליטעראַטור־פאָרשונג און עסייאיסטיק: "זשאַן אַרטור רעמבאָ" (ניו־יאָרק, 1950) — דאָס זעלבע בוך איז דערשינען אויך אין פראַנצויזיש. "ראָמאַנטיקער" (ניו־יאָרק, 1958), און "שאַרל באָדלער" (תל־אביב, 1970).

מאיר חרץ

לידער

צו יודא

פאַר וואָס האָסטו אים קליינערהייט פון וויגל ניט פאַרקויפט,
נאָך איידער ס'האָט אין ירדן אים יוחנן געטויפט?
ציגיינער וואָלטן מערער דיר ווי רוימער אָפּגעצאָלט
און וואָלטן ניט געקרייציקט אים, אויף בילדער ניט געמאָלט —
מיט צוויעקעס אין די הענט פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ.
זיי וואָלטן אים געלערנט צו פליען אין גאַלאָפּ,
זיי וואָלטן אים געוויזן אויף אַ געלאַטכנט פערד
צו פליען ניט אין הימל, נאָר פליען אויף דער ערד
און טאַנצן פאַר אַ גראָשן אַ באָרוועסער אין שטויב,
אַ בלינדער צו דעם חוזק און צום געלעכטער טויב.
זיי וואָלטן אים געגעבן אַ ציגיינערטע אַ ווייב,
וואָס וואָלט אים ניט געפייניקט, ניט ווי געטון זיין לייב,
כאָטש ער וואָלט זי געשלאָגן, נאָר זי וואָלט אים געקושט
און זי וואָלט אים פאַרביטן און ער וואָלט ניט געוווסט
און ער וואָלט ניט געליטן און גליקלעך זיך געפילט,
דאָס פייער וואָלט געפלאַקערט און ער — צעשויבערט, ווילד,
געשטאַנען וואָלט ביים פייער און וואָלט אַ האַק געשמידט
און ניט געווען קיין סטאָליער, און ניט געווען קיין ייד.

זיי וואָלטן אומגעוואַנדערט אויפן גאַנצן לאַנד
און זי וואָלט אומגעגאַנגען, געטראָפן אין דער האַנט
און זי וואָלט אומגעגאַנגען און פאַר אַ שטיקל ברויט
געטראָפן אין די קאָרטן דעם גורל פון אַ מויד
וואָס חלומט פון אַ חתן, פון רייכטום און פון גליק,
וואָס ווערט דורך די ציגיינערטעס די מיידלעך צוגעשיקט.
און וואָלטן זיי געקומען קיין רוים אין יענער צייט,
זי וואָלט געשטעלט זיך טאַנצן פאַר גאָר די הויכע לייט
און ער וואָלט צוגעהאָלפן און אין אַ טאַץ געטאַצט,
די גריכישע מבינים, די קנעכט, וואָלטן געפּלאַצט
פאַר ווייטיק, וואָס די רוימער פאַרשטייען ניט קיין קונסט
און קוויקן זיך מיט שפּילער, וואָס זיינען ניט באַוווסט.

פאַר וואָס האָסטו אים קינדווייז צו ציגיינער ניט פאַרקויפט,
נאָך איידער ס'האָבן רוימער אים צום קרייציקן געקויפט?
ציגיינער וואָלטן אָפּגעצאָלט און אָן דעם גאַנצן רעש
און וואָלטן דיר דאָס געלט צוריק אַרויסגעשלעפּט פון טאַש.
אויף זיך וואָלטן גענומען זיי דאָס נאַרישקייט, די זינד
צו גנבענען אַ מיידלס אַ ניט געזעצלעך קינד
און זי וואָלט נאָך געדאַנקט דערפאַר, ז'איז ווידער דאָך אַ מויד,
דער וואָלף איז זאַט, די שאָף איז גאַנץ און ס'איז דאָס קינד ניט טויט.
ער וואָלט ביי די ציגיינער זיך אויסגעלעבט די יאָר
ביז אַכציק צי ביז ניינציק און אפשר הונדערט גאָר.
ער וואָלט ביי זיי געוואָרן ווי אַלע ווערן, גראָ,
דערנאָך וואָלט ער געשטאָרבן, פאַרגעסן און ניטאָ.
קיין צלם וואָלט מען אים צוקאָפּנס ניט געשטעלט,
ווייל ער — אַ ניט־געקרייציקטער — וואָלט ניט געווען קיין העלד,
ווייל ער — אַ ניט־געפאַנגענער — וואָלט ניט די ווערט געווען
די תליה זאָל זיין דענקמאָל זיין ווי, ליידער, ס'איז געשען.
זיי וואָלטן אים באַהאַלטן אין שאָטן פון אַ בוים
און ווייטער אומגעוואַנדערט פון הודו ביז קיין רוים
און דיך וואָלט מען ווי טויזנטער אַזוינע לייט ווי דו,
וואָס מאַכן פול די פעלקער, געגעבן לאַנג שוין רו
און אויף דער גאָרער וועלט וואָלט ניט געווען אַזויפיל וויי,
ווען דו וואָלסט אים פאַרקויפט צו ציגיינערס, ניט צו זיי.
זיי האָבן אים צום קרייץ געבראַכט און פאַר אַ גאָט געמאַכט,
אים אומגעבראַכט און זיך דערשראָקן פאַרן טויטנס מאַכט
און זיך פון זיך גענומען אַראָפּוואַרפן די זינד
און זי אויף דיר געוואָרפן מיט שנאה בלוטיק־בלינד.
זיי האָבן דיר אינגאַנצן דאָך פאַר דרייסיק זילבער־שטיק
פאַרקויפט זייער עבירה און אויף דיין האַלדז אַ שטריק
אויף אייביק אויפגעהאָנגען און דיך, ווי אים, געקרייצט
און מיט דיין בלוט די גאַנצע ערד פאַרגאָסן און פאַרפלייצט.

שוין וויפל מאָל

שוין וויפל מאָל מיר חלומט זיך אַלץ דער זעלבער שטריק
און וויפל מאָל סע ווערט מיר שווער און פּיינלעך ביז שגעון,
איך מאַך אַ שלייף און שטעק אַריין דעם קאָפּ מיינעם דעם גראָען
און וויג זיך פאַר די אויגן פון צדיקים און רשעים
אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.
פאַרוואָס ביסטו פאַרשוווּנדן פונעם הימל, גאָט ? !
און מענטשן זיינען אויף דיין אָרט געוואָרן ריכטער,
און שווינדלער זיינען אויף מיין אָרט געוואָרן דיכטער
און ס'איז ניט צו דערקאָנען פון מאַסקעס ביז געזיכטער
און ס'ווערט פון טאָג צו טאָג געדיכטער און געדיכטער
דער מאַסקאַראַד, דער מאַסקן־קאַראַהאָד.
סע דרייט זיך וויכערדיק אַ פאַרביקער ווירוואַר
און ס'האָט אויך מיך דער וויכער אַריינגעדרייט אינמיטן,
דערנאָכדעם אָפּגעשטופּט און אויף אַן אַנדערן פאַרביטן,
ס'האָט איינער אָנגעשמירט זיין האַלדז מיט רויטס פון פרויען־ליפּן,
ווי גלייך מע האָט אים אַקאָרשט פון דער תליה אָפּגעשניטן,
זיך אויבנאָן אַוועקגעשטעלט, אַז ער זאָל שיטן, שיטן
מיט רייד, מיט אומגליקן, וואָס ער האָט ניט געליטן,
אַ דערניק קרוינדל אויפן קאָפּ און אין זיין האַנט אַ היטל
צונויפצונעמען צווישן פאָלק אַ גראָשנדיקן שכר.

טשערנאָוויץ 1968

ניט דאָס רוישן

ניט דאָס רוישן איז די שפּראַך פוןביימער,
ניט די שטילקייט איז די שפּראַך פון שטיינער,
אָפטמאָל רירט קיין בוים ניט מיט קיין צווייגל,
הייסט עס דען, אַז ביימער שווייגן ?
אָפטמאָל פאַלט אַראָפּ אַ שטיין אַ שטומער
פון אַ באַרג מיט שטיינער מיט אַ דונער,
הייסט עס דען, אַז שטיינער אונדז פאַרטויבן
ווי דער דונער פון די וואָלקנס אויבן ?
ביימער רעדן נאָר דורך זייער בליען,
שטיינער דורכן אייביקן און האַרטן קיום
און מע דאַרף פאַרשטיין די ביימער,
און מע דאַרף פאַרשטיין די שטיינער.

אינעם שטיבל

אינעם שטיבל, וווּ איך פלעג
אלף־בית זיך לערנען
פלעגט דער הימל זיך אין נעכט
דורך דער שויב צעשטערנען.

און די אותיות פלעגן אויך
ווי פון נעסט דאָס קליינוואַרג,
ווי די פייגל פונעם בוך
פון אליעזר שטיינבאַרג

אויפהויבן זיך העט־העט־העט,
פליען צו די שטערן,
זינגען איבער שטעטלעך, שטעט,
אַלע זאָלן הערן.

אינעם שטיבל, וווּ איך קום
איצטער אויפן זומער,
זענען טיר און פענצטער שטום
און די ווענט פאַראומערט.

ניט מיין קינדהייט בלאָנדזשעט אום
צווישן ווענט אין שטיבל,
כ׳הער, אַן אַלטער פויער פרום
שלעפּט אַראָפּ די שטיוול.

און ער טריקנט זיך דעם שווייס
ביי די זונענשטראַלן,
רייניקט אָן דעם אלף־בית
נאָכדעם אויס די שטאַלן.

אינעם שטיבל, וווּ איך שלאָף
מיט די פענצטער אָפן,
חלום איך ניט און איך האָף
בעסער נאָך צו שלאָפן.

אַהין

אַהין אויף יענער זייט פון ענגן קרייז באַקענטע
איך וואַרף מיין ליד ווי איבערן פּלויט אַריבער
און זאָלן זיך ניט חידושן מיין יאָקל און מיין יענטע,
וואָס יענע פרעמדע זיינען היינט מיר ליבער.

ווייל יענע מעסטן ניט מיין ליד לויט מיינע אויגן,
און יענע וועגן ניט מיין וואָרט לויט מיין גוט־מאָרגן,
ווי ס'האָבן עס באַקענטע שוין געוויגן,
ניט האָבנדיק קיין וויכטיקערע זאָרגן.

און אויב מיין ליד וועט ווענען ניט געפעלן,
ערשט דעמאָלט, אַז סע טויג ניט, וועל איך גלויבן.
דעם לייענער קען מען ווי דעם זעלנער ניט באַפעלן,
מע קען אים ניט באַפעלן ער זאָל לויבן.

דערווייילע קריג איך בריוו און נאָר אַזעלכע,
וואָס כ'ווייז זיי אַלע שכנים אומבאַשיידן,
זיי זאָלן אויכעט שרייבן בריוו, פון וועלכע,
די ווייטסטע דיכטער זאָלן האָבן פריידן.

עס הויבט זיך שוין אָן

עס הויבט זיך שוין אָן
מיט ניט־דערלייענען, מיט ניט־דערזאָגן,
מיט ניט־דערוויינען, מיט ניט־דערקלאָגן,
מיט ניט־דערפליען, מיט ניט־דערגרייכן,
כאָטש נידעריקע, כאָטש האַלבע הייכן.
עס הויבט זיך שוין אָן.

עס הויבט זיך שוין אָן
מיט לויבן אין טאָג אַריין איינער דעם צווייטן
פאַר גאָרנישטלעך, פאַר קליינִיקייטן.
דו ביסט דער מחבר פון שענסטן מעטאַפער
און איך — פונעם שענסטן פאַרגלייך דער מחבר.
עס הויבט זיך שוין אָן.

עס הויבט זיך שוין אָן
מיט פלעצער פאַרכאַפּן אין אונדזער יאָרהונדערט,
פון דעם, וואָס איך זאָג דיר, דו ביסט ניט פאַרוווּנדערט,
אַז דו ביסט אַליין אַ גאַנצער אָרקעסטער,
אַז דו ביסט דער בעסטער, אַז דו ביסט דער גרעסטער,
עס הויבט זיך שוין אָן
און סע לאָזט זיך ניט אויס.
איך בעט דיך, לאָז פון געשעפט מיך אַרויס.

אויף ווייטע וועגן

אויף ווייטע וועגן שטייט אַ בוים,
וואָס קלאַפּט אין רוים אָן מיט זיין קרוין
ווי אין אַ שויב, אַ בלויער שויב
און וואָלקנס צווי — אַ קראָ, אַ טויב
מיט פליגל, פליענדיק צעשפּרייט,
זיי קרייזן קונציק זאַלבעצווייט
אַרום די צווייגן ווי דער ווינט,
וואָס יאָגט מיט שאָטנס אָן געשווינד
און ברענגט פון רעגן אַ גערוך
און ווי אונטער אַ טונקלעם טוך
איז יעדער דאַך און יעדער בוים,
וואָס קלאַפּט אין רוים אָן מיט זיין קרוין
ווי אין אַ שויב, אַ טונקעלער שויב.
די קראָ צעקריגט זיך מיט דער טויב,
און זיגט די קראָ, ווערט בלינד די וועלט
און ס׳בלאָנדזשען שטעט אַרום אין פעלד,
און זיגט די טויב, ווערט ליכטיק באַלד,
אַ בליץ שניידט דורך אַ שוואַרצן וואַלד
און עמעץ קוקט פון דאָרט אַרויס
ווי דורך אַ פענצטער פון אַ הויז,
און נאָכן הייסן, שאַרפן בליץ
אַ קילער, דינער, שאַרפער שפּריץ,
און ליכטיק, ליכטיקער אַלץ ווערט,
און גרין און שמעקנדיק די ערד,
און אויגן ווערן גרויס און בלוי
און אָנגעגאָסענע מיט טוי,
וואָס שפּיגלען זיך אין ווייטן רוים.
אויף ווייטע וועגן שטייט אַ בוים.

און ווידער שפּאַנט

און ווידער שפּאַנט דער קריגסמאַן אויף דער ערד
און שניידט מיט שווערד די ריינע לופט אַדורך
און ווידער טרעט ער מיט פּאָדקאָוועס ווי אַ פערד
אויף בלומען און פּאַרמיסטיקט זייער גערוך.

און ווידער שפּאַנט אַ מחנה נאָך נאָך אים,
זיי צינדן אָן די נעכט און לעשן אויס די טעג,
און ווידער רעדט זי שוין די הייזעריקע שטים,
וואָס טרייבט אַראָפּ די קינדער פונעם וועג.

און ווידער ציטערט עס דאָס גלאָז פון שויב
און ווידער טרייסלען זיך די ווייסע ווענט פאַר שרעק,
און ווידער יאָגט דער ווינט דאָס אַש און שטויב
און יאָגט דעם פויגל פון זיין נעסט אַוועק.

די שווערד, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שטעקן,
געווען אַמאָל אַ שטיין, אַ ביין, אַ שטאַם,
קוקט היינט אויף אונדז מיט אירע רויטע פלעקן
און שפּייט אויף אונדז מיט פייער און מיט פלאַם.

זי פּאַרט אויף רעדער און זי שווימט אויף ימען
און אין דער לופטן פליט זי אויך די שווערד.
פון דור צו דור ווערט שווערער אַלץ דער מאַמען
אויף אונדזער בלוטיקער, אויף אונדזער אויסגעבערענטער ערד.

צעברעכן וועל איך

זיגן וועט דאָס פֿאָלק,
וואָס וועט בעסער אַרבעטן.
(אבא אבן)

צעברעכן וועל איך אַלע אַלטע לוחות
מיט אויסגעקריצטע אותיות אויף זיי,
דערשלאָגן וועל איך זיך מיט אַלע כוחות
צום ביסעלע ירושלימער שניי.

צום ביסל פֿרישקייט וועל איך זיך דערשלאָגן,
וואָס קומט אַהער אַ יעדער האַלבע שעה
אַן אַנדערע. צום נאַכט־ווערן, צום טאָגן
דערשלאָגן זיך. צום חיפֿהער הימלבלאָ.

צום תּל־אָביבער מאַרק מיט גרינסן פֿרישע,
צו די פֿלעצער מיט די יונגע לייט,
וואָס דאַרפֿן מיך ניט האָבן ביי די טישלעך
און איך מוז שעפּן נחת פֿון אַ זייט.

צו די קיבוצים מיט חלוצים בעתן טאַנצן
וועל קומען איך זיך שטעלן אויף די קני,
ווייל איך בין ניט געוועזן בעתן פֿלאַנצן
דאָס גרינע לעבן דאָ מיט שווייס און מי.

די מי, די שווערע מי, דער גרעסטער ייחוס,
דער שיין, אַז אונדזער ערד איז אונדזער ערד.
צעברעכן וועל איך אַלע לוחות,
ווייל אונדזער אַקערשאַרף איז אונדזער שווערד.

מאיר חרץ

געבוירן אין 1912, מאַרקולעשט, בעסאַראַביע. עולה געווען קיין ישראל פון טשערנאָוויץ אין 1972. געווען פאַרשיקט אין די סטאַלינסטישע צוואַנגס־לאַגערן פון 1948 ביז 1955.

אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן לידער אין 1934, דער עיקר אין די יידישע צייטשריפטן פון בעסאַראַביע. געדרוקט לידער אין די "שויבן", — בוקאַרעשט, "טשערנאָוויצער בלעטער", "ליטעראַרישע בלעטער", "פאָלקס־צייטונג", "פאָרויס", — וואַרשע און אין אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס אין רומעניע, פוילן, אַמעריקע. שפּעטער זיך באַטייליקט מיט לידער און רעפּאָרטאַזשן אין מאָסקווער "אייניקייט" און אין "היימלאַנד", "שטערן", קיעוו, "יידישע שריפטן" און "פאָלקס־שטימע", וואַרשע. ווי אויך לעצטנס אין "סאָוועטיש היימלאַנד" און אין אַלמאַנאַך "האָריזאָנטן".

אין ישראל געפינען זיך איצט אין דרוק זיינע צוויי גרעסערע לידער־זאַמלונגען.



"וואַסערפֿאַל" — פּייגעלע זאַנשיין

לייב ראָכמאַן

ערב שבועות
ווען דער טאָג פאַרגייט

(פראַגמענטן פון אַ ראָמאַן)

לייבל געדענקט, די שטילקייט וואָס איז צוגעפאַלן פאַר נאַכט, ביים זעצן זיך פון דער זון. די ביימער פון אַטוואַצק האָבן גענומען איבעררוקן זיך צום רבינס הויף; די נאָדלען — ווערן פאַרסאַמעט; די בלעטער, ווי פייגל אויף צווייגן — זיך מיניען אין טונקעלן זילבער. אַ ווינטל האָט זיי באַוויגן. אַן אַראָפּ־נידערנדיקער שאָטן האָט באַרוועס זיך געשפּרייט, צוגעדעקט די ערד. די גייענ־דיקע האָבן אין אים זיך אויסגעמישט, פאַרשוווּנדן מיט זייערע שאָטנס. אַ פאַר־שוויגנקייט האָט ביי אַלעמען זיך צעעפנט אינעווייניק, איז אַרויף אויבן. מען האָט נישט געוווּסט, צי דאָס האָט די פאַרנאַכטיקע טבע אַרום אויפגעצוווּנגען איר איביקע שטילקייט; צי דאָס קומט אַראָפּ דער יום־טוב. יעדעס וואָרט איז איצט איבעריק. חסידים אין די אַכסניות האָבן אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם שלייער פון אַ גאַנצער וואָך. איבערגעטועון אין יום־טובדיקע בגדים, באַפרייטע פון די גופים אַרויס, האָט די נשמה־יתירה פון זיי אַרויסגעשטעלט פרישע טריט. אַ פאַרבאָר־גענען פּנימיות איז אַרויס אויף פּנימער, געצונדן די אויגן.

באַלד איז דער אַרום פול געוואָרן מיט ווייסע קעלנער, אונטער ויידענע קאַפּאָ־טעס; מיט ציכטיקע העמד־שפּיצן אַרויס, פון ברייטע אַרבל; מיט ווייסע הענט און הויכע שטריימלעך. חסידים האָבן פאַרטריבן פון זיך, יעדער, די התבודדות פון אַ בעל־חי; האָבן געזאַמלט זיך אין קאָמפּאַניעס; צוזאַמען אַריינגעאָטעמט די רוחניותדיקע לופט, זי איינגעזאַפּט; מיט אויסשטראַלונגען אַרומגעהילט די אַנדערע. אַ שמחה איז אויפגעגאַנגען אין דעם פאַרנאַכט; באַהאַפטן דעם אינע־ווייניק מיטן דרויסן. יידן האָבן זייער אַלטקייט באַנייט איבער אַלע צייטן — עבר און עתיד; געטראָטן איבער דער ערד, אונטער זיך, ווי אויף העכערע שיכטן. ווידער באַנומען, אַז עם ישראל איז מעל לטבע. מיר שטאַרבן נישט. באַלד איז שבועות. אַן דער תורה איז מען פאַרגענגלעך. געגעבן געוואָרן איז זי צו אַלע. נישטאָ קיין רבים. יעדער איינער מיט זיין חלק פון באַשעפער איז אין דער מדרגה פון אַ בן־יחיד — אַ בן־מלך. צווישן די אומות, געהערן מיר צוזאַמען — און

יעדער באַזונדער — צום כלל ישראל. אין פשטות איז אונדזער דויער. אָנגעקו־מענע פון באַזונדערע שטעט, האָבן אַרומגעכאַפּט זיך, ברייט זיך דערלאַנגט „שלום עליכם". אין געפּילדער, האָט אַ חסיד אַרויסגעלאָזט פריי זיין לאַנגע באָרד, אַ גאַנץ יאָר — מיטן מלבוש פאַרהילט; לכבוד יום־טוב — אָפּגעדעקט. זי איז אַ טייל פון זיך באַנייענדיקן אויפשפּראָץ. אַ ליבשאַפט פון אייביקן קוואַל איז אויפ־געגאַנגען, האָט אַלע אַרומגענומען. יידן האָבן געגרייט זיך אַלע אין איינעם, און יעדער אין זיך — מקבל צו זיין די תורה.

דאָס פאַריסאָווער אָטוואָצק, וואָס געשפּרייט האָט זיך אויף צענדליקער גאַסן אַרום רבינס הויף, האָט איינגעשרומפּן זיך. די שבועות־נאַכט נעמט באַלד אַרום, ווי אַ פאַרטאָג, די וועלט. פון דער ווייט האָט מען געזען שטריימלעך פון זיך איילנ־דיקע חסידים. מען האָט דערקענט, געקומען זיינען זיי צו אַנדערע רביים. דער ניגלה שלעפּט זיך אויף פאַרנאַכט נאָך זייער קבלת התורה. דער הימל, וואָס איז אַ גאַנצן ערב יום־טוב געשטאַנען הויך, האָט טיף זיך אַראָפּגעלאָזט. די זון — באַהאַלטן זיך וויאַלעט הינטער די ביימער. דער פאַרגאַנג דויערט. מען מוז וואַרטן. לייבל האָט אין דעם טונקעלן ליכט כסדר אָנגעטראָפן חסידים פון זיין שטאָט. זיי האָבן דערפרייט זיך, ווי לאַנג שוין וואָלטן זיי אים נישט געזען. אַלע זיינען אַנדערע. אויך ער; ערנסט — פאַרן עת רצון; אַ שווייגע־נישט ציט איין. יידן זיינען שוין אַריין אינעווייניק. פרעמדע בלייבן אין דרויסן. יחיאל געוואָלט האָט זיין אַליין. ער איז נאָך אַלץ נישט גרייט. אויך לייבלען האָט ער געהייסן איצט, פאַר מתן־תורה, זיין אַליין. קיינער האָט נישט געפילט, דאָ איז ער אַ פרישער, פון אַן אַנדער חסידות. אַלע שטאַמען פון איין מקור. אויך דער טומל געוואָרן איז נישט־פאַרבונדן מיט דער וואָך. פון ווייט האָט מען געהערט הויכע קולות; אַ הענט־פּאַטשעריי; אַ זאָגן זיך „דו". אויך זקנים ווערן נישט אַלט. אַלץ איז שוין אינעווייניק, אין העכערע עולמות, פון אויגן אַרויסגעקוקט האָט די הכנה מקבל־צו־זיין די נאַכט־פאַרטיפטקייט.

די צייט איז לאַנג נישט געשטאַנען. נישט צו פילן, האָט אין מערב זיך אַראָפּגעקאָלערט די זון. דער צעליכטיקטער הימל־ראַנד, שוין געשפּיגלט זיך אין פענצטער אַרום. איין גאַס געוועזן איז בלויז שאָטן, און די אַנדערע — פול נאָך מיט צעלויכטנקייט. גרויסע הילצערנע הייזער האָבן געלאָזט אויסשפּרייטן אויף זיך די זון ווי אַן אויסגעוואַקסן בגד. אין טייל געסלעך האָבן די ביימער פאַר־שטעלט די ליכטיקייט פון אויבן. דורך די בלעטער האָט מען בלויז געזען, ווי דורך אַ גרויסער נעץ, צעשפּרייטע פונקען. אויך לייבל איז אַרומגעטראָגן געוואָרן אין דער בלוילעכער שקיעה. דער באַרג לאָזט, ווי אַ פּאַס, זיך אַראָפּ. אויך ער איז גרייט, פון דער טיפעניש אויפשרייען נעשה ונשמע.

דורך אַ צעעפנט פענצטער האָט ער דערזען אַרויסקוקן, אַ פאַרשוויגענע, דעם רבינס אַ טעכטערל. איר פּנים אין גלאָז, האָט קרום זיך געקנייטשט. אירע אויגן אויפגעריסן מיט נייגער. גיך איז ער פאַרביי. ער האָט דערשפּירט, אַ סאַמע־

טענער נשמה־באַריר צעגייט אים זיך איבערן גוף. איר לייב, טאַקע פון אַדל, פון אַ בת־מלכה. ער האָט געוווסט, אויך ער איז געוויקלט אין זייד.

דער יום־טוב האָט שוין אָנגעזאָגט זיין קומען. אין דעם רויש, געוואָרן איז בולטער די הכנעהדיקע פייערלעכקייט; אַלץ — שטילער. די ניגלה פול איז מיט נסתר. לייבל האָט געכאַפּט זיך, אַז ממש איצט, אין דער אותו רגע, לייענט אַ יונגערמאַן פאַרן רבין, אין זיין פאַרמאַכטער שטוב, דעם "צעטל" מיט די נעמען און מוטערסנעמען פון אַלע; איז זיי מזכיר. דער רבי פאַרנעמט. ווינציקע יונגעלייט, און אַלטע מקובלים, ווי יינגלעך, שטייען אַרום דער שטול. עס איז איצט די צייט ווען וועלטן טוישן זיך; עולמות גייען־אויף. קיינעמס נאָמען ווערט נישט פאַרפעלט. דאָס קול לאָזט אין אַלע זיך אַראָפּ, ווי טיף אין אַ קוואַל. אַלץ איז מען מעלה. יעדנס מצוות און די דיבורים פון אַ גאַנצער וואָך באַקומען זייער תיקון.

אַזוי, האָט לייבל געוווסט, איז יעדן פרייטיק־פאַרנאַכט אין רזא־דאחד. איצט, ווען עס קומט שבועות, איז מען מעלה דאָס גאַנצע יאָר — פון מתן־תורה ביז מתן־תורה, אַלץ איז צעעפנט. מיר שעפּן איצט — נישט פון די עולמות, פון די ברואים נאָר פון אים, כביכול, אַליין. מעגלעך — דער רבי אינעווייניק וועט פאַר יחידי סגולה אָנהייבן זאָגן — גלייך פון דעם מעיין, פון דעם צעעפנטן קוואַל — פון דער תורה.

מיט אַ מאָל האָט מען געוווסט די יום־טוב נאַכט איז צוגעפאַלן. פון אַלע זייטן האָט דער עולם געשטראָמט אין רבינס בית־מדרש. די רחבות געוואָרן איז ענג. אויך לייבל האָט געשפּרייזט. זיינע אויערן אָפן צו ווייטע טענער. ער האָט געוווסט: דאָ, נאָענט צום עיקר, איז גוט פאַרלוירן צו גיין. אין בית־מדרש האָבן געפּאַקט זיך שוין טויזנטער יידן. אַ וואַלד מיט שטערנס און בערד. פון אויבן — אַ געדיכטער דאַך פון שטריימלעך. אין דער געדיכטעניש האָט ער דערזען יחיאלן. עס האָט פון אים געשלאָגן אַ צעפּאַרעטקייט. אויך לייבל האָט געשפּירט — ריטשקעס שוויס שטראָמען אים איבערן לייב. דער עולם איז זיך טובל אין אַ הייסן וואַלקן. יחיאל האָט לייבלען אַריבערדערלאַנגט די האַנט. זיינע אויגן, אונטער די גלאַנציק־דראָטענע ברילן — פאַרקלענערט. אַ נעפּל אונטער זיי האָט זיך געררייכערט. זייערע צוויי גלעזלעך, ווי שאָטנס. לייבל האָט זיך געכאַפּט — ער האָט צייט, יחיאל, אַ רגע בלייבן אַליין — איידער ער איז מיט יענעם.

יחיאל איז דאָ נישט קיין משפּיע, נאָר אַליין אַ מקבל, פאַרטאָן. צוזאַמען האָבן זיי זיך געשטופּט צום ווינקל אויף מזרח. דאָרט פאַרן רבינס עמוד איז נאָך לידיק, פאַרן דאַוונען. יחיאל האָט ווייך, צווישן די חסידים, זיך געשטויסן פאָרויס. לייבל — נאָך אים. אין בית־מדרש האָט געהויבן זיך אַ געברום. יעדעס וואָרט — קורץ. די אויגן ביי אַלע מיט בליץ.

מיט יעדן טראָט פאָרויס, האָט לייבל געפילט, דער מעמד דרינגט אים אַריין אין די איברים. עס קלאָרט אים זיך אויס אין קאָפּ. ער ווערט עלטער. אַלע לאָמפּן פון אויבן, צעצונדן, שיינען אַריין אין יעדן ווינקל. אַרום שמעקט מיט

טאַטריק. לייבל איז שטיינגעבליבן הינטער יחיאלן. וואַרעמע ווינטלעך פון די פענצטער האָבן געקילט זיין צעהיצטקייט. זיי בלאָזן אַריין פון דרויסן. יעדער פון דיביימער אין אַרומיקן וואַלד איז איצט אַליין. ער דערשמעקט זייערע ריחות, טיף, מיט אַלע חושים. זיי שטופן זיך פון דער טונקלקייט. אין דעם צעלויכטענעם ים טיילן זיך אויס פון עמוד פלעמלעך פון ווייסע ליכט. אַלץ וואַרט אויף דעם יום־טובדיקן מעריב.

און מיט אַ מאָל — דער רבי. אין איין מינוט — אַלץ איינגעשטילט; די אָטעמס — אָפּגעהאַקט. אין דער אויפגעשפּאָלטענער שורה איז פון די ווייטע חדרים, אַ הויכער, אָנגעגאַנגען דער רבי. זיינע טריט, ווי אויף טעפּיכער, וואָס אַ מאָל — ווייכער און שווערער. אין דער אומגעריכט ברייט־צעעפנטער וואַרע איז ער פּלוצעם אויסגעוואַקסן. ער איז אַנגעגאַנגען, נעבן לייבלען, פון דער טיף פון בית־מדרש — משכמו ולמעלה. זיין שטערן פאַרבאַרגן אונטערן הויכן שטריימל. לאַנגע גרויע פּאַסן אין זיין טיף־שוואַרצער, ווי גרינער, באָרד. זיינע גרויסע אויגן — אָפן, ווי ביי אַ בלינדן, מיט אַ שווערן שאָטן. פון זיינע ברייטע אַקסלען האָט אַ זיידענע קאַפּאָטע זיך אַראָפּגעלאָזט ביז אונטן, די ווייסע זאָקן. ער איז פאַרביי שנעל. הינטער אים — אויך מיט ווייסע זאָקן — זיינע צוויי יונגעטשקע, נאָכאיילנ־דיקע זין. זייערע בלייכע פּנימער, נאָך אָן אַ חתימת־זקן, ראַמען־איין לאַנגע געקריי־זלטע פּאות. אויך אויף זייערע קעפּ — שטריימלעך. ווי דער פאָטער, קוקן זיי פאַר זיך. הינטער זיי שליסט די פמליא — דער יונגערמאַן וואָס זיינע ליפּן זיינען נאָך פול מיט די נעמען פון "צעטל". פוןביידע זייטן העננגען אים נאָך זיידענע גאַרטל־פראַנדזן. הינטער זיי באַהעפט זיך גיך די צעעפנטע וואַרע. אַלע באַנעמען — דער יום־טוב פון קבלת־התורה איז דאָ; ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט. נישט דער מוח, דאָס האַרץ — דער ייד אין גאַנצן איז אַ חלק פון דער תורה.

די ערשטע נאַכט שבועות.

אין דעם צעשטערנטן דרויסן האַלטן איין די ביימער, טונקעלע און דינע, זייער שטילקייט. די ווענט פון בית־מדרש — העכער. דער עולם — געדיכטער. פּנימער קוקן אַריין דורך די פענצטער. ווי אַ מויער, רינגלט אַרום אַ שורה, שאַפט אַ לויזקייט, אַרום רבין. דער ברייטער, אָפּגערוקטער שפּיילער, האַלט איין הינטער זיך דעם עולם. יחיאל ראַנגלט זיך אין דער ערשטער שורה, וויל נישט אַרויספאַלן. זיין בליק האַלט זיך אָן אין רבין. ער וויל נישט זיך אָפּרייסן. לייבל איז פאַרשטעקט אין דער צווייטער שורה. זיין קאָפּ איינגעקלאַמערט צווישן זייד פון הויכע פּלייצעס. כסדר עפנט זיך אַ שפּאַרע און שליסט ווידער זיך צונויף. ער זעט די ליידיקייט אַרום רבין. די לופט אין איר איז פול. צומאָל, דערזעט ער אַ טייל פון רבינס געשטאַלט; צומאָל — דעם רבין אין מזרח־ווינקל, אין זיין גאַנצער פאַרהוילנקייט. ער שטייט, אַליין ווי אַן עמוד, גיט זיך נישט קיין שאָקל. הינטער אים — ליידיק, ברייט — זיין שטול פון ברוינעם לעדער. קיינער אַ חוץ דעם רבין, איז אין איר נישט געזעסן. פון ביידע זייטן, צוויי געבעטע

אַנלענען פאַר די אָרעמס. אין איר ליידיקייט, איז זי פול, די שטול, מיט איינ־געהאַלטנקייט.

לייבל קוקט דורך. אַלע מאָל פאַר זיינע אויגן — אַ פרישע אַנטפּלעקונג.

נישט ווייט פון רבין, אויף דער מזרח־וואַנט — זיינע ביידע יונגעטשקע זין, איינער נעבן אַנדערן. פאַר זיי, אין די צעעפנטע פענצטער — איינגעראַמט די דרויסנדיקע בלווילעכע טונקלקייט, פאַרוועבט מיט שטערן. זיי וואַגן נישט שאָקלען זיך נעבן פאָטער. אָפּגערוקט פון זיי — דער רבינס איינציקער, יינגערער ברודער, ר' שמואל מרדכילע. לייבל ווייסט, ער איז דער זון פון אַלטן רבין, דעם "נהר שלום". ער זעט אויס, איינגאַנצן פון סאַמעט. ביי טאָג האָט ער אַנגעטראָפן זיינע אויגן. מען זאָגט, ער איז ענלעך צום פאָטער. אַ רגע לויפט לייבלען דורך אַ מחשבה, אַז אַלע וועגן אויבן זיינען פאַר אים אָפן, נהירין ליה. דאָרט גייט מען אַליין. ווייטער אויף דער מזרח־וואַנט, נאָענט צו דער געהעכערטער, ברוין־הילצער־נער אָפּצוימונג אַרום אָרון־קודש — גרייט, געוויקלט שוין אין אַ טלית, דער בעל־תפילה, חנא גריצער. זיינע הענט ציען אָפּ פון ביידע זייטן די ראַנדן פון דער זילבער־עטרה, וואָס הילט אַרום, ווי אַ ראַם, זיין קאָפּ. די געפלאָכטענע עטרה ליגט אים איבערן קאָפּל. ער איז פאַרמוחט, חנא. זיין פּנים בלייך. יעדע האָר פון זיין געדיכט זיידן בערדל — באַזונדער. ער דאַרף בשלום איבערקומען דעם מעריב. פיל זיינען די שטרויכלונגען. ער איז מתפלל אויף אַ נס. ער פאַרנעמט זיך דאַווענען מיטן כוח פון דער עדה, מיטן רבינס כוח. מיט אַ מאָל קריגט ער אַ סימן. זיין קול צעגיסט זיך איבערן בית־מדרש. דער יום־טוב ניגון פון מעריב, וועלכער גייט איבער פון דור צו דור, קלינגט זיס, ניי; זאָגט אָן, אַז עס איז שבועות אויף דער וועלט. פון הינטער אים, ביז אַראָפּ, צעשאָקלט זיך דער עולם. אַלע פילן אין יעדן קנייטש — דער ניגון איז הלכה למשה מסיני. אַ וואַלד מיט יידן ברומט־אויף. אויך די ביימער אין דרויסן פילן, אונטער דער קאָרע, אין זייער דינקייט, לויפט דורך די תפילה. חנא דערשפּירט, ער איז דעם רבינס שליח־ציבור. זיין קול צעגייט זיך דעם עולם אין אַלע איברים. ער הייבט אָן "ברכו את ה' המבורך". ער בייגט זיך. אין דער ערשטער שורה, נעבן אים — בייגן זיך דער רבי און אַלע אויף דער מזרח־וואַנט. דער עולם פילט, דער גוף ווערט אים געבייגט אַראָפּ. מיטן רבינס בוקן זיך, ווערט ער ווי פאַרשטייפט. דאָס גאַנצע בית־מדרש בוקט זיך מיטן אייבערשטן האַלבן גוף. דער רבי האַלט אַלע אַ ווײַלע. די קעפּ זעט מען נישט. אַלע ווייסן — דער כלל ברענגט אין דער רגע אַראָפּ, אַ שפע פון אויבן. אויך לייבל איז איינגעבויגן. דאָס האַרץ בלייבט אים שטיין. אַן אויגנבליק קוקט ער מיט די אויגן איבער אַלע, וואָס שאַפן מיט די פּלייצעס אַ זיידענעם דאַך. זיין קאָפּ איז איצט אַליין אויבן, איבער זיי. ער דערזעט דעם געבויגענעם רבין. מען ברעכט דורך דעם גדר. יעדע רגע איז אייביק. אַלע גלייכן זיך אויס. אַ הויך זאַגעניש, ווי פון אונטער דער ערד, ברעכט אויס. לייבל וויל מתפלל־זיין מיט כוונה, דעם יום־טובדיקן מעריב — צום ערשטן מאָל אין דער מחיצה פון רבין. קיין זאַך טאָר נישט חוצץ־זיין צווישן אים און

זיין תפילה. עס הייבט אים. ער האָט נישט קיין חוצפה זיך צו צעלאָזן ביים דאַווענען. פּלוצעם, דערמאָנט ער זיך, אין דער היים: עס איז דאָרט אַ ליידיקער יום־טוב. די פענצטער צעפּראַלט. בעז און טאַטריק פאַרשמעקן דעם אַרום. אויפן טיש — אַ ווייס טישטעך, מיט ליכט אין זילבערנע לייכטער. אונטער דעם זיידענעם טישטעכל, אויבנאָן — געפּלאָכטענע חלות. זיין מאַמע און די שוועסטער זיינען אַליין; קיין מאַנספּאַרשוין איז אין שטוב נישטאָ. די זילבער־בעכערס שטייען אויפן טיש. קיינער וועט פאַר זיי נישט מאַכן קיין קידוש — ער איז אַוועק צום רבין. ער גיט אַ בליק, דערזעט פּלוצעם, דער רבי שטייט אַלץ אומבאַוועגלעך פאַר זיין עמוד. זיין געשטאַלט פאַרשווינדט. צומאָל, באַוויזט זיך בלויז זיין הויך, נעלקן שטריימל; צומאָל, זיין באָרד. מיט אַ מאָל — די לענגלעכע זיידנקייט, וואָס וויקלט אַרום, ווי אַ פּרוכת זיין גוף. ער זעט, זייטיק, די אויגן פון רבין זענען געשלאָסן. אַנדערש איז ער, דער רבי, ווי ביי טאָג, ווי ער וואָלט געטוישט פאַרנאַכט אויך זיין גוף. אַ לויטערקייט רוט אויף אים. זיין שטרענג פּנים — צעליכטיקט, מילד. ווי אַן עליון שפּילט ער אויף זיין געמיט. ער בינדט צוזאַמען אין איין בונד, אַלע; רייניקט זיי — צו דינען גאָט באמת, שלימותדיק.

פּלוצעם, באַפאַלט אים אַ מחשבה, ער וויל זי שנעל פאַרטרייבן. ער שאָקלט זיך אָפּ פון איר. זי קומט נאָך שאַרפער. ער דערזעט פאַר די אויגן די רגע פון לאחר מאה ועשרים. די וועלט גייט אונטער, לעשט זיך אויס; נישטאָ וואָס צו טאָן אָן, חלילה, דעם רבין. ער טרייבט זי, די מחשבה, מיטן גאַנצן כוח פון זיין דמיון. ער וויל זי אויסשניידן פון זיין מוח. עס צעגייט אים זיך אַ זיסע בענקשאַפט איבערן גוף. ער דערזעט אין פענצטער פון רבינס הויז, די געשטאַלט פון רבינס טעכטערל. זי איז דאָ ערגעץ, אונטער דעם דאַך. ער קאָן נישט איינשטיין. עס באַפאַלט אים אַ ציטערניש פאַר זיינע מחשבות. דער רבי הערט זיי. ער שטערט די תפילה, ברענגט אַריין אַ פּגם. ער וויל שנעל זיך צוריקציען פון דאַנען, איידער דער רבי דרייט זיך אויס. זיך שטעלן ווייט הינטערן עולם. ער שטערט מיט זיינע מחשבות אויך אויבן. אַלץ, לתתא ולעילא, איז איין שלימות. דער מענטש באַ־וועגט דעם אויבן. ער קאָן זיך נישט צוריקציען, איז איינגעפּרעסט אין דער צע־וויגטקייט אַרום זיך. עס איז שטיל. ער ווייסט נישט ווו מען האַלט. חנא גריצער קוקט צום באַריר פון רבינס ליפּן. זיין אויער — איינגעהאָרכט. צום סוף גיט ער אַ זינג־אַרויס „ומבדיל בין יום ובין לילה". ער לאַטשעט מיט דער צונג דעם „לילה". לייבל דערפילט פּלוצעם, צום ערשטן מאָל, די פליוש־ווייכקייט פון דעם וואָרט. חנא לאָזט אים אַריין ווייַן אין די אָדערן. עס איז נישט קיין נאַכט. דער דרויסן איז פול מיט יום־טוב. ביידע נעכט און טעג, שבועות, זיינען איין יומא אריכתא. חנא זאַפּט אַלץ איין די מתיקות פון „לילה". לייבל פאַרנעמט דעם עכאָ. ניין, עס איז נישטאָ קיין נאַכט פאַר זיך. קיין מאָל נישט. מען דאַרף זיך נישט שרעקן. זי איז פול מיט געגנאָד. מיט שטילער טוּאונג, די נאַכט. עס זיינען פאַראַן אשמורות. וועלטן טוישן זיך. אין לייבלען קלאַפּט־אָפּ יעדער טאָן פון חנאס געזאַנג. ער לאָזט ווייכע שטיינער אין זיין טיפקייט. ער פאַרשטייט איצט, דאָס פאַרטוישן

די נאַכט מיטן טאָג איז ירידה לשם עליה — אַ חוקיות. דער טאָג מוז לסוף אַליין זיך מבטל־מאַכן, פאַרגיין, זיך אויפלייזן פון צער. ערשט נאָכן פאַרלירן זיך, ווערט ער אויפסניי געבוירן. ער קומט, ווי אַ קינד, אויף דער וועלט. חנא נידערט אין סאַמעטענע תהומען, און קומט אַרויף, אַ געלייטערטער. דער ניגון פילט אָן לייבלס גאַנצן גוף, מיט אַ זיסקייט לא מעלמא הדין. עס איז ווידער שטיל. אַ ים האַלט־איין זיינע ברעגעס. עס גייט אין אים פלוצעם אויף אַ באַדויער. ער ווייסט אַז וואָס גלעטנדיקער אַ קול איז, וועלקט עס גיכער אָפּ. עס פאַרגייט. ער וויל קוקן צו חנאן. מיט אַ מאָל, לאָזט חנא אויס „אוהב עמו ישראל". זיין קול דונערט איבערן בית־מדרש, מיט הכנעה, ביז אויסגיין. דער גאַנצער עולם ברומט־מיט, ווי טיף אונטער אַ וואַסער, נישט מפסיק־צו־זיין מיט „אמן" פאַר קריאת־שמע. צוזאַמען מיט אים, מיט פאַרשטעלטע אויגן, רופן אַלע, טויזנטער מיילער — שמע ישראל! ווי הויכע כוואַליעס, ציען זיי אויס דעם געשריי, תמיד זיינען זיי גרייט צו קידוש־השם. ער גייט ביסלעכווייז אויס דער געשריי, מיט כלות הנפש, „אחד" — נאָר ער איז איינער, שלימותדיק. אָן אויגנבליק — און די תפילה הייבט ווידער זיך אויף. יעדעס וואָרט הערט מען באַזונדער. הייסע כוואַליעס בריען דעם גומען, לויפן, יאָגן זיך איבער, פאַרמאַכן אין זיך יעדן געליאַרם פון דער צייט. יעדער פילט, פון זיין אויפגעשריי בלייבט ערגעץ אַ ריס.

נאָר דער רבי אויף זיין אָרט שטייט גלייך, אין שטילער דביקות. זיין נשמה איז מתפלל. אויך דער גוף איז איצט כולו רוחניות. ער האָט מבטל־געמאַכט יעדע גשמיות. ער איז אין דער מדרגה פון הצטננו גידיו. ער גיט זיך נישט קיין שאָקל. דער מינדסטער באַוועג קאָן אים אַרויספירן פון זיין דביקות. נאָר דרויסנדיקער כוח מוז אָנקומען צו נענועים. פון גרויס פחד בלייבט לייבל צוגענאָגלט צום אָרט. ער טראַכט, אַז דער רבי מוז נישט, ווי יעדער, זיך דורכרייסן. זיין תפילה קומט גלייך אָן. די קליפות האָבן אויף איר נישט קיין שליטה. ער פאַרנעמט, דער רבי, קולות, וואָס מיר הערן נישט. מיר בלייבן ווייט, אונטן. דער רבי, אין זיין הויך, איז באַהאַפטן מיטן עולם הבריאה. אַ תענוג צעגייט זיך אין אים. ער האָט דערגרייכט די מידה פון „אין". אין עולם האצילות שאָקלט מען זיך נישט.

דער עולם איז שוין אין מיטן דער יום־טובדיקער „שמונה־עשרה". מען שטייט אַליין ביי דער שוועל פון עולם האצילות. מען וויל דערהייבן דאָס האַרץ. געמיטער פליסטערן. אָט גייען זיי אַרויס פון זייערע ברעגעס. לייבל וויל צע־קייען יעדעס וואָרט. דערפילן דעם טיפערן מיין. חנא האָט אַריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ. ער בלייבט איצט אַליין אַנטקעגן זיין גאָט. מער איז ער נישט אין אונדזער עולם. די פיס ווילן נישט איינשטיין אין זייער צוזאַמענגעבונדנקייט. אויך לייבלס איברים ווילן אויפשרייען, נאָר ער איז אין מיטן שמונה־עשרה. ווי אַלע, וויל ער באַהעפטן זיך מיטן רבינס תפילה, זי זאָל פועל־זיין. טויזנטער געמיטער קלאַפּן גלייך.

מען האָלט ביי „אתה בחרתנו" — דו האָסט אונדז אויסדערוויילט, דעריבער האָסטו אונדז פאַרטריבן צווישן די פעלקער. פרייוויליק האָבן מיר אויף זיך

גענומען דעם עול. יעדע רגע אונדזערע איז פול מיט יסורים. מיר קלאַמערן זיך. אתה בחרתנו איז נישט קיין זכות, נאָר אַ חוב וואָס איז אונדז מחייב.

ביים עולם גייען די ווערטער איבער די ליפּן. מען שפּירט זייער טעם. לייבל דערפילט, צום ערשטן מאָל, ער האָט ליב אַלע ייִדן. ער פאַרשטייט זיי. ער טראַכט ווידער וועגן חסד וואָס איז מיט אים געשען.

ער עפנט פּלוצעם אַ ווײַלע די אויגן. ווייט איבערן בית־המדרש כוואַליעט זיך אַ ייִדענער ים; אויבן — ברוין. יעדער איז מיט זיך, אין שטילער התרוממות. זיין געמיט שרייט אין שטילקייט, איז פאַרדעקט; וויל זיך אויסבאַהאַלטן אין דער תורה; זייערע ווערטער זיינען טראָפּנס, וואָס טריפן, זאַפּן זיך איין. איין טראָפּן מישט זיך אין אַנדערן. זיי פילן, ווייסע הענט שטרעקן זיך. לייבל פאַר־מאַכט גיך די אויגן. ער זעט איצט ווייטע שטיינער־מויערן, הויכע — מויערן איבער מויערן. אַלע חסידים — אַלט און יונג, זיינען — זקנים — אייביקע ייִנגלעך. זיי ווילן נישט, יעדער — אין דעם כלל, פאַרלירן — דעם יחיד אין זיך. תמיד פאַרבלייבן אַליין, ווי די רגע, וואָס צעגייט נישט אין דעם נצח. אייביק בלייבט זי רגע. יעדער וויל האָבן אַ באַזונדער ווינקל ביי גאָט אין האַרצן.

דעם עולם הייבט אָן אויסגיין שמונה־עשרה. אַ יונגערמאַן, נעבן אים, עפנט צוביסלעך די אויגן און שליסט זיי צוריק. ר׳ שמואל מרדכילע, דעם רבינס ברודער, שפּרייזט צוריק די דריי שפּאַן. לייבל קוקט. אַ פּייערל גייט־אויף פון יעדן אָפּגעלייִדיקטן טראָט זיינעם. דעם רבינס שטול באַוועגט זיך אין אַ ים פון בליי.

מען זינגט שוין ווידער. לייבלען דאַכט זיך, ער האָט קיין מאָל נישט גע־דאַוונט אַזוי אָן כוונה. מען לאָזט אים נישט אַריין.

נעבן אים טרילערט דין מיט זיין קול איינער פון די יונגעלייט. ער זינגט ווי אַ יתום. לייבל קוקט זיך אַרום. ממש נעבן זיין אָרט, שאָקלט זיך אַ הויכער יונגערמאַן, מיט ברייטע פּלייצעס. זיין לאַנגע בלאָנדע באָרד לאָזט אים זיך אַראָפּ גלייך פון די האָר אונטערן שטריימל. זי קומט פון אויבן און פאַרדעקט זיין פּנים. מען דאַרף צו אים אַרויפקוקן. ער פאַרנעמט דאָס גאַנצע אָרט. זיין גוף באַוועגט זיך, כסדר. די פראַנדזן פון זיין ייִדענעם גאַרטל בלאָזן אויס ביזן דיל, אַלע לייבלס מחשבות. ער רייניקט דעם פּלאַץ אויך מיט זיינע הענט, בלאָנדע באָרד־און־פּאות. וואָס העכער ער איז; וואָס מער ער שאָקלט זיך — אַלץ מער פילט זיך לייבל קליין, בטל ומבוטל.

באַלד זעט ער אים נישט, לייבל. מען שטופּט אים. ער לאָזט זיך. חנא גריצער זינגט נאָך מיט זיין קול. מען האַלט ביי פאַרענדיקן „מעריב״. ער זינגט און לאָזט אַראָפּ די עטרה פונעם קאָפּ. דער טלית רוט איבער זיינע אַקסלען. מען דערקענט אויף זיין פּנים, עס איז אים לייכטער. ער איז איבערגעקומען בשלום. זיין פּנים איז מער נישט בלייך. דאָס שוואַרצע קורצע בערדל זיימט אַרום דאָס יונגע פּנים. די האָר זיינען צוזאַמען, צעלויכטן. ער איז געווען דער שליח־ציבור פון ישראל סבא, פון דורות ייִדן.

לייבל ווייסט — נישט אויסוואָרצלען וועט ער זיינע שלעכטע מידות, נאָר מאַכן זיי אונטערטעניק. דאָס גוטע וועט אַרויסקומען.

נאָך „מעריב" האָט דער עולם זיך געפּאַקט, זאָגן „גוט יום־טוב" דעם רבין. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול, אויסגעדרייט צום עולם. אין זיין נאָענטקייט, איז ער ווייט. זיצנדיק, זעט ער אויס העכער, ווי אין דער וואָכן. זיינע אויגן קוקן דורך. זיין קאָפּ שאָקלט זיך ווי צו דער נשמה יתירה אין מענטש. אַ שוויגעניש צווינגט זיך אויף, אויף לייבלען. די שורה שטופּט אים פאָרויס. ער איז פון די ערשטע. ווי אַ גדר, הייבט זיך אַרום רבינס האַלדז זיין שטייענדיקער סאַמעטענער קאָלנער פון דער זיידענער בעקעשע. אונטער דער באָרד, אין פראָנט, זיינען די סאַמעט־קלאַפּעס צוגעהעקלט. די זילבער־העקעלעך גרייכן אים אַראָפּ, ביז איבערן האָרץ.

לייבל ווערט פון דער רייע געשטופּט פאָרויס. ער האָט דערזען דעם עמוד, מיט חנאן — דערשעפּט און נתעלה. אויסגעדרייט מיטן פּנים צום בית־מדרש. זיין ווייסער שטערן — געוויקלט אין שווייס, דערהויבן און געפאַלן ביי זיך. נאָר דער רבי פאַרנומען האָט זיין ניגון. לייבל האָט אים געזאָגט „גוט יום־טוב!".

ווען ער האָט שפּעטער געטראָפן יחיאלן, זיינען זיינע ברילן־גלעזער געווען אָן שאָטנס — אפשר ווייל אין דרויסן איז געווען טיפער אָוונט, און אַ ליכט פון ביי נאַכט. זיי האָבן זיך געזאָגט „גוט יום־טוב" און צוזאַמען שפּאַצירט אין וואַלד. יחיאל איז געווען נאָענט און צוגעלאָזן, אַ חבר פון לייבלען. אַ שטיק צייט האָבן ביידע נישט גערעדט. יעדעס וואָרט — צופיל. יונגעלייט און בחורים האָבן אַרומגעדרייט זיך אין קרענצלעך און איינצלוויז, און געזונגען, אָן ווערטער. לאַנג וועט ערשט זיין די נאַכט. פון אַלע זייטן האָבן חסידים געשפּרייזט אין זייערע אכסניות. כאָטש עס איז נאָך געווען פרי, איז אין דרויסן געשטאַנען אַן אייביקע ווייסע נאַכט — צעשטערנט און בלוי. אַרום האָט געשמעקט מיט אַקאַציע־בליעכץ. זיי האָבן געוווסט, זיי זיינען אייביק יונג און אַלט. זייערע נשמות גע־שטאַנען זיינען הינטערן באַרג סיני. דער אַרום איז איינגעהאָרכט. זיי זיינען אַ טייל פון פריערדיקע דורות, און פון דורות וואָס וועלן קומען. די וועלט איז פול מיט זיי. צומאָל געדאַכט האָט זיי, זיי שפּאַצירן איבער נשמות פון אַלטע חסידים, און פון די וועלכע דאַרפן קומען. לאַנג האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט. יחיאל האָט איצט קורץ גערעדט. לייבל האָט אונטערגעשטעלט אַן אויער. יחיאלס ווערטער זיינען געווען ווי צו אַ בקיא ורגיל; ווי ער וואָלט ממשיך־געווען זייערס אַ רעיון. זייערע הערצער שלאָגן צוזאַמען. דער שכל, וואָס מען פאָרט אויף שבועות צום רבין — האָט ער געזאָגט — איז אַז לעולם איז יעדער ייד בבחינת בן־מלך. עס זיצט אין אים אַ נצחיותדיקע נשמה. נאָר למראית עין איז ער קליין, אַן אַראָפּגעפאַלענער. ער זעט נישט זיין שורש. די פאַריאָגטקייט אין גלות איז דערצו גורם. וואָס איז חסידות? דער רבי איז מקשר אונדזער חול מיט אונדזער נצח. מיר ווייסן, די תורה איז אַ ספר פון רציפות ביז די קורות פון אחרית־הימים.

יחיאל האָט ווידער געשוויגן. לייבל האָט געשפּירט, ער גיט אים איבער סודות.

ער האָט ווייטער גערעדט: איצט ביסטו יונג, ביסטו מיינע ווערטער משיג בלויז מיט דיין פּנימיות, נישט מיטן שכל. און אַלע עולמות זיינען איינס הרגשה מיט שכל. יונגע קאָנען נישט פאַרגלייכן. אפילו דעם עבר פון זייער דור קאָנען זיי נישט. הלכה למשה מסיני, קבלה איש מפּי איש — הייסט, מען באַנעמט זאַכן מיטן העכערן שכל. אַזוי איז דער יום־טובדיקער ניגון — דער מקור פון יעדן באַזונדערן יום־טוב. מען מוז אים פאַרשטיין. קבלה לערנט מען נישט פאַר פערציק יאָר, נישט ווייל מען באַנעמט זי נישט מיט דער הרגשה, נאָר ווייל מען איז זי נאָך נישט תופס מיטן שכל. דער רבי באַנעמט די פּנימיות מיט זיין אייביקן נסיון. אַנדערש קאָן נישט זיין.

לייב ראַכמאַן

געבוירן אין מינסק־מאַזאָוויעצק ביי וואַרשע, אין יאָר 1918. אָנגעהויבן מיט זשורנאַליסטישער טעטיקייט אין דער נאָכמיטאָג־צייטונג ״וואַרשעווער ראַדיאָ״. דאָרט פאַרעפנטלעכט אויך קורצע דערציילונגען. נאָך דער מלחמה מיטגעאַרבעט אין אַ ריי צייטונגען, באַזונדערס אין ניו־יאָרקער ״פאָרווערטס״. דאָס ערשטע בוך ״און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן״ איז דערשינען אין פּאַריז 1949. פּרעמירט דורכן אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. עולה־געווען אין 1950. זינט דעמאָלט — מיטרעדאַקטאָר פון די יידיש־אוידיציעס אינעם ישראלדיקן ראַדיאָ. אין ישראל איז דערשינען: ״בדמיך חיי״, פאַרלאַג ״יסודות״, ירושלים, און ״מיט בלינדע טריט איבער דער ערד״, פאַרלאַג ״מנורה״ 1967.

באַקומען די היי־יעריקע יזכור־פּרעמיע פון בערגען־בעלזען.

יוסף קערלער

לידער

פון וויגלאַנד צו היימלאַנד

פון וויגלאַנד צו היימלאַנד —
ס'טוט ווי נאָך דער שניט...
ווער מיינט אַז געזאַנג
פון די אַרבל זיך שיט?

די זילבן געזאַלבטע
געטובלט אין פיין,
זיי טריפן ווי בלוט
פון צעשניטענער שיין.

זיי האָבן דאָך פייער
געפּרוווט אויפן טעם.
פון שטייגל צום צווייגל —
מיין שטאַמלענדער שטאַם.

פון שטייגל צום צווייגל,
פון בראָך ביז צום תוך
פון פּענט און פון בענקשאַפט
ביז פליגל־געפאָך
אויף ראַנדלאָזע הימלען
פון קלייניקן לאַנד,
וואָס ליגט ווי אַ לעבעדיק האַרץ
אויף דיין האַנט.

*

אַ תפילה

רבונו של עולם, דיין גנאָד און דיין חסד !
צי בין איך דאָס ווערט און צי קאָן איך פאַרגעסן :
צעפליקט, מיט דיין הילף, כ׳האָב די קנעכטישע פענט,
בשלום אַרויס פון גזלנישע הענט,

אַהיים האָסט געבראַכט מיך מיט קינד און מיט ווייב
און ברויט כ׳האָב צו זעט און אַ מלבוש צום לייב,
נאָר טאַטעניו־פאָטער, מיין ליכטיקער האַר,
היט אויס מיך אַצינד פון אַ נייער געפאַר :

ביי קיינעם ניט מאַך אין די אויגן מיך גרויס,
פאַרפאַנצער מיין האַרץ קעגן קליינלעכע פיילן —
פון גויאישע הענט כ׳בין בשלום אַרויס,
באַשיץ און באַשירעם פון יידישע מיילער !

*

געדענקסטו דעם שלאַקס־רעגן?

געדענקסטו, ווי ס'האָט דאַן געפּליוכעט אַ רעגן?
אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זוניקער מבול!

ס'האָבן געשטראָמט און געפּלייצט מיטן וואַסער
גאַסן און פּלעצער, און שטאָטישע סקווערן...
ווי העלפֿאַנדן
האָבן זיך פֿריילעך פּאָליושקעט
טראָלייבוסן בלויע...

איין טייל פֿונעם הימל האָט ממש געשיינט,
אויף חידושים — אַ קלאָרער,
נאָר שטיקער פֿון כמאַריקן טייל —
דער ווינט האָט געריסן,
אין פּנים געשמיצט מיטן רעגן.

מיט יעדן זיגזאַג פֿון אַן אויפֿבליץ,
מיט יעדן געקנאַל פֿונעם דונער —
דאָס האַרץ איז פֿאַרצאַפּלט געפֿאַלן,
באַגלייך דו וואָלסט פֿאַלן אין אָפּגרונט.

געדענקסטו ווי ס'האָט דאַן געפּליוכעט אַ רעגן?
אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זוניקער מבול!
און מענטשן,
צעטומלטע מענטשן, פֿאַרהויבן די קאָלנערס,
געבויגן די קעפּ אונטער שירעמס צעווייקטע,
געשמיסן פֿון ווינט און פֿון וואַסער,
זיי זיינען געלאָפֿן, געשטופּט אונדז,
געשטויסן:
— צעדרייטע אַזעלכע,
זיי זוכן קיין ווינקל,
קיין ווינקל קיין טרוקנס פֿון אונטער אַ דאַך!...

און מיר ?
מיר האָבן זיך אויסגעטאָן באָרוועס, ווי קינדער,
מיר זיינען געגאַנגען פּאַמעלעך, פּאַמעלעך,
כמעט ווי געשוווּמען, —
פאַרפלאָכטן די פינגער,
די הערצער צוזאַמענגעפלאָכטן
מיט זון און מיט רעגן
און אויך מיטן זון — אונדזער קינד,
וואָס באַדאַרף אויף דער וועלט ערשט נאָך קומען...

געדענקסטו ווי ס'האָט דאַן געפּליוכעט אַ רעגן ?
אַ זון מיט אַ רעגן ! אַ זוניקער מבול !
צי וועל איך פאַרגעסן ? —
כ'זאָל קיינמאָל פון קראַפּט און פון זאַפט
מער נישט וויסן,
ווי טרוקענער דאָרן, פאַרלאָרן כ'זאָל גיין
אין דער פּרוכטלאָזער וויסטע, —
אויב איך וועל אַמאָל
אויף אַ רגע פאַרגעסן
דעם שלאַקס־רעגן יענעם
אין ליכט פון מיין ליבשאַפט !

יוסף קערלער

געבוירן אין יאָר 1918 אין הייסין, אוקראַינע. אין 1941 פאַר־ענדיקט די טעאַטער־סטודיע ביים יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָס־קווע. אַנטיילגענומען אינעם אַנטי־נאַצישן קריג. אין יאָר 1944 דער־שינען אַ לידער־זאַמלונג „פאַר מיין ערד". פון 1950 ביז 1955 — אין די צוואַנגס־לאַגערן פון וואָרקוטאַ. נאָך דער באַפרייונג פאַרעפנטלעכט זיינע שאַפונגען אין דער יידישער פרעסע פון פוילן, און אין „סאָוויע־טיש היימלאַנד". ס'דערשיינען צוויי זאַמלונגען אין רוסישער איבער־זעצונג: „מיין טאַטנס ווייַנגאָרטן" (1958) און „איך וויל זיין אַ גוטער" (1965). עולה געוועז נאָך לאַנגן קאַמף אין מערץ 1971. אין ישראל זיינען ביז איצט דערשינען צוויי לידער־זאַמלונגען: „דאָס געזאַנג צווישן ציין", י. ל. פרץ פאַרלאַג, 1971 און „זעט איר דאָך", י. ל. פרץ פאַרלאַג, 1972.

באַקומען די ערן־פּרעמיע פון איציק מאַנגער־פרייז 1971 און די אַטראַן־פּרעמיע פון יידישן אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס.

יחיאל גראַנאַטשטיין

דער לעצטער

(דערציילונג)

שווערע טונקלקייט איז געהאַנגען איבער די שויב־פענצטער ווי אַ שוואַרצער טוך אויף אַ מתים־ארון.

אַ הויכער, געדיכט־געפלאָכטענער דראָטענער פלויט האָט אַרומגענומען דאָס גרויסע הויז ווי אַ פּאַנצער.

נאַכט אַליין איז געלעגן אויסגעצויגן אויף די פּריטשעס, לעבן די פאַרמאַטערטע און צוזאַמען מיט אַ סך פון זיי וואָס האָבן נישט געקאָנט איינשלאָפן, גע־קוקט פאַריאושט צום סופית־צו.

פון צייט צו צייט האָט ערגעץ־ווו זיך אָפּגעריסן אַ שניידיקער קרעכץ, אַ קאָלער געטאָן זיך איבער די פּריטשעס; האָט נאַכט אים איינגעשלונגען כדי עס זאָל אין דער האַלע ווידער ווערן קברדיק שטיל.

שפּעטע נאַכט־שעה.

אַ לייכט שאָרכן האָט זיך געהערט אין ווינקל פון דער גרויסער האַלע. נאַכט־שטילקייט האָט עס אויפגעכאַפּט און צוצעטראָגן איבער די נאָענטע געלעגערס.

„דער סוף, ברודער, רוקט אָן, די אַרבעט אויפן שאָסיי וועט זיך דאָך אויס־ענדיקן, און וואָס דערנאָך, אשר, ווייסטו, אַזוי גוט ווי איך".

„לאָז מיך אָפּ מיטן סוף, האָט אשר אַרויפגערעדט צום אייבערשטן געלעגער, נישט געבענדיק אפילו אַ ריר מיטן געביין, לאָז מיך, שמעון, שלאָפן, באַקומען היינט קלעפּ פון ווילי, טוען מיר ווי די ביינער".

און ער האָט נאָך מער צוזאַמענגעצויגן דעם דאַרן גוף זיינעם, פאַרקיילעכיקט אים ווי אַ בייגל, און איז באַלד צוריק איינגעשלאָפן.

שמעונס בליקן האָבן, אין אומרו, געוואַנדערט פון געלעגער צו געלעגער, פון פּריטשע צו פּריטשע, אַזוי איבער דער גאַנצער האַלע. זיינע גלאַנציק צעצונדענע אויגן־אַפּלען, ווי אין חלל טראָגנדיק זיך זומער־פלאַטערלעך, האָבן געזוכט עמעצן אָנצושטעקן מיט זייער ברען, און צום סוף זיך אומגעקערט צוריק צו אשרס גע־לעגער. אַראָפּבייגנדיק זיך צו אים, האָט שמעונס האַלב־אָפּגעדעקטער גוף גע־העלט אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט ווי מתים־געביין.

„און איך זאָג דיר, אשר, האָט ער ווידער אַראָפּגערעדט צו אשרן נישט

װעלנדיק אפילו װיסן פריער צי איז ער אויף צי נישט, איך זאָג דיר, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, מען מוז עפּעס טאָן. עס לאָזט מיך נישט רוען, הערסט? איך טראַכט, אשר, װעגן עפּעס".

אָן איבערגעװעקטער, האָט אשר, אין כּעס, אַ הייב געטאָן די האַנט אַנטקעגן שמעונען, װי צו דערלאַנגען אים אַ קלאַפּ, נאָר נאָך איידער ער האָט עס געטאָן, איז די האַנט זיינע צוריקגעפאַלן מיט אימפּעט צום געלעגער װי אַן אָװעקגעשליי־דערט חפץ.

„װאָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר", האָט ער אַ פאַרביטערטער אַרויסגעמורמלט צו שמעונען, „װאָס דאַרפן מיר טאָן? זאָל קומען װאָס עס װיל קומען, דערװייל װיל איך שלאָפן, פּייניק מיך נישט, כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, װילי האָט צעפּרענטעװעט מיינע ביינער, זיי טוען מיר װיי".

נאָר אַצינד האָט אשר געביסן די ליפּן פון צער. נישט אַזוי פון דעם ביינער־װייטיק װי פון הייבן די האַנט אויף שמעונען װאָס דערהאַלט אים אָפּט ביים לעבן, װאָס איז צו אים װי אַ לייבלעכער ברודער.

ער האָט נישט געקענט מער צוריק איינשלאָפן. פאַר די אויגן זיינע זיינען אויפגעגאַנגען בילדער פון װייטע, פאַרגאַנגענע קינדער־יאָרן. אָט איז די שטוב זייערע און די שטוב פון שמעונען.ביידע האָבן זיי אַ בשותּפותדיקן הויף, דאָרט שפּילן זיי זיך צוזאַמען און רייסן זיך אַרום, זיינען „חבר" און זיינען „ברוגז". ביים מלמד זיצן זיי ביינאַנד אויף איין באַנק, איינער לאָזט נישט טאָן קיין עוולה דעם אַנדערן, ביידע טיילן זיך מיט צוקערלעך, מיט יאַנדרעס, באָניע־קערן, מיט אַלץ. צוזאַמען קריכן זיי שטענדיק אויף ביימער פון גלח'ס גאָרטן, רייסן עפּל, באַרנעס, פלוימען און אַנדערע גוטע זאַכן װאָס װאַקסן דאָרט.

אשר װיל אָנהאַלטן די פעדים מיט יענע זיסע טעג פון קינדערשן גן־עדן אויף דער װעלט, אָבער זיי פאַרשװינדן פּלוצלינג פון אויג, קומען אָװעק. פוסטער דמיון — זאָגט ער צו זיך אַליין — נישט געשטויגן נישט געפלויגן. ממשותדיק זיינען בלויז די באַקומענע קלעפּ פון װילי, דער הונגער װאָס קערט איבער די קישקעס, דער הויכער פּלויט װאָס שליסט אָפּ פון דרויסנדיקער װעלט, צי די טורעם־ביידלעך אין אַלע פיר עקן פון הויז אין װעלכע עס זיצן, אַ גאַנצן מעת לעת, באַװאָפנטע דייטשע זשאַנדאַרן מיט אָנגעצילעװעט געװער. ממשותדיק, װיקלט זיך אַזוי מחשבה אין מחשבה, איז גרויליקער טויט בעת דעם אַפּעל, אין מיטן דער אַרבעט ביים שאָסיי־בוי, צי גאָר אויף די פּריטשע־ברעטער, נאָך אַ שניידיקן קרעכץ, אָדער — װעמען עס גליקט אָן — שלאָפנדיקערהייט, אין אַ פאַרטאָגס, װי עס װאָלט גאָר געװען יום־טוב, און ס'איז דאָ צייט אויפצושטיין, מען דאַרף זיך גאָר נישט איילן...

גאָר פרי װערן זיי אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט. מיט זייער מאַרשירן איבער די גאַסן און געסלעך װאַכט אויף דאָס שטעטל.

— איינס, צװיי, איינס, צװיי —

— שנעלער, שנעלער —

— לויפֿן, זינגען, פֿאַלן, אויפֿשטיין, זינגען, לויפֿן —

לויפֿן זיי און זינגען, פֿאַלן צו דער ערד, שטייען אויף און זינגען, האַלטן אָן דעם ריטם, דעם זעלנערישן טראָט.

די קריסטלעכע איינוווינערס פֿון אויסגעליידיקטן יידישן שטעטל, זאַמלען זיך ביי די פֿענצטער פֿון זייערע שטיבער, צי קומען אַרויס פֿאַר די טירלעך פֿון זייערע הייזקעס און זיינען עדות פֿונעם ספּעקטאַקל וואָס ביי מאַנכע פֿון זיי זעט ער אויס צו זיין געווענלעך טרויעריק און ביי אַנדערע — גאַנץ אַמוזירנדיק, רופֿט אַרויס געלעכטער אָדער לפּחות שמייכלען אין די אויגן, אויף די ליפּן. אַלע צו־זאַמען זינגען מיט, ברומען אויס יידישע מעלאָדיעס, נאָגנדיקע שבת־יומטובֿדיקע זמירות, וואָס זיי האָבן במשך אַן אַ שיעור יאָרן, צי גאַנצע דורות, איינגעזאַפּט אין זיך בעת זיי האָבן אַרויסגעפּראַלט פֿון יידישע שטיבער, אויף חתונות און אַנדערע שמחות.

אַזוי טאָג איין טאָג אויס. בעתן גיין צו דער אַרבעט, אין דער פֿרי — מידע, נישט אויסגעשלאָפֿענע, און פֿאַרנאַכט, צוריק פֿון דער אַרבעט — פֿאַרמאַטערטע, צעשלאָגענע, אויפֿן וועג „אַהיים", אין אָפּגעשלאָסענעם הויז אַריין, ווו עס זיינען פֿאַראַן געלעגערס, גלאַטיקע ברעטער, אויף וועלכע מען קען אַוועקלייגן די ביינער און טאָקע גאָר נישט טאָן, נאָר רוען, ממש אַ גן עדן...

אַהאָ!

אָבער שוין נישט מער ווי נעכטן און אייערנעכטן, ווי אין פֿאַרגאַנגענע טעג! עפּעס האָט זיך געביטן. עפּעס טוט זיך דאָ אין אָפּגעשלאָסענעם הויז עפּעס אַזוינס צוליב וואָס אַלע ציטערן און האָפֿן, ציטערן אַזוי און האָפֿן...

גייען זיי אַזוי וויטער צו דער אַרבעט און זינגען לויטן באַפֿעל, וועקן אויף די גוישע איינוווינערס פֿון שלאָף, אָבער היינט אַרן ווייניקער די פֿרייד־בליקן מיט וועלכע זיי, די גוים באַגלייטן יידישן געפּאַלענעם גאַנג. היינט זיינען יעדנס טאַשן אָנגעפּילט מיט אויפֿגעקליבענער ערד, הינטער די אויבער־מלבושים טראָגן זיי זעקעלעך מיט שטיינדלעך ווי אָנגעהאָנגענע קמיעות. פֿול מיט סוד איז זייער איצטיקער גאַנג, פֿול מיט פּחד פֿאַר אַנטפּלעקונג פֿון סוד, אָבער אויך האָפֿענונג בעסטיקט אין זיי און היטערט דאָס געמיט.

אַהאָ! אַנדערע טעג!

נישט מער ווי נעכטן און אייערנעכטן!

אַרומגעוויקלט אין אַן אָפּגעריסענעם ווינטער־מלבוש שטייט שמעון אויף דער וואַך, אָנגעלענט אין פֿענצטער־ברעטל. די שויבן זיינען באַדעקט מיט גע־דיכטן וואַלד־פֿראָסט. נאָר פֿון וואַרעמען אָטעם זיינעם, מיט כּוונה אַרויפֿגעהויכט אויף שויב, צעגייט דאָס אייז און דורכן אָפּגעדעקטן שויב־ברעקל, ווי דורך בריל־גלאָז, קוקט שמעון כּסדר אין דרויסן, שטרענגט אָן די בליקן זיינע וואָס מעסטן,

מיטן אויג, דעם מרחק פון הויז ביז צום אויסגעפלאַנטן אַרויסגאַנג פון טונעל, וואָס זיי גראָבן הינטער די קלאָזעטן.

קיין סך האָט ער נישט געקאָנט זען, אָבער דאָס בלויזע טראַכטן וועגן אַרויסבאַקומען זיך פון טורמע־הויז, וועגן אַנטלויפן אין וואַלד אַריין, האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט פריידיקן אומרו, מיט זיסן חלום, מיט האָפענונג. שטייענדיק אַזוי ביים פענצטער, פאַרזונקען אין מחשבות, דאָס געמיט אויפגעהייטערט, האָט ער אַליין נישט געפילט ווי צעצונדן עס זיינען זיינע אויגן, ווי זיי בלענדן מיט פייערלעך פון ערגעצוווּ אויסגעבאָרגטע, ווייל קיין אייגן ליכט האָבן זיי דאָך שוין לאַנג נישט געהאַט, לאַנג נישט. ער וואָלט אפילו גרייט געווען אַצינד אויפצוּוועקן מענטשן פון שלאָף, אָנצושטעקן זיי מיט פרייד, איינפלאַנצן אין זיי נאָך מער האָפענונג, וואָרום ווי ווייט איז דען דער אויסגאַנגס־פּונקט אויפן באַשניטן פליין? יעדער איינער דורך דעם שטיקל שויב, דאָס צעלאָזענע אייז, אָטאָ איז עס, אָטאָ דאָרט...

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, עלעהיי עס וואָלט אים א ביס געטאָן אַ שלאַנג. האַ? האָט אים זיך בלויז אויסגעדאַכט? איז עס וואָר?

אין זיינע אויערן האָבן אָפּגעעכאָט זעלנערישע טריט און ער האָט געשפּירט, אים איז אויסגעקומען אַז מען טרעט איבער זיין גוף מיט באַטשוועקעטע שטיוול. נאָר סיי ווי זיינען די דייטשן שוין געווען דעמאָלט ביים אַריינגאַנג אין הויז און האָבן בלויז אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעהאַלטן. שמעון האָט נאָך באַוויזן איבערצופירן „אונטן" אַראָפּ דעם אָפּגערעדטן סיגנאַל און אין אויגנבליק האָבן מענטשן־שאָטנס זיך אַריינגעשאַרט אין דער האַלע און זיך צעשפּרייט איבער די געלעגערס.ווילדע קולות, ווילד געשריי.

— אַרונטער פון די געלעגערס, ליכט! שנעלער, מאַכן ליכט, אויסשטעלן זיך אין ריי, שנעל, דאָנערוועטער!

דאָס בלוט האָט געגליווערט ביי די איבערגעוועקטע, צעשראָקענע יידן. ווי מטורפדיקע זיינען די דייטשע זשאַנדאַרן געלאָפן פון פריטשע צו פריטשע, געזוכט, גענישטערט, געטאַפּט די ווענט, געפּרוּווט אונטערצוהייבן פּאָדלאָגע־ברעטער און האָבן נישט אויסגעגעבן וואָס זיי זוכן און וואָס זיי ווילן געפינען.

פאַרפּאַנצערטע שרעק. פאַרפרעסטע ליפּן. צעשראָקענע בליקן זענען געבליבן הענגען אין טונקעלן סופיט ווי פונקען וואָס נישט זיי גייען אויס און נישט זיי ווערן פאַרלאָשן.

„אַצינד קומט דער סוף", — האָבן אָשרס ליפּן שטיל געפּרעפּלט — „אַצינד, אויס איז מיט אַלע שמעונס האָפענונגען, מיטן גאַנצן פּלאַן זיינעם, אַצינד געשעט עס, באַלד".

נאָר נייך, ס'איז נישט געשען. גאָר נישט איז געשען. מיט ווילדן געשריי זיינען זיי געקומען און מיטן באַפעל אַרויפצולויפן שנעל אויף די געלעגערס זיינען זיי אַוועק.

נאָר דאָס איז נישט געווען דער איינציקער און לעצטער באַזוך פון די

דייטשע זשאַנדאַרן אין די פּיינלעכע חדשים פון שפּאַנונג און סוד, פון ציטער און האָפענונג. נאָך אַ שטיקל צייט האָבן זיי ווידער זיך באַוויזן אין הויז, נאָך האַלבער נאַכט, אָבער נישט אַזוי צעווילדעוועט ווי ביים ערשטן מאָל, האָבן נישט געזוכט אונטער די געלעגערס, נישט געטאַפּט די ווענט, בלויז אַרומגעדרייט זיך אין דער האַלע, אָנגעשפּיצט די אויערן, אויפגעוועקט איינצלנע מענטשן און זיי אויסגעפרעגט צי זיי הערן נישט שטומע אָפּהילכן ווי וויטע ערד־ציטערנישן, אָדער ווי עס וואָלט דאָ די ערד געזונקען. האָבן מידע, איבערגעוועקטע יידן גע־ענטפערט, אַז זיי שלאָפן זייער שווער נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט אויפן שאָסיי, אַזוי, אַז ווען אַפילו די ערד זאָל אויף אַן אמת זינקען צי ציטערן, וואָלטן זיי אויך נישט געהערט. און אַ חוץ דעם, האָט איינער געוואָגט און צוגעגעבן, וואָס קאָן אונדז שוין אַרן אַן ערד־ציטערניש, צי ווען אַלץ וואָלט דאָ טאַקע טיף איינ־געזונקען? מיר האָבן דען וואָס אָנצווווערן?

ניִשט מער וואָס גלייך נאָך דעם ווי די דייטשן זיינען אַוועק, און די שרעק האָט נאָך אַזוי געהויערט אין דער האַלע, האָבן אַ סך גענומען מורמלען, צי אַפילו הויך רעדן קעגן גאַנצן פּלאַן פון טונעל־בוי, און קעגן אַריינפירן אַ גאַנצע עדה יידן אין אַ סכנה. אַלעמענס בליקן זענען געווען געוואַנדן צו שמעונען, צום „מוח" פון אויסגעטראַכטן פּלאַן, צו דעם וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט „אונטן", ממש אונטער דער ערד.

און שמעון, טאַקע? מיט גרויס סבלנות האָט ער אויסגעטראָגן די טענות קעגן אים, ענטפערנדיק יעדן באַזונדער כמעט די זעלבע תשובה: נו, טאַקע ברידער, וואָס האָבן מיר איינצושטעלן? וואָס האָבן מיר אָנצווווערן?

רעדנדיק אַזוי צו מענטשן האָט אַ מילד שמייכעלע זיך צעשפּרייט איבער זיין בלאַס פּנים, האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע ברוינע וועווערקע־אויגן, אַז עס האָט אַזש אַריינגעלויכטן אין הערצער, גרינגער געמאַכט דאָס געמיט און גע־שטאַרקט די האָפענונג אין דעם, אַז אפשר וועט פאַרט געלינגען צו אַנטלויפן פון פאַרשמאַכטקייט, פון טויט וואָס וואַרט הינטערן הויז...

— — — באַרוועס און איינגעבויגן כמעט ביז אין דער העלפט שטייען זיי אין טונעל און אַרבעטן. דאַרע פינגער, ווי צעבויגענע בלעכענע גאָפּלען, דלובען די ערד פון אונטער די פיס, פון די זייטן אַרום. אַנדערע טוען דאָס מיט שטיקלעך בלעך אויפגעקליבענע אויפן וועג צו דער אַרבעט, אָדער גייענדיק פון איר און דערנאָך ספּעציעל צוגעשפּיצט, אַז זיי זאָלן קאָנען אַריינשניידן זיך גרינג אין ערדישן איינגעווייד.

קיין שאָרך הערט זיך נישט דאָ. וואָרט דערגייט נישט ביז צו ליפּן. בלויז אויגן און פינגער רעדן דאָ, באַפעלן, פרעגן און ענטפערן. שווייס רינט פון אָפּ־געדעקטן לייב, פון פּנים, פאַלט צו דער ערד און מאַכט זי ווייך, בלאָטיק. ווי אַנדערש עס זעען אויס דאָ די אויגן פון די פאַרמאַטערטע מענטשן. ביי טאָג, ביי דער אַרבעט אויפן שאָסיי, שפּאַרט פון זיי טיפער ווייטיק און יאוש, און

אַצינד, אין טונעל, לייכטן זיי, בלינצלען ווי אַנגעצונדענע לאַמטערנעס אין פינצטערע קוילנגרובנס.

אין גרופּע טוישט די אַנדערע. אַט ענדיקט איינע די אַרבעט, גייט אַרויף צוריק אויף די פּריטשעס, און אַ צווייטע, נאָר וואָס איבערגעוועקט פון שלאָף, דראַפּעט זיך אַראָפּ אין טונעל, פאַרנעמט יענעמס פּלאַץ. באַלד וועט אויך פון זייערע פּנימער פאַרשווינדן די פאַרכמורעטקייט, דער יאוש. באַלד וועלן אויך זיי פאַרגעסן אין ווייטיק פון די ביינער, אין הונגער וואָס פּייניקט, און צוזאַמען מיט שמעונען וועלן זיי חלומען וועגן אַנטלויפן פון אָפּגעשלאָסענעם הויז, וועגן קומען אין וואַלד אַריין, כדי צו קאָנען זיך נוקם זיין אין די פּייניקערס פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן אָפּגעטון מיט די יידן פון שטעטל, מיט אַלע זייערע משפּחות.

די לופט אין טונעל איז אַ געדיכטע, עס שטיקט נישט צום אויסהאַלטן. עס איז אויך גרויס די ענגשאַפט. איינער שטויסט זיך אָן אין אַנדערן, פאַלט אום, שטעלט זיך אויף און גראָבט ווייטער, מיט די לעצטע כוחות. וואָלט מען געמעגט ברענגען אַ וואָרט אויף די ליפּן, וואָלט אוודאי נישט איינער געפרעגט: איז ווער זשע טאַקע זיינען מיר אייגנטלעך? לעבעדיקע ברואים, אָדער גאָר פאַרשטאָר־בענע וואָס בויען אַליין זייערע קברים אין תהומיקע טיפענישן, כדי נישט גע־שטערט צו ווערן אין זייער רו?

נאָר ניין, דער פּייניקנדיקער הונגער און די מידקייט פון גוף און אַנגעזאַמלטע שרעק דערמאָנען זייער גוט אין אַלץ וואָס איז איבערן טונעל און אין די האַרטע ברעטער, אויף וועלכע — אויב עס וועט נאָר בלייבן אַ שטיקל צייט — וועט מען נאָך אפשר באַוויזן, אומקערנדיק זיך, אַוועקצולייגן דאָס בינטל ביינער און אַ דרעמל טאָן ביזן אויפוועקן צום אַפּעל.

אַ סך האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן. האָבן נישט געהאַט גענוג כוח צו שטיין אין דער שטיקעניש און גראָבן. זיינען זיי דערנאָך געקומען איינטענהנען מיט שמעונען, בעטן זיך ביי אים, אַז מען זאָל רעזיגנירן, אַז מען זאָל איבעררייסן די אַרבעט, ווייל זי וועט דאָך אויסענדיקן די מענטשן נאָך איידער די דייטשן וועלן דאָס טאָן.

נאָר שמעון האָט יעדן געענטפערט קלאָר, אַז עס זאָל ביי קיינעם נישט בלייבן קיין ספק: מיר'ן צופירן די אַרבעט ביזן סוף, כדי אַרויסצובאַקומען זיך פון גיהנום, און ווען אפילו בלויז אַ טייל פון אונדז וועט עס דערגרייכן — איז אויך כדאי.

און די אַרבעט איז ווייטער אָנגעגאַנגען. מער פון אַ צוויי הונדערט מעטער אין פעלד אַריין איז שוין געווען אויסגעגראָבן. בלויז אַן אַכט־צען מעטער איז געבליבן אויסצוגראָבן, נישט מער.

אַצינד האָט שוין אויסגעפּעלט געדולד, אויסדויער־כוח. די שפּאַנונג איז געווען אומגעהייער גרויס, איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה. זיינען ווידער מענטשן געקומען צו שמעונען זיך בעטן ביי אים, אַז מען זאָל צואיילן דאָס אַרויסגיין, אַז מען זאָל נישט וואַרטן, כדי חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן.

„איין מינוט פאַר דער אויסגעפּלאַנטער צייט, וועלן מיר פון דאָ נישט אַרויס־גיין, און ביז דעמאָלט — האָט שמעונס קול שטרענג געוואָרנט — ווי עס וואָלט גאָר נישט געדאַרפט פּאַסירן".

— — — און די דאָזיקע אויסגעפּלאַנטע מינוט איז געקומען.

צוערשט איז אַראָפּ די נאַכט און האָט צוגעדעקט דאָס הויז מיט געדיכטער טונקלקייט, אַ שטייגער עס וואָלט אַ שווערער וואָלקן זיך מטריח געווען און אַראָפּ־געניִדערט פון הימל, כדי איינצוהילן אין זיך דעם סוד.

ס'איז געווען אַ סוף־חודשדיקע נאַכט. אין דער האַלע איז דאָס ליכט געווען פאַרלאָשן, ווי שטענדיק אין דער צייט. אַן אָנגעצויגענע, צאַפּלדיקע שטילקייט האָט זיך אויסגעצאָטעמט זייער שווער. אַן אַ שיעור כוח האָט מען געדאַרפט אָנ־זאַמלען, אַז דאָס אַלץ וואָס קאָכט זיך אין האַרץ, וואָס מאַכט אַזוי שנעל לויפן דאָס בלוט, זאָל פּלוצלונג נישט אַרויסשפּאַרן אויף דער אויבערפלאַך, זאָל נישט צע־רייסן די איינגעהאַלטענע שוויִג־דאַמבעס.

אין דער האַלע איז טאַקע געווען שטאָק־פינצטער, אָבער פריש־אָנגעצונדענע פייערן האָבן אַרויסגעהעלישט פון וואַכע, צעפּראַלטע אויגן ווי ברענענדיקע ליכ־טער אוועקגעשטעלטע אין צעעפנטע קברים.

אַלעמענס בליקן האָבן אַצינד געזוכט שמעונען, דעם וואָס האָט נסיונדיק אויסגעטראָגן טענות און תרעומות, און גענומען אין זיין האַנט דעם גורל פון עטלעכע הונדערט יידן, נאָר כדי אַז זיי זאָלן מער נישט געפירט ווערן צו גריבער, נאָר כדי זיי צו ראַטעווען.

אַליין האָט ער אָנגעפירט מיטן אַרויסגיין פון טונעל. איינער נאָכן אַנדערן איז מען אַראָפּ פון די פּריטשעס, אַוועקגעלאָזט זיך צו די קלאָזעטן, און דאָרט — פאַרשוואונדן אין טונעל אַריין. צוערשט — די קראַנקע, די שוואַכע, די עלטערע און ערשט דערנאָך — יעדער לויט דער ריי, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן נאָך פון פריער אויס, לויט אַ צעטל באַקומען אין דער האַנט אַריין.

אַרום און אַרום איז געווען שטיל און פינצטער. האָט עמעצן געקאָנט אָנגיין וואָס עס טוט זיך דאָרט אין פאַרקברטן הויז, אָנגעפּולט מיט אַ רעשטל נאָך נישט אויסגעהרגעטע יידן, וואָס ווערן געהיט פון אַלע פיר זייטן דורך באַוואָפנטע זשאַנדאַרן?

אין דרויסן איז דער הימל געווען באַדעקט מיט וואָלקענעס. שטאַרקע ווינטן האָבן זיי אונטערגעטריבן, זיינען זיי געלאָפן איינער אויף די אַנדערע, זיך פאַר־שלונגען און אויסגעשפּיגן, אַוועקגעטראָגן זיך ווייט, ווי זיי וואָלטן זיך עפּעס געאיילט צו אַן אַנטשיידענער שלאַכט.

ווילי האָט די נאַכט געהאַלטן וואַך אין טורעם־ביידל, אַרום הויז. ער האָט נישט אָפּגעטאָן זיינע בליקן פון זשאַנדאַרן־בנין ווו אַ סך פון זיינע קאָלעגן האָבן

גוט פאַרבערענגט, געטרונקען און געזויפט, געזונגען און געטאַנצט, ווי עס איז זייער שטייגער אין אַ זונטיק ביי נאַכט.

מאַרשירנדיק הין און צוריק אינעםביידל, האָט ער בכוונה אויך אויסגעמיטן צו קוקן צום ווייטן פליין וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן ביז צו דער וואַלד־געדיכ־טעניש, וואָס האָט אים שטענדיק געשראָקן מיט פאַרטיזאַנער־איבערפאַל.

בלויז איינע אַ מינוט האָט ווילין שיעור נישט איבערגעקערט פאַר שרעק. גאָר נישט ווילנדיק האָבן זיינע אויגן־בליקן זיך אָפּגעשטעלט אויפן פוסטן, באַ־שניטן פליין, עפּעס באַמערקט און נישט באַנומען וואָס זיי זעען. „דאַנערוועטער״ — האָט ער אויסגערופן אויפן קול, אַ שפּיי געטאָן אין ביידע האַנט־פלאַכן אַריין און זיי געריבן איינע אין דער אַנדערער. די אויגן־אַפּלען האָבן זיך ביי אים אי־בערגעקערט, אַזוי אויך די קישקעס אין בויך. ער וואָלט געזאָגט, אַז עפּעס אַזעלכע ריזיקע עכברים שפּרינגען, האָפּסלען אויף דער ערד, אין גאַנצן אַ פּאָר הונדערט מעטער פון הויז, שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס, לויפן און לויפן און פאַר־שווינדן.

„האַנס, האַנס!״ האָט ער גערופן זיין חבר פון נאָענטן טורעם־ביידל, „גיב נאָר אַ קוק אַהין צום פליין, וואָס זעסטו דאָרט, האַ? אפשר גאָר פאַרטיזאַנער? אָה, האַנס! מיר זיינען קאַפּוט, קאַפּוט״ —

„דו נאַרישער ווילי״, האָט האַנס זיך צעשריגן און גלייך אַרויסגעלאָזט עט־לעכע סעריעס קוילן פון זיין מאַשין־געווער, „טויב און בלינד ביסטו, ווילי, נו, שנעלער, עפן דיין מאַשין־געווער, זעסט נישט? פון אונטער דער ערד קריכן זיי אַרויס, אונדזערע, פון הויז, אין וואַלד אַריין לויפן זיי, זעסט נאָך אַלץ נישט, דו בלינדער נאַר איינער״!

באַזויפטע און צעטומלטע זיינען די זשאַנדאַרן אַרויס פון זייער בנין און הערנדיק פון ווילין און האַנסן וואָס עס קומט פאַר, האָבן זיי זיך אויפגעזעצט גלייך אויף די מאַשינעס, אַוועקגעלאָזט זיך אויפן וועג צום וואַלד, באַדעקנדיק דעם גאַנצן שטח מיט פראָזשעקטאָר־ליכט.

אַ האָגל פון קוילן האָט באַשיט די אין וואַלד אַריין לויפנדיקע יידן. דורכ־געשאָסענע גופים זיינען געפאַלן אויף באַשניטן פעלד ווי אין געעפנטע קברים אַריין. רויטע בלוט־פאַסן האָבן זיך געשנירלט אויפן בלענדנדיקן שניי ביז צום וואַלד צו.

— — — און פונדעסטוועגן... אַ קנאַפּע צוויי הונדערט יידן האָבן זיך אָפּגעפונען אין וואַלד, נאָך דעם ווי די שיסעריי האָט אויפגעהערט. מטושטשדיקע האָבן זיי זיך אַוועקגעדרייט צווישן דער ביימער־געדיכטעניש און נישט געוווּסט וואָס צו מאַכן מיט זיך, וואָס אָנצוהייבן צו טאָן.

אַלעמענס אויגן האָבן, אין דער פינצטערניש, געזוכט שמעונען. צענדליקער מיילער האָבן אים גערופן אין דער שטיל, געטראָגן דעם נאָמען אויף די ליפּן, ווי מען טראָגט אַ נאָמען פון אַ הייליקן, פון אַן אויסלייזער, נאָר קיין ענטפער איז נישט געקומען, שמעון האָט זיך נישט אָפּגערופן.

שמעון איז דאָרט נישט געווען. דער לעצטער, דער סאַמע לעצטער איז ער אַרויס פון טונעל, שוין כמעט געשטאַנען מיט די פיס אויפן פעלד, ווען אַ בינטל קוילן האָט אים דורכגעזייט און אַריינגעשליידערט אין דער עפענונג פון טונעל.

שפעט ביי נאַכט.

ווייט באַשנייט פעלד, רויטע בלוט־פלעקן.

פאַרגליווערטע, געפרוירענע שטילקייט. ווי פאַר בושה האָבן די טונקעלע וואָלקנס זיך געהויבן העכער און העכער, ביז זיי זיינען אין גאַנצן פאַרשוווּנדן און האָבן אָפּגעדעקט אַן אויסגעשטערנטן הימל, ווי אויסגעזעצט מיט מיליאָנען פאַרטרערטע אויגן.

איבער דער טונעל־עפענונג האָט אַ צייט לאַנג געוואַכט אַ צאַפּלדיקער שטערן ווי אַ פייערל פון אַן אַוועקגעשטעלט נשמה־ליכט צופוסנס פון אַ בר־מינן.

שפּעטער־צו, פאַרטאָג, האָט דער בלישטשנדיקער שטערן זיך אָפּגעריסן פון נאַכטיקן הימל־געוועב, געטראָגן זיך פינקלדיק אין חלל און ווי געזוכט, אָדער געצילט אָנצוקומען אין פינצטערן גרוב אַרייך, וואָס אין מיטן פעלד, נישט ווייט פון אַרעסט־הויז, נישט ווייט פון וואַלד, כדי דאָרט זיך צו פאַרקברן מיט שמעונען אויף אייביקער, אייביקער רו.

יחיאל גראַנאַטשטיין

געבוירן אין לובלין אין יאָר 1913. אָנגעהויבן מיט דערציילונגען אין "דאָס יידישע טאָגבלאַט", וואַרשע, און אין דער "יידישער אַרבעטער־שטימע" אין לאָדזש. בעת דער מלחמה געווען רעדאַקטאָר פונעם וואָכנבלאַט "בשער", פאַריז. אין 1949 דערשינען דאָס ערשטע בוך "איך האָב געוואָלט לעבן" (פאַרלאַג ב. צעראַטאָ, פאַריז). עולה־געווען אין 1951. דאָ אַרויסגעגעבן ביז איצט די ביכער אין העברעיש: "יהודי ביער", פאַרלאַג "מורשת" תל־אביב, תשט"ו; "אורות מאופל" (ראָמאַן), "קריית ספר", ירושלים תשי"ט. רעדאַקטירט דעם "לכסיקון הגבורה", צוויי בענדער, פאַרלאַג "יד ושם", ירושלים תשכ"ח. פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, באַזונדערס אין "לעצטע נייעס" און אין "הצופה".

"המון" — פייגעלע זאַנשיין

זיאַמע טעלעסין

לידער פון דאָרטן און פון דאַנען

ס'איז דאָ נאָך אַ מעשהלע

ווער ווייסט ניט אַנדערסענס מעשהלע
"דעם קעניגס נייע קלייד"?
פיל מאָל כ'האָב געלייענט דאָס מעשהלע
און לייענען נאָך בין איך גרייט.

און ניט אַזוי פריילעך ווי טרויעריק
ס'מעשהלע האָט זיך פאַרקריצט.
די העסלעכע בלאָפער, ווי טרויעריק,
פאַראַנען זיי זיינען נאָך איצט.

ווער נעמט עס אַ קעניג, איך פרעג ביי אייך,
צי ווען ער זאָל דאָרטן ניט זיין,
און פירט אים אַרויס, ווי געפעלט עס אייך,
אַ הוילן אַנטקעגן דער שיין?

פון הינטן די הויפּלייט — ניט ווער עס איז!
וואָס טראָגן זיין כלומרשטן שלעפּ.
אַ לאַך טאָן, חלילה, זאָל ווער עס איז, —
וואָלטן געפלויגן קעפּ.

ווי נעמט מען דעם אמת דעם ריכטיקן,
וואָס זאָל אונדז פאַרהיטן פון זינד?
שוין־זשע דעם אמת דעם ריכטיקן
אויפדעקן קען נאָר אַ קינד?

ס'איז דאָ נאָך אַ מעשהלע. שטילערהייט
ס'גייט אום פון מויל צו מויל, —
ווי איינעם אין רום האָט מען אויסגעקליידט,
נאָר ער איז געבליבן הויל.

✶

אין פרעזידיום

צי ווייל איך בין געוואָרן הויך געשעצט,
צי ווייל מע האָט געוואָלט מיך סתם פאַרגוטן,
איז האָט מען אין פרעזידיום מיך באַזעצט.
זיץ איך ווי אַן אָרעמער מחותן.

דער לאַנגער טיש דערלאַנגט פון וואַנט ביז וואַנט,
מע האָט פון אים אַרויסגערוקט די פליגל,
און אָנגעדעקט איז ער מיט אַ געוואַנט,
וואָס האָט דעם קאָליר פון אַן אַלטן ציגל.

און אויבן אָן דער פאָרזיצער שוין זיצט.
אַנטקעגן אים —אַ טעצל פון פלאַסטמאַסע,
אויף וועלכן אַ גראַפין אַ גראָבער שוויצט,
אַן אָנגעגאָסענער ביז האַלדז מיט וואַסער.

די שטענדיקע פרעזידיום־לייט מיט האַסט,
זיך לאָזן צו דעם טיש אָן קיין שום פראַגע,
פאַרכאַפּן זיך אַ בענקל, ווי עס פּאַסט,
פאַר יעדן — לויט זיין אַמט און לויט זיין לאַגע.

איך זיץ. פון רעכטס — אַ פליך, פון לינקס — אַ בויך,
און פונקט אַנטקעגן מיר איז די טריבונע,
וואָס זעען זעט זי אויס, ווי אין דער הויך
מע וואָלט אַוועקגעשטעלט אַ דעקל פון אַ טרונע...

אָט טוט זיך גיך דער פאָרהאַנג אַ צערוק,
צוויי סאַמעטענע טיכער גייען זיך פאַנאַנדער.
...אין דעם געפּאַקטן זאַל איך כאַפּ אַ קוק,
און כ'ווייס ניט וואַהינטאָן זיך פאַר שאַנדע.

די שיין האָט זיך אויף מיר געטאָן אַ גאָס,
און ס'בויערן מיך בליקן, בליקן, בליקן,
ווי שולדיק וואָלט איך זיין אין עפּעס וואָס...
אַ הוסט פאַלט אָן אויף מיר און נעמט מיך שטיקן.

מיך טוט אַ וואָרף אין היץ, דערנאָך אין קעלט, —
וואָס טו איך דאָ?! ווי גיט מען זיך אַן עצה?
נאָר אָט האָט זיך דער פאָרטרעגער געשטעלט,
און גלייך פאַרשטעלט מיך מיט זיין ברייטער פלייצע.

דער פאָרטראַג ענדיקט זיך. — ווער וויל אַ וואָרט? —
— איך וויל! — און איינער שטעלט זיך שוין אַנידער.
דערנאָך אַ צווייטער שטעלט זיך אויף זיין אָרט,
אַ דריטער קייט די זעלבע קליאָטשע ווידער...

דערפילט האָב איך, אַז גרייט בין איך אויף מאָרד,
אַזוי ווי יענער וואַלד־גזלן, דער רשע.
...נאָר אָט באַקומט דער זעכצנטער דאָס וואָרט,
און ס'פאַלט מיר איין... צו פאַלן אין חלשות.

מע טוט אַ פליוכע וואַסער מיר אין העמד,
פון דעם גראַפין, וואָס פינקלט אויף דעם טעצל.
עס ווערט מיר גוט. נאָר זיי האָב איך פאַרשעמט.
מע וועט מיך אין פרעזידיום מער ניט זעצן!

*

אַ געשפּרעד

— וואָס שטייסטו אָט דאָ אויפֿן ראָג און זיך קווענקלסט ?
קום בעסער אַריינגיין אַהערצו אין שענקל,
דעם איבערגעטריקנטן גאָרגל אַ שווענק טאָן !

די ריזיקע אָוונט־שטאָט האָט זיך צעקלונגען,
און דיר — ווי ס'וואָלט אָטעם פֿאַרפּעלט אין די לונגען,
מע קען דאָך ניט מער אַ פֿאַרשמאַכטער אַרומגיין !

דער שטאָט־זייגער הענגט, ווי אַ טאַץ ווי אַ רונדער,
די ציפֿער, ווי קיילעשקעס, שטייען באַזונדער,
די ווייזערס פֿאַרשיכורן יעדע סעקונדע.

דו ביסט ווי דער ווייזער ווי יענער פֿון אייזן,
אָן אויפֿהער, כּסדר, דאַרפֿסט קרייזן און קרייזן,
אַ קרייז נאָך אַ קרייז, און קענסט ערשט ניט באַווייזן.

נאָר אינעם הו־האַ דאַרפֿסטו בלייבן אויף שטענדיק,
מעג בלייבן דיר לעבן אַ יאָר, צי אַ צענדליק,
ביז ס'האָט זיך דיין אָטעם ביי דיר ניט געענדיקט.

דו זאָלסט זיך ניט קלאָגן פֿאַר קיינעם, חלילה —
די אויגן צום הימל פֿאַרגלאָצט אין אַ תּפֿילה,
און בעטן דיר שענקען אַ רגע אַ שטילע.

מיר וועלן זיך מאַכן אַ לייכטן לחיים,
דאָס ביטערניש מיט אַ צוקערקע פֿאַרקייען,
פֿון דיזן און דאַזן אַ קאַפּעטשקע ברייען.

וואָס שטייסטו נאָך אַלץ ווי אַ תּם און זיך קווענקלסט ?
טאָ קום זשע אַריינגיין דעם גאָרגל אַ שווענק טאָן...
דאָס רייד איך צו זיך אויף טאַצאַנקע ביים שענקל.

✶

דיין וועג

דער בויגן פּאַפּיר — אַ פּאַרווייעטער פּליין, —
די ווייסט ניט וווּהין זאָלסטו לאָזן זיך גיין.
קיין וועג, און קיין שטעג, און קיין שפּור פון קיין שפּור,
צעריסן פון יעטוועדער שורה דער שנור.
ווי קיינמאָל קיין אות וואָלט ניט טאָן דאָ קיין טראָט,
אַ גרויליקע ווייסקייט אויף קיינעמס באַראָט.

עס וואָלט כאָטש אַ שטערנדל געשעמעריירט,
און מיך אין בית־לחם אין מיינעם געפירט.

צי זאָל כאָטש אַ וואָלף זיך פאַרגיין אין געהויל,
אַ קנאַל טאָן זאָל געבן אַ הילכיקע קויל.

אויף טויזנטער מיילן נאָר ווייסער געפריר,
אַ שטומקייט פאַרקאָוועט דעם בויגן פּאַפּיר.

נאָר קיינעם ניט קלאָג זיך, ביי קיינעם ניט פרעג,
אַליין נאָר, אַליין נאָר לייג דורך אים — דיין וועג!

*

אין וואַלד דאַרף מען גיין מיט אַ האַק

אין וואַלד דאַרף מען גיין מיט אַ האַק, —
ניט אויף גאַזלאָוואַי חס ושלום,
ניט אָנטאָן יסורים מע זאָל אים,
פאַרקערט — ער זאָל טרעפן דיך רק
מיט שמחה — סיי דיך, סיי דיין האַק.

אַ יעטוועדן בוים פונעם קאָפּ,
ביז די פיס זאָלסטו דאָרטן באַקוקן.
אַוווּ נאָר אַ צווייגל אַ טרוקנס,
אַוווּ נאָר אַ פוילנדיק סוקל
איז תיכף דו האַק עס אַראָפּ.

און אויב דו דערזעסט ווי אין וואַלד,
אַ בוים לאָזט אַ צווייטן ניט וואַקסן,
ער בויגט אים אַראָפּ פאַר די אַקסל, —
איז דאַרף מען אים אָפּראַמען באַלד, —
ווייל דאָס איז לטובה דעם וואַלד.

✶

וועגן בויגן זיך

דער בוים זיך בויגט אין שטורעם־ווינט
ניט אײַנברעכן ער זאָל אים.
ווי נאָר ס'גייט דורך דער שטורעם־ווינט,
ער טוט אַ גלייך זיך אויס געשווינד —
ס'איז ווידער — אַלץ בשלום!

אַ האַלבע חכמה פונעם בוים,
האָסט אויפן שטעל באַנומען.
געבויגן האָסט זיך, ווי דער בוים,
כדי ניט אומצוקומען.
נאָר אויסצוגלייכן זיך ווי ער,
האָסט, נעבעך, ניט געקענט שוין מער.

✶

דאָס צווייגעלע

ווײפל האַרץ און מי עס האָט געקאָסט אים
אָנמאָלן דאָס צווייגעלע דאָס פּראָסטע.

זיך דערשלאָגן, אַז דער פרישער מײַ־ווינט
זאָל אַריבער אויפן טויטן לייוונט.

און דאָס נאַקעט צווייגעלע נעמט דוכטן
הויבט זיך אָן צו וויגן אינדערלופטן.

זיינע קנאָספּן — אָט די פּענזל־פּלעקן,
נעמען ווי מיט דופט מיט טערפּקן שמעקן.

אָט דאָס פּשוט צווייגעלע דאָס שטילינקס
איז גענוג דערפילן זאָלסט דעם פרילינג.

★

די האַנט

כ'קוק ווי קנעטסט די טייג אין מולטער,
יעדער פינגער פאַר זיך לעבט.
ווען איך וואָלט געווען אַ סקולפּטאָר, —
דיינס אַ האַנט כ'וואָלט אויסגעקלעפּט.

יעדן פינגער כ'וואָלט באַזונדער
אויסגעקנאָטן מיט זיין חן,
מיט זיין כישופדיקן וווּנדער,
וואָס אַליין נאָר כ'קען פאַרשטיין.

אויף דער דלאָניע יעדעס מינדסטע
שטריכעלע כ'וואָלט אויפגעכאַפּט,
יעדעס אָדערל דאָס דינסטע,
ס'וואָלט דער ד ו פ ק אַזש געקלאַפּט.

ווען אַ מידער כ'וואָלט געדרעמלט
מיט מיין בענקשאַפט זאַלבענאַנד, —
אונטערלייגן וואָלט איך דעמאָלט
אונטער באַק צו מיר דיין האַנט.

ווי געוואָלט כ׳וואָלט דוצן אייך

די יאָרן דאָ פֿאַרקירצט מען ניט
מיט אירצעניש באַפּוצט.
דאָ, אויף העברעיש אירצט מען ניט,
נאָר אויסשליסלעך מע דוצט.

אַן אַלטער דוצט אַן עלטערן,
אַן עלטערן — אַ קינד, —
ווי ס׳וואָלט אין לאַנד געוועלטיקן
אַ גרויסע הויזגעזינד.

דער בחור דוצט די בחורטע,
וואָס האָט זי ערשט באַקאַנט.
ער שטייט אַ צעפּאָלאָכעטער,
עס בריט אים אָפּ איר האַנט.

די צניעותקייט די מיידלשע
פֿאַרפּרעסט ווי אין אַ פּויסט.
די סאַמע רייד די איידלסטע
אויף "דו" זיך ריידן אויס.

גענומען כ׳האָב זיך פּוצן רייד —
צו אייך, צו אייך מיך ציט.
אַיי, ווי געוואָלט כ׳וואָלט דוצן אייך,
נאָר כ׳קען ניט קיין עברית.

✶

בושלען פליען

אין אַ ווינקלדיקער סטייע
איבער פעלדער אָפּגעגרינטע
בושלען פליען קיין מצרים
איבערוואַרטן דאָרט דעם ווינטער.

ס׳קוקט די זון ווי דורך אַן אייגל
אויף מיין אָסיענדיקן גאָרטן.
ווייסן דען די קלוגע פייגל
וואָס עס טוט זיך איצטער דאָרטן?...

אויף אַרויף דעם קאָפּ פאַרריסן,
כ׳ קוק אין הימל דעם פאַרשטאַרטן.
איך וואָלט אויך אַוודאַי וויסן
ווו דעם ווינטער איבערוואַרטן.

★

מיין אויג אַ טרער האַלט איינעט קוים

איך שטיי אונטער אַ באָקסער־בוים,
אַ באָקסער־בוים.
צו אים דערקליבן כ׳האָב זיך קוים,
איך האָב זיך קוים.

איך זיץ אונטער אַ פייגן־בוים,
אַ פייגן־בוים.
דער הימל איז אַזוי גערוים,
אַזוי גערוים!

איך ליג אונטער אַ מאַנדל־בוים,
אַ מאַנדל־בוים.
ער האָט פאַרגראַמט זיך מיט מיין טרוים,
יאָ, מיט מיין טרוים!

אַ באָקסער־בוים,
אַ פייגן־בוים,
אַ מאַנדל־בוים,

מיין אויג אַ טרער האַלט איינעט קוים,
האַלט איינעט קוים...

אַ קאַפּיטל פּאָליטגראַמאַטע

יעדער נאַציאָנאַליטעט מוז האָבן פיר סימנים: אַן אייגענע טעריטאָריע, אַ געמיינזאַמע שפּראַך, אַן אייגענע עקאָנאָמיק, אַ נאַציאָנאַלע קולטור. און אויב עפּעס פון דעם דאָזיקן מין פעלט אויס — איז עס ניט קיין נאַציע. אַזוי האָט אונדז געלערנט דער „גרויסער פאָטער פון די פעלקער״ — סטאַלין.

מיין הויט איז שוין ברוין ווי ציקאָריע,
די זון פון ישראל מיך גליט.
איך האָב שוין אַ טעריטאָריע,
מיין ברודער אין רוסלאַנד — ניט!
אָט דאָ בין איך מער ניט קיין איינזאַמער,
ווי איינזאַם איז דאָרטן דער ייד!
כ'האָב מער ווי אַ שפּראַך אַ געמיינזאַמע,
מיין ברודער אין רוסלאַנד — ניט.

מיר האָבן דאָ אַרבעטער, פויערים,
אַן איינהייטלעך פאָלק אויסגעשמידט.
צעעפנט פאַר מיר אַלע טויערן
און דאָרט פאַר מיין ברודער — ניט.

און פּערטנס — איך האַלט ביי דער סכעמע זיך
(ס'איז טיף אין מיין מוח איר שפּור), —
מיר האָבן ניט וואָס צו שעמען זיך
מיט דער נאַציאָנאַלער קולטור.

כאָטש ס'וואַקסט דאָ, ווי דאָרט, די אַקאַציע
(זי רופט זיך „שיטה״ אויף עברית), —
בין איך דאָ געוואָרן אַ נאַציע,
מיין ברודער אין רוסלאַנד — ניט!

זיאַמע טעלעסין

געבוירן אין 1907 אין קאַלינקאָוויטש (ווייסרוסלאַנד), פאַרענדיקט דעם מאָסקווער מלוכה־אוניווערסיטעט. אָנטיילגענומען אין אַנטי־נאַצישן קריג אַלס סאָוויעטישער אָפיציר. געקומען קיין ישראל אין 1971. סע זיינען דערשינען פאָלגנדיקע פּאָעטישע ווערק אין יידיש: „אויף אייגענער ערד״ (מינסק, 1939), „אויף דער ליכטיקער וועלט״ (מאָסקווע, 1948), „אויף מיין אחריות״ (מאָסקווע, 1968) און לעצטנס „דאָס געוויין פון זכרון״ (תל־אביב, 1972).

אין רוסישער איבערזעצונג זיינען דערשינען אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, „לעבעדיקע וואָרצלען״ (1957) און „נאָענט ביים האַרצן״ (1965) חוץ אַ גאַנצע ריי קינדער־ביכלעך.

באַקומען דעם ליטעראַטור־פּרייז „קדושי לובלין״.

בנימין באַסמאַן

גאָט האָט געלאַכט אין קורגאַן־טיובע

מיין לערער יודל מאַרק — אַ מתנה
פון זיין שילער בנימין באַסמאַן.

די נאַכט אין אוזבעקיסטאַן פאַלט אָן פלוצלינג. כהרף־עין ווערט אַזוי פינצטער, כאָטש שטעך זיך אויס אַן אויג. אין אָט אַזאַ נאַכט האָב איך זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אין שכנותדיקן קאָלכאָז. אַרום און אַרום איז געווען חושך ואפילה, אַזוי אַז דעם וועג האָב איך פשוט געדאַרפט טאַפּן מיט די הענט.

מיינע באָרוועסע און געשוואָלענע פיס האָבן אָנגעפילט די גרויסע אומגעלומפּערטע שיך, וואָס איך האָב נאָך פיל שתדלנות קוים באַקומען פון סקלאַד פון קאָלכאָז. דער רוקן האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן פון שווערן אַרבעטסטאָג. און איצט האָב איך געדאַרפט שלעפּן אויף אים אַ לאַסט, דעם שווערן זאַק מיט אוריוק.*
ווי קום איך צו דעם אוריוק? בעוונותינו הרבים, איך האָב דעם אוריוק פשוט געגנבעט. ווי גנבעט מען עס אוריוק? איך בין ניט געווען דער ערשטער און ניט דער לעצטער וואָס האָט געגנבעט אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה. וואָס טוען ניט מענטשן ווען זיי זיינען הונגעריק? און אין מיין אָרעמער קיביטקע וואַרטן אַ פרוי און אַן עלטערע מוטער, און זיי האָבן שוין גאַנצע צוויי טעג אין מויל גאָרניט געהאַט.

אָבער ווי קום איך צו דעם פולן זאַק מיט די טייערע פירות? ביים ראַנד פון קאָלכאָז איז שטיל געפלאָסן אַ קליין טייכל. ביים ברעג פון טייכל איז אַרויסגעוואַקסן אַ הויכער בוים מיט דעם אוריוק. איך האָב אַ גאַנצן טאָג געדאַרפט אַראָפּטרייסלען דעם אוריוק אין טייכל אַריין. די רויט־בעקלדיקע אוריוקעלעך זיינען געפאַלן אין וואַסער. אַ היפּש ביסל ווייטער איז געזעסן מיין חבר, און צו אים האָט דער שטראָם פון טייכל צוגעפירט די אויסגעוואַשענע פירות. זאָרגעוודיק האָט מיין חבר אָנגעפילט אויך מיין זאַק, אַ פולן זאַק. עס איז מיר גאָרניט גרינג אָנגעקומען אין דער חשכות פון אָוונט צו געפינען דאָס אָרט וואו מיין חבר איז געזעסן, צו געפינען אים מיט די זעק. די אויגן זיינען שיער ניט אַרויסגעקראָכן.

---

*) אַפּריקאָסן.

מיט די זעק אויף די פּלייצעס זיינען מיר שטיל געגאַנגען. ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. איך האָב געמוזט אַלע ווײַלע זיך אָפּשטעלן כּדי צו פאַרריכטן דעם זאַק אויף די פּלייצעס, אָפּרוען די פאַרמאַטערטע פיס. עס האָבן אויך געשטערט גיין די שווערע מחשבות וואָס האָבן געעקבערט און צעעקבערט דעם מוח: וואָס וועט זיין? ווי וועט עס זיין? מיין פרוי איז שוין אין די לעצטע טעג, אָט־אָט און זי דאַרף האָבן דאָס קינד. וואָס וועט זיין מיט דעם געבוירענעם? און וואָס וועט זיין מיט איר און מיט דער אַלטער מאַמען? איך מוז דאָך זיי פאַרלאָזן, ווייל מיך שיקט מען אויפן פראָנט. מאין יבוא עזרי? און ווער קען, ווער וועט זיי העלפן?

צעפרעסן פון אַזוינע שווערע געדאַנקען, מיד, הונגעריק, האָב איך קוים דערגרייכט מיין קיביטקע, כאָטש איך האָב זי שוין געקענט אַ האַלב יאָר. אַן רעש האָב איך שטיל געעפנט די טיר. אינעווייניק איז אויך שטיל. שלאָפן זיי? האָט דער הונגער זיי געלאָזט איינשלאָפן? דאָס פיטשינקע נאַפט־לעמפּעלע וואַרפט אַ נעבעכ־דיק קוים־קוים־ליכט אויף די שמוציקע ווענט, אויפן ערדענעם דיל, אויף זייערע בעטן. און אָט הער איך אַ שווער קרעכצן פון מיין פרוי.

באַפרייט דעם רוקן פון שווערן זאַק מיט דעם אוריוק, וואַרף איך אַראָפּ פון זיך דאָס ביסל אָנטועכץ און גיב זיך אַ צי אויס אויפן טאַפּטשאַן. זאָל דער רוקן קומען צו זיך! עסן? שפּעטער, מאָרגן. עס שלעפּערן איין רייכע געדאַנקען: גוט וואָס איך האָב געבראַכט אַ זאַק מיט אוריוק, עס וועט זיין אויף עטלעכע טעג, צוזאַמען מיטן פּאַיאָק, מיט דער קליינער פּייקע ברויט וועט עס זיין אַ יש!

די אויגן האָבן זיך שוין צוגעקלעפּט. און דאָ רייסן זיך אַרויס פון מיין פרוי קרעכצן. זיי ווערן שטאַרקער, הילכיקער, אָפטער, זיי פילן אָן דעם גאַנצן חלל פון דער קיביטקע. איך פרעג די געוויינטלעכע און נאַרישע פראַגעס: ווי פילסטו זיך? מיט וואָס קען איך דיר העלפן? — איך קום אום פון ווייטיקן... ווער קען מיר העלפן?

ווי איך וואָלט נאָך געווען אַ קליין יינגל, לויף איך צו דער מאַמען: וואָס זאָל מען טאָן? און מיין מאַמע — האָט איר נאָך געטראָפן אַזאַ פרוי מיט אַזוי פיל בטחון? — באַרויִקט מיך, ווי איך וואָלט טאַקע נאָך געווען אַ קליין יינגל:

„מיין קינד, אַלץ וועט זיין גוט, אם ירצה השם. אַן ערשטלינג, זאָלסטו וויסן זיין, שפּרינגט ניט אַליין אַרויס און קומט ניט אַריין דורכן פענצטער. ביז אײַנ־דערפרי איז נאָך דאָ אַ סך צייט. דו וועסט באַוויזן אָפּצופירן די יולדת אין אַ שפּיטאָל, און זי וועט אין אַ מזלדיקער שעה דיר געבוירן אַ זון".

וויפל שעה האָט אייגנטלעך אַ נאַכט אין אוזבעקיסטאַן? אָט די נאַכט האָט זיך געצויגן און געצויגן. דאָס קרעכצן פון מיין פרוי האָט אַזוי ווי מיט צוואַנגען איינגעהאַלטן די לענגסטע נאַכט אין מיין לעבן. עפּעס אַן אייביקייט, ניט קיין איינציקע נאַכט. אָבער אויך אַן אייביקייט איז ניט אייביק. עס האָט קוים גענומען שאַריען אויף טאָג, בין איך אַרויס פון קיביטקע און הענדום־פּענדום געלאָפן צום פאַרזיצער פון קאָלכאָז. די הויכע בערג אַרום מיט זייער אייביקן שניי האָבן

גענומען זיך רייטלען פון דער אויפגייענדיקער פון און מיט אַ וואָרעם מיטגעפיל אַראָפּגעקוקט אויף מיין אומבאַהאָלפנקייט, אויף מיין עלנטער צעטראָגנקייט.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך כמעט אויפגעריסן די טיר פון צימער, ווו עס איז אין רחבות געשלאָפן דער פּאַרזיצער. ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם: אַזוי פרי? און זיך אַריינרייסן? מיט אַ קאַלט און כעסדיק פּנים האָט ער געמאָלדן אַז ער קען מיט גאָרניט העלפן — און האָט געוואָלט ווידער זיך לייגן כדי צו פאַרענדיקן דעם שלאָף זיינעם נאָך דעם נעכטיקן ביסל בראָנפן. בין איך באמת געוואָרן משוגע, געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש, געשריען ווי אַ באַזעסענער. איך זע, דער פאַרזיצער דערשרעקט זיך, קראַצט זיין פליך און ברומט אַרויס: „קיין עקסטרענעם טראַנספּאָרט האָב איך ניט. נאָר אַזייגער זיבן וועט מען פירן שעפּסענע פעלן אין סאַווכאָז, אין דער ריכטונג פון שפּיטאָל, וועט מען קענען אויסניצן די פאַרבינדונג" — און ער גענעצט שוין ווידער.

עס איז שוין זיבן אַזייגער, און אָט איז די צוויי־רעדערדיקע 'אַרבע'. איינ־געשפּאַנט אין איר איז אַן אייזעלע, און דער אָנטרייבער איז אַ ייִנגל, אַן אוזבעקל. די 'אַרבע' איז פול אָנגעפּאַקט מיט שעפּסענע פעלן. די מאַמע און איך העלפן אַרויפלייגן די געווינערין אויף די פעלן. די מאַמע גיט מיט אַ ליילעך, אַ האַנטעך און אַ פלאַש מיט ריינעם געקאָכטן וואַסער. זי דריקט אַוועק דעם קאָפּ, מע זאָל ניט זען אירע טרערן און ווינטשט צו: מיט הצלחה.

אַזוי לאָזן מיר זיך זאַלבעפערט אין לאַנגן וועג אַריין: די געווינערין וואָס אירע קרעכצן ווערן פון צייט צו צייט אַלץ שטאַרקער אָדער ווערן מאָמענטנווייז איינגעשטילט, ווייל זי האָט שוין קיין כוחות ניט אַרויסצוברענגען אַ קלאַנג; איך מיט מיינע שרעקן און אומבאַהאָלפנקייט; דאָס שמייכלענדיקע אוזבעקל וואָס פּילט זיך זייער וויכטיק; דאָס פילאָזאָפירנדיקע אייזעלע מיט די פּאַמעלעכע טריטעלעך. און די זון — ווו איז איר פרימאָרגנדיקע ליבלעכקייט? — מיט יעדער רגע ווערט זי אומברחמנותדיקער, בייזער, צעפלאַמטער. זי ברענט שוין ווי הונדערטער קאַלכאויוונס. זי איז שוין די ערגסטע האַרינטע איבער די אָנגרענעצדיקע פעלדער מיט וואַטע, וואָס דער וועג ציט זיך צווישן זיי אָן אַ סוף, גרוב־אַריין גרוב־אַרויס, איבער די ליימיקע גרודעס. די 'אַרבע' טרייסלט זיך און בייגט זיך דאָ רעכטס און דאָ לינקס. איך ציטער: די געווינערין קען נאָך אַראָפּפאַלן, און ביזן שפּיטאָל איז נאָך אַזוי ווייט, אַזוי ווייט. דאָס אוזבעקל באַמיט זיך צו פאַרגיכערן די טריטעלעך פונעם אייזעלע. אָבער ווי קען ער עס? טראָפּנס שווייס גיסן זיך פון מיין שטערן, פון פאַרביטערטן האַרץ רייסט זיך אַרויס נאָר איין וואָרט: גאָט, גאָט... איך וויל אונטערהעלפן דעם אייזעלע. איך דריי אויס דאָס פּנים און קוק אויף מיין פרוי. איר פּנים דריקט איצט אויס דעם שרעקלעכן אַלצאיינס, אַלצאיינס.

און אָט שרייט זי ווידער און אינמיטן הער איך: דאָס קינד! דאָס קינד! — מיט די לעצטע כוחות קומט אַזאַ אויסגעשריי, און די קימפּעטאָרין פאַרוואָרפט דעם קאָפּ אויף די שעפּסענע פעלן... שטיי איך אַזוי אינמיטן דער ברעניקער וועלט און האַלט אין דער ציטערדיקער האַנט דאָס געבוירענע קינד; איך קוק

אַרויף צו פון היץ־פּאַרגליווערטע הימלען — און איך וויין און איך לאַך...
און איך דערהער, ווי איבער די הימלען לאַכט גאָט.

און די קימפּעטאָרין לאַכט שוין אויך. און דער קליינער אוזבעקל, וואָס האָט געהאַט זיך פאַרשעמט און אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן אין וואַטע־פעלד, קומט צוריק אַ לאַכעדיקער. און די זון, זי האַלט שוין ביים פאַרקייקלען זיך, קוקט אויף אונדז אַ מילד־לאַכעדיקע. דער רך־נולד איז שוין איינגעוויקלט אין ליילעך וואָס די מאַמע האָט מיטגעגעבן. אָט ליגט עס רואיק לעבן דער מאַמען זיינעם — און אפשר לאַכט עס אויך. נאָר דאָס אייזעלע איז גלייכגילטיק אין זיין פּאַמעלעכן טראָט. עס איז נאָך ווייט־ווייט ביז צום שפּיטאָל. איצט האָב איך נייע כוחות צו שטופּן דאָס וועגעלע מיט מוטער און קינד אויף די שעפּסענע פעלן. איך האָב שמשון הגיבור׳ס כוחות, ווייל מיך שטופּט אונטער גאָטס געלעכטער וואָס איך הער נאָך אַלץ. און איך דריי זיך אום צו דער געווינערין און זאָג:

„מיר וועלן דעם קינד אַ נאָמען געבן יצחק, ווייל מיר האָבן געלאַכט און גאָט האָט געלאַכט אין קורגאַן־טיובע״.

בנימין באַסמאַן

געבוירן אין ווילקאָמיר, ליטע. עולה־חדש פון קאָוונע. קינדווייז געלערנט אין דער ערשטער יידישער פאָלקס־שול ביי יודל מאַרק. אָנטיילנעמער פון אַנטינאַציישן קריג. דרוקט זיך צום ערשטן מאָל.

אַסיאַ

לידער

אכסניה

אַלט מיט קלאַנג ווי אַלט איך בין,
פון קלאַנג שוין באַלד אָן זינען,
פון די פאַרליבטע און צעקריגטע
וואָס צוזאַמען קומען.

געפינען דאָ אין גרינעם־הויז
אַן אָפּרוף און אַ וויגל
פאַר צאַפּלענדיקע קעלכעלעך
און ציטעריקע פליגל.

זיי קומען אָן זיי פליען אָפּ
און זעען ניט אַ פּנים
אונטער טשופּרינע פולער ליכט,
ווי ס׳לעשט זיך אויס מיין פּנים.

און עמעצנס אַ פלאַטער אויף
און עמעצנס אַ ציטער
אין דינעם גוף מיינעם וועקט אויף
דעם נעכטיקן געוויטער.

זיי זינגען אויס זיי זינגען אָפּ
און פרייע פון געבוירן
אַכסניות זוכן אַנדערע
אין קשאַקעס און אין קאָרן.

כ׳וואָלט וועלן אויך ווי זיי אַמאָל
פון רעגנס און חאַמסינען
פאַרטונקען זיך איבער די האָר
אין עמעצנס אָנגרינען,

און אויך געטאָן אַ פלי אַוועק,
באַפליגלט פון אַ ניגון,
נאָר מיינע פליגל דינען נאָר
צום וויגן און פאַרוויגן.

רויט און גרין

וועל איך איבערוואַרטן,
ס׳רויטע ליכט ביז ס׳וועט גרינען,
און פּלוצים אין לויפנדיקן המון
אַזוי נאָענט דיין טראָט:
וועל איך בענטשן אַלע סעמאַפאָרן
פון דעם טאָרן און ניט טאָרן,
וואָס באַהיט, פון ווילדן פּענד
די שטאָט.
יעדער גוף אַ שיף
געשפּאַנט צום האַפן
אויף אַ כוואַליע אייגענער פון האָפן
רודערט צו אַ ברעג,
נאָר פּאַר צוויי,
סיגנאַל פון סייסמאָגראַפן,
הענט צונויפגעטראָפן,
ווייסן אַז ס׳עפנט זיך דער וועג.

✶

עפּל

ס׳שמעקט מיט עפּל־סאָד און סוד דעם וואַלדיקן
אין חלום קוים באַרירטן,
ווילן די פינגער אַדורך־ריר־טאָן
ס׳געדיכטעניש פון גרויען יינגל־קאָפּ.

אינעם פלאַנטער פון פאַרוויִיטע וועגן
צו דער נאָענטקייט זיך דערפרעגן
פון ניט איין זאַווי באַדראָט.

כ׳שאַר צונויף דעם שניי פון דער טשופּרינע,
אַ באַרעגנטע פון בליקן גרינע,
כ׳היט שוין ניט דעם טראָט,
אַזוי נאָענט שמעקט דאָ מיט עפּל־סוד.

✶

זאַגסט, צייט

האָבן מיר שוין ניט
די זעלבע הויט —
זאָגסט, צייט
האָט עס אויסגעבלאַסט ?
ערגער, טייערער,
אַרויסגענאַשט
דעם כוח פון באַריִרן — — —
איז וויי, צו שפּעט
דערשפּירן זיך צו דינקייט
מיט פינגער שאָרסטקע.

✶

אַסיאַ

גערבוירן אין ווילנע — פון דער היים קוריצקי. די מלחמה איבער־געלעבט אין רוסלאַנד. אָנגעהויבן צו שרייבן צו אַכט יאָר, פּאַרעפנט־לעכט לידער אין ״די גאָלדענע קייט״ און ״סביבה״ (ניו־יאָרק). די פּאָעזיע־זאַמלונג ״צווייגן־ציטער״ מיט אַ פאָרוואָרט פון יעקב גלאַט־שטיין איז דערשינען אין פאַרלאַג ״המנורה״ אין תל־אביב, 1972.

ז. ברכות

דער שטעקן

דער שטעקן, אַ לאַנגער, ברוינער, אויסגעלייגט מיט קליינע גאָלדענע טשוועקעס. דער גראָבער קאָפּ באַדעקט מיט אַ רויטער פאַרב. אָט דער שטעקן האָט מיך שטענדיק אַריינגעשלעפּט אין פאַרשידענע צוזאַמענשטויסן מיט די אַראַבער. אַלע מאָל, ווען זיי האָבן מיך באַגעגנט מיטן שטעקן האָבן זיי געפּרוווט מיט אַלערליי מיטלען אים צונעמען ביי מיר, מיט גוואַלד אָדער כאַטש אָפּקויפן. עס האָט אויסגעזען, ווי דער שטעקן זאָל האָבן פאַר זיי עפּעס אַ מין מאַגישע קראַפט. דעם שטעקן האָב איך געהאַט צוגענומען ביי אַן אַראַבער אויף די גערטנער פון זכרון יעקב ווען מיר, יידישע אַרבעטער, האָבן צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו היטן די ווייַנגערטנער ביי די קאָלאָניסטן פון זכרון יעקב.

אין יענע צייטן, מיט פופציק אָדער מער יאָרן צוריק, האָבן די יידישע קאָלאָניסטן ניט געדונגען קיין יידישע וועכטער, נישט זייער גערן האָבן זיי גענומען יידישע אַרבעטער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן ניט איינמאָל דערוויזן, אַז זיי קענען אויך זיין גוטע אַרבעטער, ניט ערגער און אפשר בעסער פון די אַראַבער. די אַרבעטער האָבן דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין, זיי האָבן אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין די ערשטע צייטן, פאַר וואָס די יידישע קאָלאָניסטן נעמען אָן אַלס אַ שומר דווקא דעם גרעסטן גנב און רויבער פון דער געגנט, ווו די קאָלאָניע געפינט זיך. דאָך האָט זיך איינגעגעבן די ערשטע יאָרן פון מיין קומען אין ארץ־ישראל, אָנצונעמען די שמירה איבער די גערטנער פון זכרון יעקב. ווי דאָס איז צושטאַנד געקומען, איז עס אַ קאַפּיטל פאַר זיך...

מען האָט געדאַרפט האָבן צוואַנציק אַרבעטער פאַר דער שמירה, און אין איין שיינעם הייסן זומער־טאָג, זיינען צוואַנציק אַרבעטער פון פתח־תקוה אַוועק אין זכרון־יעקב, וווהין זיי זיינען אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט. דער קאָלאָניסט מיט וועמען איך האָב פאַרהאַנדלט, האָט אונדז אויפגענומען זייער קאַלט. ווייזט אויס, ער האָט זיך נישט געריכט, אַז מיר וועלן קומען. גלייך אויפן אָרט האָט ער אונדז געוואָלט דערוויזן, אַז יידישע אַרבעטער קאָנען ניט זיין קיין וועכטער. נישט צוגעפּאַסט. מיר קאָנען זיך נישט פאַרגלייכן מיט חאַדזש יוסוף, דעם גרעסטן גנב פון אַרום זכרון. אַלע האָבן מורא פאַר אים. די קאָלאָניסטן קאָנען רויק שלאָפן... און ער האָט פאַרענדיקט: „אויב מיר וועלן אייך געבן געווער, קאָנט איר נאָך דערשיסן אַן אַראַבער. איר וועט פאַרלאָזן די גערטנער, אָבער מיר מוזן דאָ בלייבן. וועט זיך דאָ גיסן בלוט...״.

איך האָב קאַלטבלוטיק געענטפערט, אַז ער האָט געוווּסט, בעתן שליסן מיט

אונדז דעם אָפּמאַך, אַז מיר וועלן זיך ניט אומקערן „מיט ליידיקע הענט". דער סוף איז געווען, אַז ער האָט פאַרט נאָכגעגעבן און איינגעטיילט אונדז געווער: אַ פּאָר אַלטע ביקסן, רעוואָלווערן און פאַר די איבעריקע — גראָבע שטעקנס, ווייל געווער האָט פאַר אַלעמען נישט געסטייעט. ווען מיר זיינען געקומען אויף די גערטנער און באַקוקט דאָס „געווער" איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די ביקסן — אַלטע, פאַרזשאַווערטע. אַ טייל פון זיי זיינען געווען אָנגעלאָדן זייער לאַנג. ווען מען שיסט אויס חלילה, וואָלט מען געוויס אַליין דערהרגעט געוואָרן. אויסלאָדן די דאָזיקע ביקסן האָט מען שוין לחלוטין נישט געקאָנט... פון די צוואַנציק מענטשן, וואָס זיינען געקומען ווערן וועכטער, זיינען יענע נאַכט פאַרבליבן נאָר פינף.

מיר, די פינף, האָבן באַשלאָסן בלייבן, ווייסנדיק, אַז אונדז וועט זיין זייער שווער צו היטן צוזאַמען מיט די אַראַבער. זיי זיינען געווען די מערהייט. מיר האָבן זיך געפילט ניט גאָר זיכער. יעדער פון אונדז האָט געהאַט צו היטן אַ וויינגאָרטן און אין דער זעלבער צייט אויך באַדאַרפט האַלטן אַן אויג אויף די אַראַבישע וועכטער. אַראַביש האָבן מיר נישט געקענט. נישט איין מאָל האָבן מיר שוין גע־קלערט פאַרלאָזן די גערטנער, אָבער מיר זיינען געבליבן. מיר האָבן נישט געוואָלט, מען זאָל זאָגן: די יידישע אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעשראָקן און פאַרלאָזט די שמירה. אין קאָלאָניע זיינען מיר נישט געגאַנגען. די גאַנצע צייט זיינען מיר גע־ווען אויף די וויינגערטנער. אין דער פרי געשלאָפן. פאַרנאַכט געוואַנדערט איבער די גערטנער צווישן די אַראַבישע וועכטער, זיי זאָלן וויסן, אַז מיר שלאָפן נישט. מיר האָבן זיך אויך געמוזט היטן פאַר די דאָזיקע שומרים, זיי זאָלן אונדז נישט אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל, צונעמען די זאַכן פון ביידל, צי גאָר די שלימזלדיקע ביקסן. יעדער פון אונדז האָט געהאַט זיין נאַכט, ווען ער האָט געדאַרפט אַרומגיין באַזוכן די אַראַבישע וועכטער.

אין איינער אַ נאַכט, גייענדיק צווישן די גערטנער, האָב איך ביי איינעם פון די אַראַבישע וועכטער דערזען אַ פרעמדן אַראַבער. ווי נאָר דער פרעמדער האָט מיך באַמערקט, האָט ער אָנגעהויבן שטעלן פּיס. איך האָב, פאַרשטייט זיך, נאָכ־געיאָגט — געוואָלט אים כאַפּן. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן שטעקן. ווען איך האָב זיך צו אים דערנענטערט, האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיטן שטעקן. האָב איך אַ שליידער געטאָן אויף אים מיין מעסער, געוואָרפן שטיינער, ער איז ווידער געלאָפן. אָט איז ער שוין געווען ביים אַרויסגאַנג, אויף ס׳ביי זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אויפגעהויבן אויף מיר זיין שטעקן. איך האָב נישט געוואַרט — אַ וואָרף געטאָן זיך אונטערן שטעקן צו זיינע פיס. דער שטעקן איז געפאַלן אויף מיין רוקן, אָבער דער אַראַבער איז שוין געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, איך — אויף אים. ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט ווייטער געשען, ווען עס לויפן נישט אָן די אַנדערע וועכטער, ווי אויך אַ קאָלאָניסט, וואָס איז צופעליק געווען די נאַכט אויף זיין גאָרטן. דעם אַראַבער האָט מען אָוועקגעפירט. איך בין אַריין אין מיין ביידל, אַרומגעגאָרטלט דעם רוקן מיט אַ ברייטן האַנטוך און בין אַזוי אָפּגעלעגן אַ גאַנצן מעת־

לעת. נאָך דעם האָבן מיר פאַרלאָזן זכרון יעקב. דער קאָלאָניסט האָט שפּעטער פריי געלאָזט דעם אַראַבער, אָבער זיין שטעקן איז געבליבן ביי מיר. דאָס איז געווען דער זעלבער שטעקן, איבער וועלכן איך האָב געהאַט פיל קאָנפליקטן מיט די אַראַבער און וועלכן איך האָב שטענדיק געטראָגן, שפּאַנענדיק אין אויבערשטן גליל דורך וואַדי ערה.

✶

איך בין אין וואַדי ערה. מיט אַ מאָל האָט זיך אַ פּאַס ליכטיקייט אַריינגעריסן אין דער וואַדי. אַ בעדואינער, זיין פּנים פאַרדעקט מיט אַ „קעפיע", די ביקס הינ־טערן אַקסל. די גרויסע שווערד קלאַפּט זיך אין די רויטע שטיוול. איך האָב זיך געמאַכט איך זע אים נישט. ער האָט אַ יאָג געטאָן זיין פערד און איז אויסגעקומען האַרט ביי מיין זייט. איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט, אָנגעטאָן בין איך געווען ווי אַ טשערקעס — גראָע הויזן, אַ טונקל העמדל, אַ גרויס מעסער, פאַרשטעקט אין ברייטן רימענעם גאַרטל און דעם שטעקן אויפן אַקס. דער בעדואינער האָט מיך שאַרף באַקוקט, און אַוועקגעריטן...

אָן אָפּרו בין איך געגאַנגען. איך האָב זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט אין טבריה. פאַר וואָס האָב איך זיך אַזוי געאיילט? גראָד געוואָלט קומען אין ראש־פינה דעם זעלבן טאָג? — הייב איך נישט אָן צו געדענקען... עס קען זיין, אַז מיין שטאַר־קער ווילן באַזוכן די ווייטסטע קאָלאָניע האָב מיך געטריבן. עס קען אויך זיין, אַז צפת איז געווען מיין ציל. איך געדענק נישט. סוף־כל־סוף, נאָך האַלבן טאָג בין איך שוין געווען ביי „דיב על יוסוף" — דעם גרוב, ווו די ברידער האָבן אַריינגעוואָרפן יוספן, איידער זיי האָבן אים פאַרקויפט אויף קנעכטשאַפט קיין מצרים...

„דיב על־יוסוף" איז אָן אַלטער הויף, אַרומגערינגלט מיט צעבראָכענע, ליי־מיקע ווענט. לויט די צעוואָרפענע שטיינער, זעט אויס, אַז דאָרט זיינען אויך גע־ווען הייזער, אין מיטן הויף — אַ גרוב. קאָן זיין אַז זי איז אַמאָל געווען טיף, אָבער איצט — האַלב פאַרשאָטן, פלאַך. לויט די אויסגעבויגענע הויכקייטן אַרום גרוב, זעט אויס ווי זי וואָלט אַמאָל געווען אַ ברונעם. אין הויף איז שוין האַלב טונקל. די ווענט האָבן פאַרשטעלט די זון. פון דעם אָנגעוואָרפענעם מיסט און שטויב, האָט זיך געטראָגן אַ שווער גערוך, וואָס האָט מיך ממש געשטיקט. גיין ווייטער האָט זיך מיר שוין ניט געוואָלט. איך האָב זיך אויפגעהערט איילן. מיד בין איך ניט געווען. איך האָב נאָך געקאָנט קומען פאַר פרי אין ראש פינה. איך האָב געוווּסט, אַז בעסער איז זיך נישט פאַרהאַלטן. עס ווערט שפּעט. מע קאָן נאָך אָנטרעפן אַראַבער און זיי וועלן געוויס וועלן צונעמען ביי מיר דעם שטעקן. אָבער איך האָב זיך נישט גערירט פון אָרט. געקוקט אויף דער האַלב־פאַרשאָטענער גרוב ווו יוסף איז געלעגן. געוואָלט פאַרשטיין פאַר וואָס ער איז פון גרוב ניט אַרויס־געקראָכן... עס איז דאָך אַזוי פלאַך. אין מיין געדאַנק האָבן זיך אויסגעמישט פאַנטאַזיע מיט ווירקלעכקייט. דער נעכטן מיטן היינט, אָבער דעם מאָרגן האָב איך ניט געזען.

יוסף און די ברידער האָב איך געזען אַזוי וואָרהאַפּטיק ווי דעם אַראַבער, וואָס איך האָב געטראָפן אין דער פרי. אין מיין דמיון האָב איך זיי געפרעגט: וואָס איז דאָן געווען דער הונגער אין לאַנד? און ווען מיר קוקן זיך צו צו די אַראַבער, צו די פעלאַכן, וואָס מיר טרעפן — ביי זיי איז דאָך אויך אַ שטענדיקער הונגער... איז דען גאָר קיין אַנדער לאַנד ניט געווען אַ נענטערס, ווו צו גיין נאָך עסן? און צו וואָס איז געווען נויטיק אַריינצוואַרפן אַ ברודער אין אַזאַ פלאַכן גרוב? די וועגט פון „דיב על יוסף״ זיינען שוין ניט געווען פאַר מיר אַלט און צעבראָכן־ליימיקע; מיר האָט זיך געזען אַ גרויסער קאַראַוואַן־סאַראַי אויף אַ ברייטן און וויכטיקן וועג, וועלכער פירט צו פאַרשידענע לענדער און פעלקער. אויך די ישראלים זיינען געקומען מיט זייערע שאָף און רינדער, קעמלען און אייזלען. דאָ האָבן זיי אויך געמוזט זיך אָפּשטעלן. זיי האָבן געמוזט האָבן וואַסער און פאַשע פאַר זייערע בהמות ווי אויך עסן און רו צוליב זיך. דער וועג איז פאַר זיי פרעמד. נאָר די געזונטע און מלחמה־פעיקע זיינען דאָן געגאַנגען ווייטער — קיין מצרים. די פרויען, קינדער און אַלטע האָט מען ניט מיטגענומען. עס קען זיין, אַז דער יונגער יוסף איז געוואָרן אַ שטערונג, מען האָט געדאַרפט פון דער שטערונג פּטור ווערן, שיקן צוריק איז צו ווייט. די מלחמה־פעיקע זיינען ווינציק, האָט מען אים געמוזט פאַרקויפן... און פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן דער עפּאָס פון קנעכטשאַפט און באַפרייונג. דער עפּאָס פון אַן אייביק פאָלק, פון אַן אייביק לאַנד און פון אַן אייביקער שטרעבונג. איך בין ביי דעם וויגעלע. די אַראַבער ווילן מיר זאָלן גלויבן אין דער גרוב, אין די צעוואָרפענע וועגט, פאַר וואָס טאָקע נישט? ...

איך האָב נישט באַמערקט, ווי עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקעלער און טונקעלער. איך האָב אויך ניט באַמערקט ווי צוויי אַראַבישע פּאַסטוכער זיינען אַריינגעקומען, ביידע הויך־וווקסיקע, ביידע באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, מעסערס און מיט אַלטע לאַנגע ביקסן. די פנימער פאַרוויקלט מיט קעפיעס, ווי דער שטייגער איז. איך האָב ניט באַמערקט, ווען זייער טשערעדע איז פאַרביי. די אַראַבער האָבן מיך אָנגעקוקט און אָנגעהויבן אַרומקריכן אין הויף, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָרט עפּעס געזוכט. זיי האָבן צו מיר גערעדט. איך האָב זיי נישט פאַרשטאַנען, אָבער איך האָב נישט געוואָלט זיי זאָלן עס וויסן — האָב איך זיי געענטפערט אויף רוסיש. זיי האָבן זיך איינגעהערט, עפּעס געזאָגט, טייטלענדיק אויפן שטעקן. לויט דעם ווי זיי האָבן נייגעריק באַקוקט דעם שטעקן, אָנווייזנדיק אויף אים מיט די פינגער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי ווילן דעם שטעקן. זיי וועלן פּרובירן אים צונעמען ביי מיר. געוווּסט האָב איך, אַז איך וועל זיי דעם שטעקן נישט געבן, נישט געקוקט, וואָס זיי זיינען צוויי און גוט באַוואָפנט. כדי נישט זיין פאַרשלאָסן צווישן די וועגט, האָב איך צו ביסלעך זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן. די אַראַבער האָבן געפּרוּווט פאַרשטעלן דעם וועג. איינער האָט אפילו אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער. זיי האָבן גערעדט צו מיר, אָבער איך בין שוין געווען אין דרויסן און בין געגאַנגען מיטן וועג צו ראש־פינה. איך האָב זיך אומגעקוקט. די אַראַבער זיינען

געבליבן שטיין ביי דעם אַריינגאַנג פון הויף. איינער האָט אָנגעצילט זיין ביקס — גרייט צו שיסן, אָבער זיי זיינען מיר ניט נאָכגעגאַנגען און ניט געשאָסן. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צום גרויסן שטיין ביי דעם אויסבויג פון וועג, איז פון דאָרט אַרויסגעריטן אַן אַראַבער אויף אַ גאָלדענער רייך־געפּוצטער „אסילע" און אַליין אויך ווי מען זאָגט: „אָנגעטאָן אין עסיק און אין האָניק", ווייזט אויס — האָב איך געקלערט — אַז דאָס איז זייער אַ געהויבענער שייך. איך האָב זיך נישט פאַרהאַלטן און שנעל ווייטער געגאַנגען מיין וועג.

— וואָס איילט איר זיך, וווהין לויפט איר? — האָב איך דערהערט הינטער זיך. איך בין געבליבן שטיין. דער „אַראַבער" האָט געעפנט זיין קעפּיע. ווייזט זיך אַרויס — דאָס איז גאָר געווען אַ יידישער קאָלאָניסט פון ראש־פּינה. איך האָב אים דערציילט פון וואַנען איך קום און אויך וועגן די אַראַבער אין „דיב על יוסף".

— „אקרוטי!" (ממזרים), זיי האָבן געוווּסט, אַז איך בין אין דער געגנט — האָט ער מיר דערקלערט פאַר וואָס זיי האָבן מיך ניט נאָכגעיאָגט. ער איז געפאָרן אַהיים. די אַראַבער פלעגן אָט דעם יידן רופן „אַבו־שוואַרב" (דער טאַטע פון די וואָנצעס) און געהאָט פאַר אים גרויס דרך ארץ. ער איז געווען פאַרעכנט פאַר אַ „דזשעדאַ". אַ ווילן יונג, מיט וועמען מען דאַרף זיין גוטע־פריינד.

די טשערעדעס זיינען שוין געקומען פון די פעלדער, ווען מיר זיינען אַריינ־געפאָרן אין ראש־פּינה. די גאַסן זיינען געווען פול מיט פאַרנאַכטיקן טומל, ווי געוויינלעך יעדן אָוונט אין אַזאַ קאָלאָניע. איין לאַנגע גאַס האָט זיך געצויגן ביזן וועג. פון ביידע זייטן גאַס — הייזער מיט רויטע דעכער. פון הויף איז אַרויסגע־לאָפן אַ יונגער אַראַבער, וועלכער האָט צוגענומען דאָס פערד.

— איטפאַדאַל — האָט ער מיך פאַרבעטן אין הויז, וווּ זיין שוואַרץ־חנעוודיקע, נידעריקלעכע פרוי האָט פאַר מיר געעפנט אַ טיר צו אַ זייטיקן צימער, געבעטן מיך אַריינגיין. איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער: אַזאַ צימער האָב איך נאָך נישט געזען.

דער צימער אַ פירקאַנטיקער. די ווענט באַהאָנגען מיט געווער: מעסערס, רעוואָלווערן, ביקסן, בייטשן, לאַנגע מיט אויסגעבייגטע הענטלעך. אַ לאַנגער שפּיז מיט אַ רויט בענדל פון אויבן איז געשטאַנען אין ווינקל. די פּאָדלאָגע — פון וואַנט ביז וואַנט — אויסגעבעט מיט אַ רייכפאַרביקן טערקישן טעפּיך. די ווענט ביז די פענצטער — באַדעקט מיט אָריענטאַלע שטאָפן און אָנגעוואָרפענע קישע־לעך אויסגעניייטע מיט קאָלירקע פעדים. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ נידע־ריק און קיילעכדיק טישל, אויסגעלייגט מיט פערלמוטער און דאָס גאָלדענע טעפּל צום דערלאַנגען די קאַווע, האָט אויבנאויף שעמערירט, אַרומגערינגלט מיט פאַר־שיידנפאַרביקע „פעדזשאַנס", אין וועלכע מע איז מכבד די געסט. צוויי רייך־באַפּוצטע נאַרגילעס זיינען געשטאַנען דערנעבן.

— איר האָט מורא אַריינגיין? — האָט מיך דער קאָלאָניסט ווי אויפגעוועקט
— צייט עסן... אין קיך, ווו מיר האָבן זיך געזעצט עסן, האָב איך געטראָפן זיינע צוויי זין און צוויי טעכטער פון פינף ביז זעכצן יאָר אַלט. דער אונטערשייד צווישן

דעם גאַסט־צימער און די אַנדערע צימערן אין הויז איז געווען, ווי מע זאָגט, פון טאָג צו נאַכט: ווי יענער האָט אויסגעזען זויבער, צוגעקליבן, אַריסטאָקראַטיש, אַזוי איז אין די אַנדערע צימערן געווען אַנגעוואָרפן, צעשויבערט ווי מע וואָלט דאָרטן ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף. און פון דעסטוועגן האָט זיך אין הויז געפילט אַ פאַרנומענקייט, אַן אַרבעטזאַמקייט. אין מיטן זיינען אַריינגעקומען די אַראַבער, וואָס האָבן ביי אָט דעם קאָלאָניסט געאַרבעט. זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס צו טאָן מיט די טשערעדעס, ווייל די „אַנז״ *) האָבן זיך ווידער געוויזן אין דער געגנט. זיי האָבן אויך געוואָלט וויסן, וואָס צו טאָן אין וויינגאָרטן און דערציילט, אַז דאָס גרויע מויל־אייזל האָט צעבראָכן אַ פוס. דער בעל הבית האָט אַלעמען רויק געענטפערט. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען, ווי די קינדער האָבן די גאַנצע צייט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. אויך אייניקע קאָלאָניסטן זיינען אַריינגעקומען. אָבער איך האָב שוין ניט געהערט, וואָס זיי האָבן גערעדט, ווייל צו דער צייט האָט מיך דער קאָלאָניסט פאַרבעטן אין הויף און מיך באַזעצט אין שאָטן פון אַ בוים. אַן אַראַבער האָט אַרויסגעטראָגן אַ צוגעגרייטע צום רויכערן נאַרגילע און שוואַרצע קאַווע. פון אונטערן בוים האָב איך געזען ווי דער קאָלאָניסט איז אַריין אין צימער, אויפמערקזאַם באַטראַכט מיין שטעקן.

נאַכט. פון אונטערן בוים האָט מען נאָך געזען דאָס ווייסלען זיך פון צפתער וועג. עס האָט אויסגעזען ווי דער באַרג כנען אין זיין טונקעלער הויכקייט פאַרשלינגט ביסלעכווייז דעם וועג. פון די טאָלן, פון חולה און פון די בערגלעך פון דער צווייטער זייט האָט זיך נאָך ווו־נישט־ווו באַהאַלטן אַ פייערל און אין דער לופט האָט זיך געהערט אַ גערויש, ווי מען ציט פאַפיר און דער ווינט שלאָגט זיך מיט דעם. דער קאָלאָניסט אונטערן בוים האָט כאָרכלענדיק געצויגן פון דער נאַרגילע אַזוי, ווי ער וואָלט גאָרנישט הערן. ער האָט אויסגעזען אַזוי רויק און צופרידן, ווי ער זאָל מיט דעם אַליין מיר אָנגעדייט ניט צו פרעגן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט וויסן — סיי וועגן דעם רוישן, סיי וועגן דעם שטעקן. אָבער ער אַליין האָט נישט אויסגעהאַלטן — צעשטערט די שטילקייט.

— איר דאַרפט ניט טראָגן מיט זיך דעם שטעקן. לאָזט אים איבער ערגעץ. טראָגט אים נישט, ווען איר גייט אין וועג — האָט ער נאָך מער אונטערגעשטראָכן.

איך האָב געשוויגן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיינע רייד און ער אַליין האָבן זייער געוועקט מיין נייגער. מיט יאָרן צוריק איז אָט דער מאַן געקומען פון רומעניע. באַזונדערס האָבן מיך אינטערעסירט זיינע באַציונגען מיט די אַראַבער. ענדלעך האָט ער ווידער זיך אָנגערופן:

— מען וועט ביי אייך צונעמען דעם שטעקן.

איך האָב געשוויגן, שפירנדיק, אַז ער וועט מיר סיי־ווי זאָגן, וואָס ער מיינט. צו דעם האָט ער אַזוי געמיטלעך געכאָרכלט מיט דער נאַרגילע און געשמאַק אַזוי געזופט די אַראַבישע קאַווע, אַז עס איז פשוט עפּעס ניט באַקוועם געווען צו צע־

---

*) אַראַבישער שבט.

שטערן די רויקע געמיטלעכקייט זיינע אונטער שאָטן פון בוים. צו דעם האָבן זיך די צוויי שטערן פון הינטערן הר־כנען געשטיגן אַלץ נענטער ביז זיי זיינען געבליבן שטיין פינקלענדיקע, פאַרגיסנדיק מיט אַ מילך־שיין דעם באַרג־רוקן...

— דער שטעקן איז ביי די אַראַבער פאַרעכנט פאַר אַ הייליקן שטעקן. ווי עס זעט אויס, האָט דער שטעקן באַלאַנגט צו אַ „חאַדזש”. די אַראַבער וועלן ניט דער־לאָזן, אַז איר זאָלט אים אַרומטראָגן. דער שטעקן זאָל זיך געפינען ביי אַ כופר — זיי וועלן דאָס ניט דערלאָזן! — האָט ער ווי אָפּגעהאַקט.

דאָס האָט מיך שוין געטראָפן. איך האָב שווער געגלויבט. וואָס איז אַ „חאַדזש” האָב איך געוווּסט. אָבער אַ שטעקן זאָל זיין אַ הייליקייט דאָס האָב איך נאָך זיך נישט פאָרגעשטעלט. אפילו פון מיינע קינדער־יאָרן, פון חדר, האָב איך געוווּסט וועגן משה׳ס שטעקן, מיט וועלכן ער האָט געשפּאָלטן דעם ים... דער קאָלאָניסט, ווייזט אויס, האָט דערשפּירט מיין נישט גלויבן און דערקלערט, אַז יעדע זאַך, וואָס איז ווען עס איז געווען אין מעקאַ, איז הייליק, און דאָס אייגענע איז אויך מיטן שטעקן. אַ מוסולמענער וועט נישט איבערטראָגן, אַז אַ הייליקייט זאָל זיין אין די הענט פון די כופרים און ווידער באַטאָנט:

— טראָגט ניט דעם שטעקן.

צי ער האָט געשפּאַסט, אָדער געמיינט דאָס ערנסט האָב איך קיין מאָל ניט אויסגעפונען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן דעם, האָט ער שטענדיק אויסגעמיטן אַן ענטפער. אָבער יענע נאַכט, איידער איך בין אַוועק פון דער קאָלאָניע האָב איך דעם שטעקן איבערגעלאָזט ביי אים אין הויז. קיין בעסער אָרט האָב איך נישט געדאַרפט. דעם שטעקן האָב איך שוין מער נישט געטראָגן מיט זיך.

ז. ברכות

וועטעראַן פון דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל.

געבוירן אין 1886 אין רוסלאַנד. געקומען קיין ארץ־ישראל אין 1904. אַנגעהויבן צו דרוקן דערציילונגען אין 1908. פון 1915 געווען רעדאַקטאָר פון וועכנטלעכן זשורנאַל ״דער קאָלאָניסט״, מאָזעסוויל, אַרגענטינע. שפּעטער טעטיק געווען אין צפון־אַמעריקע. ביז די פער־ציקער יאָרן. געדרוקט זיך כמעט אין אַלע יידישע צייטשריפטן פון אַמעריקע און אין דער יידישער פרעסע פון ישראל. פאַרעפנטלעכט באַזונדערע אַרבעטן אין ענגליש וועגן דער געשיכטע פון יידן אין די פאַר. שטאַטן און וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין ענגלאַנד. אייניקע ווערק איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיש.

אין 1936 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג ״בזשאַזאַ״ דערשינען זיינע אַ טרילאָגיע, וועלכע באַשטייט פון פאָלגנדע בענדער: ״אונטערן שאָטן פון חרמון״, ״דער ירדן רוישט״ און ״אין אייביקן טומל״.

דוד ספּאַרד

נײַע לידער

מײַן חלום

מײַן שײנעם חלום פֿון די קינדער־יאָרן
וועגן פֿײגנבײמער,
וואָס אין פֿרילינג צײַטיקן,
וועגן טערקלטויבן,
וואָס אין ליבע־ווײען ברומען
און וועגן בערג און טאָלן,
וואָס כּסדר זיך אין זונשײַן טובלען,
האָב איך אויסגעטראָגן
לאַנגע יאָרן
אין פֿאַרבאָרגעניש געהײמער,
ווי זײער לעבנסזאַפֿט די בײמער.

איז ער מיר געוואָרן
אין די פֿרעמדע ווײַטן
טרײסט און גלויבן
אין די טעג די וואָכיקע און שטומע,
אין די פֿײערלעכע יובלען,
אין די יאָרצײַטן,
פֿון די אומגעקומענע אַמאָלן.
און ס'איז שוין קײנער אין מײַן וואַנדער
דורך די רויטע פּראָסטיקע פֿאַרטאָגן
נישט געווען אין שטאַנד מער
פֿון מײַן האַרצן אים פֿאַריאָגן.

✶

מיט זיך אַליין

כ׳גיי אַרום דאָ אָפּט אַליין
צווישן בערג און טאָלן
און הער זיך איין
ווי אַ ציטערדיק געוויין
גייט אויף פון אַלע פינצטערע אַמאָלן,

עס יאָגט אויף מיר מיט דורותדיקער פּיין
יאָרטויזנטער מישן זיך צוזאַם
און עס פאַלט אויף בערג אַ בלוטנדיקע שיין
פון שייטערס און גירושים און עלילות־דם,

אַרום איז שטיל,
בלויז דער רויש פון שטאָט
דערטראָגט זיך פון דער ווייט
ווי פון אַ וואַסערפאַל אַ ברויזנדיק געזאַנג
און פּלוצעם איך דערפיל —
כ׳בין נישט מער אויף אַלעמענס באַראָט
און ס׳איז נישט הפקר מער מיין גאַנג.

אויף די פעלדזן פון דעם לאַנד
ביז אין דער אייביקייט —
כ׳וועל פאַרקירצן מיינע טריט
און די פראַצע פון מיין האַנט,
און די אותיות פון מיין ליד.

*

ירושלים

ס׳איז שיין אַזוי
אַן אַלטע שטאָט אין יונגן בוי
אויף באַרג און טאָל.
ס׳איז שיין
אַ מעשהלע פון קינדערשן אַמאָל
אָנגעטאָן אין שטאָל
און שטיין — —
בלאָנדזשע איך אַרום דאָ
ביז אין שפּעטער שעה
ביז דער הימל איבער מיר זיך שפּאַלט
און ווי אין חלום
אומגעריכט
אַנטפּלעקט זיך פאַר מיין בליק די שטאָט
אין איר פאַרצייטיש הייליקער געשטאַלט — — —
אַ שטאָט פון שלום
און פון ליכט.

✶

אין פולער שיין

ס׳האָט די פּיין פאַרפּלאָנטערט מיינע טריט
ס׳האָט די נאַכט געצוואונגען מיך צו שטיין —
האָט פאַרשפּעטיקט זיך מיין גאַנג
צו זיך אַליין
און מיין יידיש ליד
איז געוואָרן פרעמדגעזאַנג.

וועל איך איצט אין יידיש לאַנד
זיינע אותיות
נישט פאַרשטויסן
אויפן ראַנד,
נאָר אין פולער שיין
זיי שטעלן אויף דער וואַך
אַנטקעגן יעדער פּיין,
אַנטקעגן יעדער נאַכט

פאַר די בויער

דאָס האָט איר דעם הייסן זאַמד
מיט הוילע הענט געטראָגן
די פאַרסמטע זומפּן צו פאַרשיטן,
דאָס האָט איר ווי משה אין דעם לאַנד
אַ יעדן שטיין געשלאָגן —
ער זאָל וואַסער געבן,
און מיט שווייס און בלוט
אָנגעטרונקען די פאַרדאַרטע ערד
פאַר פרישע בליטן.
מיט יונגן מוט
די וויסטעניש אין איר פאַרווערט
און באַפוילן ווידער לעבן.

האָבן גראָזן איבער זאַמדן זיך פאַרשפּרייט,
אויף דערנער זיינען אויפגעגאַנגען
בלימעלעך פון פרייד
און גרינע וועלדער האָבן זיך באַוויזן
אויף די פליכוואַטע בערג ———
דאָס איז אייער ווערק
פון ריזן
אויפגעשטעלט אין טרערן און געזאַנגען.

ערשט שפּעטער זיינען ברידער פיל געקומען
צו דעם חלום אויף דער וואָר
און פון באַרוישונג שטומע
אַלע טויזנטער צעפליקטע יאָר

באַהאָפטן פון דאָס ניי צוזאַמען
און אין יעדער ווייט
דורך בערג און ימען
די קייט די גאָלדענע באַנייט...

דעריבער פאַר די בויער
כ׳האָב דעם פערז געשריבן
און כאָטש געוואַנדערט האָט מיין טרויער
איבער לענדער פרעמד און שטום,
דאָך מיין האַרץ איז אומעטום
בלויז מיט זיי פאַרבליבן.

יאָסל חריף

בילדלעך... מחשבות...

שטיינער דערציילן

נאָך וואָס האָט מען זיי אויסגעגראָבן: די ריזיקע זיילן פון דער פאַרשטיי־נערטער ירושלימער ערד, ווו זיי זענען געווען פאַרגראָבן דורות אויף דורות, געשלאָפן אין די טיפענישן; ביז מיט אונדזער צוריקקום און ווידערדערוואַכונג, האָט מען זיי אויך אַרויסגעריסן פונעם טיפן שלאָף.

זיילן געטאָקטע פון אַ תקופה, וואָס דערציילט אונדז וועגן אַמאָליקער פּראַכט, וועגן קונסט און פולקאָמענקייט פון דער העלעניסטישער תקופה, וואָס האָט זיך אויך פאַראַנקערט אין לאַנד ישראל, ווען יידן זיינען אין זיכערקייט געזעסן אין זייער היים אויף אייגענער ערד, און איצט, נאָך אַזוי פיל גלות, אומקום און פּיין, נאָך טויזנטער יאָרן, רייסן מיר אויף דעם פאַרשטיינערטן באָדן און ראַטעווען די פאַרבאָרגענע שטיינערנע אוצרות...

דערמאָנען די שטיינער וועגן דער חשמונאים־תקופה, ווי ווייניקע האָבן בײַ־געקומען אַזוי פיל אַרומיקע שונאים, בעת גרויסמאַכטן זיינען אויפגעשטאַנען אונדז צו פארלענדן.

נעבן די שטיינער שטייט דער יונגער אַרכעאָלאָג בן־דור, אַ ביסל אַ פאַר־טראַכטער און גיט אַכטונג, עס זאָל זיי חלילה קיין שאָדן נישט געשען.

אויף די גרענעצן דראָען די שונאים און טוסט אַ טראַכט, וואָס פאר אַ מאָדנע פאָלק מיר זענען: מיר שטייען דאַ און ראַטעווען שטיינער פון עבר, און צווינגען זיי אויפהערן שווייגן. ווייל אויך שטיינער האָבן לשון און זיי דערציילן...

שניי איבער ירושלים

ס׳שנייט אין ירושלים. איין פוכעלע יאָגט דאָס צווייטע און פאַלט מיט לייכט־קייט; זיי לייגן זיך אויס אין אַ פוכיק־ווייסן צודעק ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויס־וואַרעמען ירושלים׳ס שטיינער, וואָס האָבן יאָרן לאַנג אין בענקעניש געפרירט, וואַרטנדיק אויף אַ יידישן טראָט, וואָס וועט זיך צוריקקערן אַהיים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט דערוואַרעמען, אויפוועקן צו אַ נייעם לעבן...

יונגע ביימער קרעכצן אונטער דער לאַסט פונעם שניי. זיי זיינען נאָך נישט געוווינט אַזאַ לאַסט איבערצוטראָגן. פאַרן אויג זיינען די שניי־בגדים זייער שיין,

אָבער ס׳ווילט זיך זיי נישט, די יונגעביימלעך, וואָס האָבן נאָר וואָס אויפגעשפּראָצט, צעבראָכן ווערן. זיי ווילן אויפגיין און לעבן און נישט זיין קיין קרבן פאַר דער שיינקייט וואָס דויערט אַ טאָג צוויי.

די פאַרטראַכטע חומות פון דער אַלטשטאָט לאָכן פון דעם טראָפּן שניי. זיי האָבן שוין שווערערע לאַסטן אויסגעטראָגן. עס דוכט זיך אויס, אַז די שטיינער פון די יסודות, וואָס זיינען פאַרלייגט געוואָרן אין די טיפענישן העט, אין די אוראַלטע צייטן, שמועסן זיך איבער מיט די צוגעמויערטע שטיינער פון די נייע תקופות, האָבן הנאה וואָס מען קוקט אויף זיי מיט אַ לאַנגן אויסגעבענקטן יידישן בליק און זייער האַרץ גיט מיט פרייד אַ צאַפּל. האָט דאָך זיי מער אָפּגעגאָלטן ווי די אוצרות פון בית המקדש, מער ווי דאָס גאָלד, ווי די אבנים טובות פון שלמה המלך׳ס פּאַלאַץ. די אוצרות, דאָס גאָלד און די אבנים טובות, האָבן שונאי ישראל צוגערויבט, די שטיינער זיינען פאַרבליבן און חלומען איצטער אַ באַנייטן חלום, אונטער אַ צודעק פון שניי.

פאַלט דער שניי, ערנסט. קיין פּרושינקע גייט נישט פאַרלוירן. אַ הימלישע גאָב פאַר דער אויסגעטריקנטער ערד, וואָס וויל זי — די ערד ירושלים׳ס — ווייכער מאַכן, דערוואַרעמען, זי זאָל אין איר באַנייטקייט פּרוכטיק ווערן און געבערן און מיט אַ נייעם פרילינג אויפגיין, און מחיה זיין אַלץ וואָס איז גוט און שיין, כדי ס׳זאָל מיט פרייד און פרידן אָטעמען.

דערמאָנען זיך דיר דיינע ווינטערס וואָס דו האָסט אויף פרעמדע וועגן איבערגעלעבט. דאָרט, וווּ דיין וויג איז געשטאַנען, הוידעט זיך דער אומעט פּוסט און גרוי. אויך דאָרט האָט מען אויף אויסלייזנדיקן פרילינג געוואַרט אין שווערע זאַוויערוכעס־טעג און געוואַרעמט גאולה־האָפענונגען אויף פרעמדער ערד און נישט דערוואַרט זיך אויף דעם ירושלימער שניי. אויך שניי איז עפּעס — אויף אייגענער ערד. אין ירושלים איז דער שניי דיר אַזוי אייגן ווי דער שטיין, ווי די זיתים־ביימער וואָס אַ סך פון זיי זיינען שוין טויזנטער יאָרן אַלט און מיט אונטערגעמויערטע צווייגן האָבן זיי אויף דיר געוואַרט. ט״ו בשבט תשל״ג טראָגן זיי פרוכט פאַר דיר — זיי די אַלטע זיתים־ביימער, אַזוי ווי די יונגינקע, ווייס צעבליטע, מאַנדל־ביימלעך.

ערגעץ אין די בערג, אין די הרי יהודה, וועט דער שניי נאָך אַ סך טעג פאַרבלייבן, וועט צוציען אונדזערע בליקן, און ווען ער וועט אויפטייען, און די רוקנס פון די בערג וועלן זיך ווידער אַנטפּלעקן, וועלן זיך באַווייזן די שטאָלצע רויטע בלימעלעך וואָס טראָגן דעם פילזאָגנדיקן נאָמען — אויך פאַר היינט צו טאָג — „דאָס בלוט פון די מכבים״...

ווי גוט איז צו עפענען די טיר אין דער נאַכט אַריין אין אַזאַ ירושלימער נאַכט און וואַרטן אויף אַ נייעם טאָג, וואָס וועט אויפגיין אין אַ מלכותדיקן ווייסן קיטל געהילט. ווי גוט איז איינצואָטעמען די קילע לופט פון ירושלים של מטה, וואָס באַהעפט זיך, דורך דעם ווייסינקן שניי וואָס פאַלט פון אַ פאַרלאָזטן הימל, מיט ירושלים של מעלה.

אַ מתנה פאַר ט״ו בשבט

פאַר איר עולה זיין זענען צו איר געקומען אירע נאָענטע און געזאָגט אַזוי צו זאָגן: האָסט זוכה געווען נאָך שווערע שטרויכלונגען און יסורים, אויפצוגיין אין לאַנד פון די אבות, האָבן מיר אַ געבעטן צו דיר: פאַרבינד אונדז מיט דעם לאַנד ישראל, מיט דער ערד פון ירושלים איבער אַ ניי, און פאַרבינד אויך די וואָס זיינען שוין „שוכני עפר״, וואָס ווילן אָבער מ׳זאָל פאַר זיי טאָן דעם חסד. און ווען אפילו פאַרזשאַווערטע ריגלען פון שטיינערנע הערצער צוימען אונדזער אויסלייזונג, זאָלן זיי וויסן, די קומענדיקע דורות, אַז אין די קעלטסטע און פראָסטיקסטע זאַווערוכעס האָט דאָס געזאַנג פון ציון געוואַרעמט און געטרייסט אונדזערע הערצער.

יאָרן אויף יאָרן האָבן אונדזערע אבות פאַרהיימישט די קברים אויף פרעמדער ערד. דערנידעריקטע און באַליידיקטע, האָבן זיי וויניק פרייד און שלוה געהאַט, געלעבט אין צייטווייליקע נעסטן אין פיין און אין שרעק, און ווען דער סוף האָט אָנגעיאָגט, האָט מען אַ יידן מיטגעגעבן אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד, וואָס אויף איר האָט ער אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אין דער אייביקייט — און די ערד פון לאַנד ישראל האָט זיך פאַרמישט מיט די ביינער אין קבר...

מער קברים ווי לעבעדיקע האָט דאָס לאַנד געהאַט. היינט זיינען פאַראַן אומצאָליקע קברים פון די וואָס די ערד וויל זייער בלוט נישט פאַרדעקן — קברים באַבי־יאַריקע. נעם־זשע מיט אַ ביסל ערד פון די קברים פון דיינע נאָענטע און פון קברים אומבאַקאַנטע, און ווען דו וועסט קומען אין הייליקן לאַנד אַריין זאָלסטו די דאָזיקע ערד, געהייליקט פון יידישן בלוט, צונויפמישן מיט דער ערד פון אונדזער אויפגייענדיקן היימלאַנד. און מאַכן זאָלסטו דאָס אין טאָג פון ט״ו בשבט, ווען קינדערלעך צעזונגענע מאַרשירן דאָרט איבער די גאַסן און אויף דער דאָזיקער ערד זאָל מען אַ מאַנדלבוים פאַרפלאַנצן...

און לאה האָט געטאָן אַזוי ווי די „זקני העדה״ האָבן געבעטן. זי האָט די ערד פון די קברים אין אַ זויבער ווייס זעקעלע פאַרנייט. ווי פון טרערן דורכ־געווייקט האָט זיך די ערד פייכט געהאַלטן און מיט אַ ציטער פון קדושה איז לאה אויפגעגאַנגען מיט דעם זעקעלע קיין ירושלים.

און אָט ציילט זי די מאָדנע „ספירה טעג״ ביז ט״ו בשבט תשל״א, ווען זי וועט דער מאַמען ירושלים ברענגען די אויסטערלישע מתנה פון אירע פאַרפיי־ניקטע טרייע קינדער, פון די וואָס מען האָט נישט געלאָזט רוען ביים לעבן און מ׳האָט שפּעטער גראָביאַנסקע געלעסטערט זייער טויט. דאָ, אין דער שויס פון מאַמע ערד ירושלים׳ס, וועלן זיי געפינען אייביקע רו.

און אַ מאַנדלבוים וועט לאה פאַרפלאַנצן אויף ערד אייגענער אין נאָמען פון די וואָס זענען נאָך דאָרט געבליבן און וואַרטן אויף גאולה. די וואָרצלען פונעם בוים וועלן אַריינוואַקסן אין תחית־המתים׳דיקן באָדן פון די אבות, און אויפגיין וועט די פלאַנץ און צווייגן גרינע וועלן זיך וויגן אין אַ לייכט ווינטל, ווי הויבנדיקע הענט אין תפילות. און אין יאָרן אַרום, ווען יידן וועלן אויפ־

געזאַמלט ווערן פון די גלותן, צוריקקערן צו היימישער ערד און אייניקלעך פון דעם דאָזיקן טרייען שבט וועלן אויפגיין און אין ט״ו בשבט פלאַנצן נייעביימער — וועלן זיי באַוווּנדערן דעם שניי־ווייסן בלי מיט אומגעזעענעם פיאָלעט געזוימט, וואָס חנדלט זיך צו די קאַלירן ירושלים׳ס אין די פרימאָרגן־און־נאָכמיטאָג־שעהן. דער בוים וועט זיך פון יאָר צו יאָר מער צעבליען און פון זיין צעבליטער קרוין וועט אַ ליכט ארויסשטראַלן אויף דעם גאַנצן אַרום ווי די יוצאי „גלות סאָוויעטנלאַנד״ וועלן אויפגיין ווי אַ המשך און איבערחזרונג פונעם אוראַלטן יציאת מצרים.

עומר — שניט

ערב פסח פאַרנאַכט, די זון פאַרבאַהאַלט זיך צווישן די רוקנס פון די בערג. נאָר אַ רויטלעכער אָפּשיין בלייבט פון איר אויפן הימל. קינדערלעך און דער־וואַקסענע זאַמלען זיך אין פעלד. אויף דעם חלק פעלד, וואָס מען האָט באַשטימט פאַר עומר־שניט. מיט געזאַנג גייט מען אין פעלד אַריין באַגעגענען דעם ערשטן זאַנגען־שניט. די קינדערלעך, אויסגעפוצטע מיט קרענצעלעך אויף די קעפ מיט צעשטראַלטע פנימלעך, פול מיט אמונה, אַז די וועלט איז גוט... גוט ווי די ערד וואָס האָט געעפנט איר טראַכט און גיט אונדז שפייז צו זעט.

טראָמפּייטן צעשאַלן זיך און דער אוראַלטער מנהג פון אַ פאָלק, וואָס איז געבונדן מיט מאַמע־ערד, לעבט אויף פאַר אונדזערע אויגן. דער גלאַנץ פון די אויסגעשלייפטע קאָסעס, דאָס געזאַנג, דער טאַנץ פון קינדער און יוגנטלעכע אין זייער יום־טובדיקער קליידונג — אַלץ צוזאַמען, ווי אויך דאָס לייענען די פרשה פון עומר־שניט, שאַפט אַזאַ היימיש זיכער געפיל ווי אַמאָל אין די ימי קדם.

און דאָך פאַרגנבעט זיך אַ געדאַנק מיט אַ פראַגע: פאַרוואָס? פאַרוואָס די אַלע בלבולים. פון אַלטע תקופות, ביז די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכעס, פאַרוואָס ווערט דאָס קול פון משה פאַרשריגן, און מען הערט זיך איין אין דעם קול פון די חרטומי מצרים און זייערע העלפערס. שטייען דאָ זיידעס, וואַרפן אַ נחתדיקן בליק אויף די קינדערלעך. דערמאָנען די פסחדיקע שטובן פון אַלטע היימען, און ווי יעדע שמחה ביי יידן — נעצט דאָ אויך אין אויג אַ טרער.

קינדער זינגען, קינדער טאַנצן — פונקט ווי היינט וואָלטן מיר פון מצרים, פון אַלע מצרימס אַרויס.

עס גיט דיר אַ בלישק פאַר די אויגן דער פסח אין דיין אַלטער הים, וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף מדבר־וועגן, און צו גאולה נישט דערגאַנגען. ערגעץ אין נעפּל פון רשעות פאַרשוווּנדן.

ווי מאָדנע מישט זיך ביי אונדז די פרייד און דער צער צונויף. וויפל גייסטיקן און פיזישן כוח דאַרף מען האָבן צו גיין ווייטער.

ניין! מען טאָר נישט צוליב־טאָן דער איידעלער... פיינער... רחמנותדיקער וועלט. די וועלט וואָס האָט האַרץ פאַר רשעות, און טעמפּ געפיל פאַר רחמים.

דאָ אין דעם דאָזיקן עומר־טאַנץ טוסטו אַ שבועה, אַז דאָס ליכט פון אויפגאַנג טאָר נישט פאַרלאָשן ווערן. אין נאָמען פון דעם פרעכטיקן יוגנטלעכן אויפגאַנג, וואָס גייט פאָרויס, און קלאָמערט זיך אין קדם, אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס קומט צוריק צום דריטן מאָל. דערמאָנט דאָס געזאַנג פון די אבות, אויף אייגענער ערד, מעג דער אָרום בילן, מעגן שונאים פאַרביילן דעם פויסט — מיר וועלן דעם עומר־טאַנץ נישט איבעררייסן.

פסח, תש״ל

אַ באַגעגעניש

געקומען איז זי פון עמק, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איר אַלטער פריינד געפינט זיך דאָ אין אַ שפּיטאָל אַ שווער קראַנקער. איך האָב זי צוגעפירט צום שפּיטאָל און היות ווי דער מענטש איז מיר אויך נאָענט, בין איך אַריין דער ערשטער און אָנגעזאָגט דער פרוי פונעם חולה, אַז אַן אַלטע באַקאַנטע וויל זיי זען.

זי קען אים נאָך פון יענע יאָרן וואָס זענען געווען אַזוי פול מיט גלויבן און מיט האָפענונג. זיי האָבן זיך באַגעגנט אויף דעם שוועל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען אויך דער ייד האָט אויסגעזונגען די נייע פרייהייט, נישט פּילנדיק ווי דער ניגון ווערט באַגלייט דורך טרויער, דורך אַן אָפּקלאַנג פון אייגענעם אומקום.

פּאַוואָליע האָבן זיי זיך דערמאָנט די אַלטע צייטן. ער, דער גלענצנדיקער אַקטיאָר פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, האָט זיך איצט צעוויינט אויף אַן אמת, דערמאָנענדיק זיך זיינע אויפטריטן, אין וועלכע ער האָט אַריינגעבראַכט די דינינקע פּרץ־געוועבן אויף דער סאָוויעטישער בינע, גלויבנדיק, אַז אויף די חורבות פון דער אַלטער וועלט וועלן מיר גיין, יידן שבת־יום־טובדיקע, מיט פלאַקערנדיקע נשמות. ווער האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז יידן וועלן ציטערן? צוזאַמען מיט מיכאָעלסן האָט ער באַקומען אַ הויכן מלוכה־אָרדן.

די פרוי, דער גאַסט, נעמט אַרויס פון איר טאַש עטלעכע פאָטאָגראַפיעס, וואָס דערמאָנען דעם יונגן אַמאָל: פאָטאָגראַפיעס פון אירע פרעכטיקע צוויי זין, פון איר מאַן, וואָס זיינען געפאַלן פאַרן סאָוויעטישן פאָטערלאַנד. אירע אויגן קוקן מיט יידישן טרויער. זי, די מאַמע און פרוי איז אַהערגעקומען אַ טרייסטלאָזע זיך צוצוטוליען צו דער ערד פון די אבות. קרובים האָבן זי איינגעזאַמלט אין אַ קיבוץ אין עמק, ווו זי לעבט און אַרבעט אויף אירע אַלטע טעג.

די פאָטאָגראַפיעס ציטערן אין די הענט פון קראַנקן. ער באַטראַכט זיי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. אָט פאַלט אַ טרער אויף די פּנימער. דאָ אין פּראָווינציזישן שפּיטאָל אין ירושלים הערשט אַ שטילקייט. די שטילקייט וויקלט אַרום די דראַמע, וואָס שפּילט זיך אין האַרצן פון קראַנקן יידישן אַקטיאָר.

ביים ראַנד פון בעט שטייט זיין פרוי. זי ווישט אַ טרער פון אויג. די זעלבע יידישע טרער און אויף דעם זעלבן יידישן אויפן, ווי אונדזערע מאַמעס און

באָבעס, די יידישע טרער וואָס קיין שום רעוואָלוציע האָט זיי נאָך נישט באַוויזן אָפּצווווישן.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך קען שוין אָט די דריי מענטשן מער ווי אַ יובל יאָרן און אָט טרעף איך מיך מיט זיי אויפסניי אין דעם טרעף־פּונקט פון ירושלים.

אַ טאָג אין קיבוץ

אַ שיינער וואַרעמער טאָג היינט. נאָך רעגנדיקע טעג, וואָס זיינען שפּעטלעך און מיט שטורעם אָנגעקומען. ווי זיי וואָלטן זיך געאײַלט די רעגנטראָפּנס, וועלנדיק אָניאָגן וואָס זיי האָבן פאַרשפּעטיקט. די קרוינען פון דיביימער אויסגעצוואָגענע. דער גאַנצער אַרום זעט אויס אַן אָנגעטרונקענער, און עפּעס אַזאַ פּרי פרילינגדיקער ציטער פּילט זיך אין דער לופט. אַ ווייסע טויב שטייט אויפן רויטן דאַך, נישט ווייט פון טויבנשלאַק און פּיקט מיטן שנאָבל אונטער דעם פליגל אירן. זי איז אַזאַ זויבערע, גוידערט זיך, ווי זי וואָלט וועלן אָנזאָגן אַ גוטע בשורה דעם אַרום דאָ.

העט אויף אַ בערגל בויט מען נייע הייזער. זיי דראַפּען זיך, די הייזלעך וואָס אַמאָל העכער און העכער. באַלד נאָך תש״ח האָבן פּלמ״ח־חברה זיך דאָ באַזעצט. היינט געפינט זיך דאָ אַ „קיבוץ גלויות״ פון פאַרשיידענע לענדער און קאָנטינענטן. ווערט דער חדר־אוכל אויסגעברייטערט. די קיך פאַרגרעסערט. און נייגעקומענע וועלן זיך באַלד איינלעבן און ווערן היימישע. אַלץ אָטעמט דאָ מיט באַנייטן לעבן; מיט פרידלעכע טריט גייען דאָ די נייע, ווי זיי וואָלטן שוין אַמאָל דאָ געוועזן...

פּלוצים פאַלט מיין אויג אויף דעם „מקלט״, וואָס מען בויט, וווּ מען וועט זיך דאַרפן אויסבאַהאַלטן, ווען עס זאָלן, חלילה, אָנקומען מלחמהדיקע טעג... די לופט איז אַ פרילינגדיקע אָבער דער פעלקער־פרילינג איז נאָך אַזוי ווייט, אַזוי ווייט...

די טויב שטייט נאָך אַלץ אויפן דאַך. זי דאַרף דאָס, אַ לעבעדיקע, סימבאָליזירן דעם פרידן. זי דערמאָנט די פּיקאַסאָ־טויב. עפּעס שטימט דאָ נישט. די ווייסע פרידלעכע טויב אויבן אויפן רויטן דאַך, און אונטן דער „מקלט״, ווו מען דאַרף זיך פאַר שנאה־אָנפאַלן אויסבאַהאַלטן. נאָך אַלעמען האַלט מען נאָך אַלץ פון פאַרנט.

איך כאַפּ אַ בליק אין טאָל. דאָ זאַמלען זיך שוין די באָטשאַנעס. די זעלבע, דאָס הייסט די אור־אור־אייניקלעך פון יענע, וואָס פלעגן אָנקומען אין מיין געבוירן־דאָרף, אין פּוילן־לאַנד, פרילינגצייט, און אויספלעכטן זיך נעסטן אויף די שטרויענע דעכער פון די הייזער — אויך אונדזער דאַך נישט אויסגעמיטן. אַ גאַנצן זומער זענען זיי געזעסן. אַ נייעם דור באָטשאַנעס אויסגעפּיקט, און פאַר ראש־השנה אַוועק. די באָבע רבקה פלעגט זאָגן, אַז דאָס פאָרן זיי קיין ארץ ישראל. גיבן אַזאַ בליאַסק יענע לאַנדשאַפטן, פון יענע קינדער־יאָרן, פון האָפּעבונג, פרייד און מעשהלעך פון דער היים, ווו איך געפין זיך איצט...

דער עבר מיט דעם עתיד פלאָנטערן זיך פאַר די אויגן. די באָטשאַנעס וועלן ווייטער פליען, ווייטער נעסטן בויען און קומען צוריק אַהער. אַמאָל האָבן מיר דערוואַרט אַ גרוס דורך זיי. פון לאַנד ישראל — פון ירושלים, היינט ביז איך דאָ. זיי וועלן מיר דאָ אַהער קיין שום גרוס נישט ברענגען. פון וועמען?

אין דער לופט רויש אַ העליקאָפּטער, די זון הויבט אָן נידערן צו מערב־זייט. דער הימל הילט זיך אין רויטלעכע וואָלקנס, אַלץ זעט אויס ווי נעכטן און אייערנעכטן.

איך קוק זיך איין אין די יהודה־בערג. אין די שטעגן ווו שמשון האָט זיינע זיכערע שריט געשטעלט, אין זיין געבוירן־אָרט צווישן צרעה און אשתאול. דאָ האָט דוד אויסגעפעכט דעם קאַמף קעגן גלית דעם פלישתי. און ווי אַלט־ניי איז אַלץ.

אַ קיל ווינטל הייבט אָן בלאָזן, די טויב האָט זיך פאַרקליבן אין איר נעסט. דער הימל האָט זיך אין ראָזעווע פאַרבן איינגעהילט ווי נעכטן און אייערנעכטן. נאָר די מחשבות פלאָנטערן אין מוח. די ביימער וויגן זיך אין מנחה־תפילה, אַלץ איז אַזוי שטיל, און אַ בענקשאַפט נעמט דיך אַרום, נישט נאָר צו היימישקייט, צו דיין ווינקל, נייערט, היימישקייט פון מענטש צו מענטש, און מען גיט אַ טראַכט פון אַ מאָרגנדיקן וואָרעמען טאָג וואָס דאַרף אויפגיין, און זיך פונאַנדער־בליען, ווי די שפּראָצונג אין פעלד.

וואָס מען טראַכט אַלץ אין איין טאָג, ווען מען קוקט אויף אַ יונגן קיבוץ, וועלכער געפינט זיך אין די בערג פון יהודה אויפן וועג קיין ירושלים.

געזאַנג אין די יהודה־בערג

יונה און דוד — ביידע אַזעלכע צעהעלטע. זייערע יונגע יאָרן שפּיגלען זיך אָפּ אויף זייערע ליכטיקע פּנימער. זי טראָגט אַ שיין געבלימט קליידל און האַלט אַ טאַמבור אין דער האַנט, מיט וועלכן זי קלאַפּט צו צום טאַקט בעת דעם זינגען. ער — אין אַ בלאַנק־ווייס העמד, ווי ס'איז אָנגענומען פּרייטיק צונאַכט אין קיבוץ.

אויך זיי, יונה און דוד, זיינען קיבוצניקעס. געקומען זיינען זיי אַהער — אין די הרי־יהודה — זינגען און שפּילן.

זי האָט אַ גוטע שטימע און ער, איר מאַן, באַגלייט דאָס געזאַנג אויף אַ „באַנדזשאָ". זעלטן ווען זעט מען אַזאַ צונויפשפּיל מיט אַזויפיל יוגנטלעכן חן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך דאָס געזאַנג פאַרצויגן. פאָלקסלידער, ישראל־דיקע לידער, און לידער פון ווייטן אַמעריקע — זייער אַמאָליקער היים.

איבער די דאָזיקע וועגן פון די הרי־יהודה האָט אַמאָל געשפּאַנט דער גרויסער זינגער דוד המלך אַליין. נישט ווייט פון דאַנען איז ער, דאָס פּאַסטעך־יינגל, בייגעקומען גליתן. דאָ האָט שמשון הגיבור געניזדערט אין די פעלדער פון די פלישתים און זיין האַרץ האָט אין ליבע און אין האַס געפלאַטערט. טויזנטער יאָרן טיילן אונדז אָפּ פון יענער תקופה.

אין דער פּויזע דערציילט דוד וועגן זיין עולה זיין מיט יונה, זיין פרוי, און זייערע צוויי פּיצלעך קינדער. און ווען דער „פּקיד העליה" האָט אים געפרעגט וואָס פאַר אַ פאַך ער האָט, האָט ער געענטפערט: „מיין פרוי קאָן זייער שיין זינגען און איך וועל זי באַגלייטן אויף אַ באַנדזשאָ". דער פּקיד האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט אים געעצהט פאָרן אין אַ קיבוץ.

האָט דוד גענומען זיין פרוי יונה און די צוויי קינדערלעך און איז אַוועק אין קיבוץ. איז זיי דאָס לעבן אין קיבוץ וווּיל געפעלן און אַזוי שפּילנדיק און זינגענדיק זענען זיי מיט די קינדערלעך אַריינגעוואַקסן אין דער קיבוצישער סביבה. דוד איז דערווייל געוואָרן אַ גוטער פאַכמאַן אין עלעקטראָניק און פירט אָן מיט אַ גרויס ווערק. דאָס גייט ביי אים ווי אַ מזמור און אין שבת־יום־טובדיקע טעג זיינען זיי מהנה דעם עולם מיט האַרציקע זמירות.

אין דעם שפּילן פון דוד און יונה פילט זיך טעם־יוגנט, טעם־אַרבעט, די פרישקייט פון פעלד און גאָרטן, פון גרינע לאָנקעס און פון פויגל־טריל.

שוין חצות־צייט. די לופט איז אָנגעטרונקען מיט נאַכטישער פייכטקייט. די געזאַנגען שוועבן אין דער לופט. די פייגעלעך און טויבן שלאָפן שוין אין די נעסטן, זאָרגלאָזע קינדער שלאָפן זייער זיסן שלאָף און אַרום — אַזאַ שבתדיקע רויקייט.

יונגוואַרג זיינען פאַרבליבן אויף אַ „קומזיץ" מיט די געסט און מען איז ממשיך דאָס געזאַנג. איך שטיי אין דרויסן און הער זיך איין אין דער שטילקייט. אַ טרער האָט זיך פּלוצים אַ קייקל געטאָן איבער מיין באַק. אין דמיון גייט אויף פאַר מיר מיין מאַמע — מיין מאַמע, וואָס די אויגן האָבן געפינקלט ביי איר, ווען זי האָט געהערט שפּילן אַ פידל. ווייזט אויס, אַז מיין טרער איז אַ ירושה־טרער פון מיין מאַמען. איך בין אַוועק אין מיין צימער, האָב די טרער נישט אָפּגעווישט און בין מיט דער טרער איינגעשלאָפן.

ווען איך בין אין פרימאָרגן אַרויס אין דרויסן, האָב איך אַ סך געטראַכט וועגן דעם זינגענדיקן פאַרפאָלק און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אויך מיין מאַמעס טרער — מיין טרער — דאָס געזאַנג אין בערג פון יהודה, אַז דאָס אַלץ איז דער המשך פון אַמאָל — אַמאָל, וואָס הויבט אָן אויפגיין איבעראַניי אין די בערג פון יהודה.

יאָסל חריף

געבוירן אין אַ דאָרף פּיאָטרקאָוויצע וויעלקע, קעלצער געגנט. פון 1910 אַריבער מיט די עלטערן קיין סאָסנאָוויץ, ווו ער איז געווען טעטיק אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. אין 1934 עולה־געווען קיין ארץ־ישראל. אָנגעהויבן מיט רעפּאָרטאַזשן און מיניאַטורן אין "נייוועלט". אַ זאַמלונג פון זיינע ישראלדיקע מיניאַטורן איז דערשינען אין י. ל. פּרץ פאַרלאַג א. נ. "אויף ראַנדן פון טעג", תל־אביב, 1969. אַ העברעישע איבערזעצונג דערשיינט אינגיכן.

הונגער־שטרייק אין ריגע, 1971 (פון דער סעריע: קעמפער פאַר עליה) — חיים אַראָנשטאַם

יוסף קערלער

מיר באַגעגענען דאָס יאָר 1971

(פון בוך „די רייזע אויף צוריק")

1. א מין הקדמה

דעם אמת געזאָגט, איז דאָס אַ געפערלעכע נסיעה... זאָל זיין אפילו אַז נאָר אין דמיון, בלויז אַריבערבליקן אויף צוריק קען מען, חלילה, זיך אַליין קירצן די יאָרן.

קוים מיטן לעבן האָב איך זיך אַרויסגעריסן ווי פון אַ שרעקלעך שרפהדיקן פּראָסט אין אַ וואָרעמער געמיטלעכער כאַטע. די זשאַבערעס זיינען נאָך נישט אָפּגעגאַנגען פון דער נשמה, און דאָ — גיי, לאָז דיך אויפסניי אַהין, וווּהין אַ גוטער בעל־הבית וועט אויך דעם הונט נישט אַרויסיאָגן... אַהין, אויף צוריק, אין דער ווינטער זאַווערוכע, ווו שוואַכע לעשן זיך ווי ליכטלעך, ווי מידע האָבן אויף אַלץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געליווערן אין קנעכטישער גלייכגילט.

ווו... אָבער וואַרט אַ ווײַלע — פאַראַן דאָך אַ ליכט־שטראַל, ווי דער רוסישער דעמאָקראַט דאָבראָליובאָוו האָט אַמאָל געזאָגט — פאַראַן „אַ ליכט־שטראַל אין מלכות פון פינצטערניש!" און דאָס זענען די שטאַרקע, די הערלעכע, די גע־וואַגטע, די, וועלכע האָבן מיט פאַראַכטונג אַראָפּגעשליידערט פון זיך די פּענטעס פון טאָטאַלן שקר און טאָטאַלן פּחד. די, וועלכע שטאַרקן נאָכאַנאַנד זייער געמיט נישט געקוקט אויף קיין בלבולים, רדיפות, „משוגעים־הייזער" און פּראָוואָקאַ־ציע־פּראָצעסן.

און צווישן אָט די שטאַרקע און אינערלעך־פרייע מענטשן געפינען זיך אויך מיינע חברים און פריינט, אין דער ערשטער רייע — מיינע יידישע חברים. די, וועלכע קעמפן פאַר זייער עלעמענטאַרע מענטשן־רעכט, פאַרן רעכט צו זיין געערכט; פאַרן רעכט צו פאַרבלייבן אַ ייד, אַ מיטגליד פון אַ פריי פאָלק וואָס איז אויף קיין אײן טראָפּן נישט געמיינער פון אַלע איבעריקע פעלקער; פאַרן רעכט פון פרייער עליה אין איינציק מעגלעכן יידישן היימלאַנד.

און טאַקע צוליב זיי — מיינע פריינט און חברים פון מאָסקווע, לענינגראַד, ריגע, ווילנע, אָדעס, כאַרקאָוו און אַנדערע שטעט פון דער גרויס־רוסישער אימפּעריע, טאַקע צוליב זיי מוז מען זיך לאָזן אין מיין רייזע אויף צוריק.

מיר ווילן זיך נישט קריגן מיט רוסלאנד. מיר, רוסלענדישע יידן און נישט נאָר רוסלענדישע, האָבן מיט רוסלאַנד פיל מער געמיינזאַמס ווי אַלע אַראַבישע און נישט אַראַבישע לענדער צוזאַמענגענומען. געמיינזאַמע שלאַכטן, געמיינזאַמע קולטור־טראַדיציעס און געמיינזאַמע סאָציאַלע פרייהייט־ליבנדיקע אידעאַלן. מיר ווילן בלויז איינס: מען זאָל אַרויסלאָזן די יידן אַהיים און מען זאָל אויפהערן העצן די פעלקער קעגן פאָלק ישראל און מדינת ישראל.

אָבער די היינטיקע זעלבסטהערשער פון ראַטנפאַרבאַנד, פאַרבלענדטע פון גרויסרוסישן שאָוויניזם, האָבן פאַקטיש דערקלערט אַן אומברחמנותדיקע אידעאָלאָגישע מלחמה קעגן גאַנצן יידישן פאָלק און זיין דורותדיקער קולטור. דער קאַמף קעגן ציוניזם און קעגן דער אַזוי גערופענער „ישראל־אַגרעסיע" איז בלויז אַ דעקמאַנטל צו אָט דער פונאַנדערגעוויקלטער אַנטי־יידישער וואַקכאַנאַ־ליע. בלעטערט דורך די אַנטיסעמיטישע שונד־ביכער אַרויסגעגעבן אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן פון יורי איוואַנאָוו, טראָפים קיטשקאָ, איוואַן שמעליאָוו און צענ־דליקער אַנדערע, וועט איר זען גאַנצע זאַצן, שטעלן, קאַפּיטלען פשוט איבער־געשריבענע פון דער אַמאָליקער שוואַרץ־מאהדיקער און וויסגוואַרדייאישער פאַגראַם־ליטעראַטור, אָדער פון די געבעלס־שטרייכער־בלעטלעך. נישט מער, דאָרט זענען געווען „די בלוטיקע אינטריגעס פון וועלט־יידנטום", דאָ — די זעלבע „בלוטיקע אינטריגעס פון וועלט־ציוניזם". סיי דאָ, סיי דאָרט — די העסלעכע קאַריקאַטור אויפן זעלבן לאַנגנאָזיקן ייד מיטן זעלבן טלית און תפילין...

יעדער ייד דאַרף אין דער פולער מאָס באַגרייפן די געוואַלדיקע געפאַר, וועלכע לויערט אויף אונדזער פאָלק צוליב אָט דער טאָטאַלער ראַסיסטישער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע.

אין יעדן פאָלק זענען פאַראַן און וועלן זיין פאַרעטער־קאָלאַבאָראַטאָרן, אויך ביי אונדז האָבן מיר זיי געגעבן: דראַגונסקי, ווילנער, ווערגעליס, נאָוויק... נישט זיי האָב איך אין זינען ווען איך לאָז מיך אין מיין שווערער רייזע אויף צוריק.

איך ווענד זיך צו די, ביי וועלכע עס זיינען נאָך פאַראַן אילוזיעס און ביי וועלכע עס דרימלט דאָס געוויסן, אויך צוליב זיי מוז איך זיך לאָזן אויף צוריק.

אַז מען מוז — מוז מען! איז ווי זאָגט דער רוס: „באָג ווי׳פּאָמאָשטש!", אָדער ווי עס פלעגן אין אַזעלכע פאַלן זאָגן טאַטע־מאַמע: „זאָל דער אויבער־שטער דיר ביישטיין אין דיינע וועגן!".

2. אין וועג

גאַנץ פרי האָט מיין פרוי אַרויסבאַגלייט אונדזער ייִנגל אין שול און דער־נאָך זיינען מיר אַרויס אין גאַס. מאָסקווע האָט זיך געגרייט באַגעגענען דאָס נייע יאָר, דאָס יאָר 1971. נישט ווייט פון מעטראָ ווערנאַדסקי־פּראָספּעקט האָט אַ שיכורער פאַרשוין פאַרקויפט אָפּגעקראַכענע יאָלקעס. פאַרקויפט האָט ער זיי, ווייזט אויס, בגניבה פון דער מיליץ, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן. וואָס

נאָך האָט זיך פאַרגעדענקט פון יענעם גרויען ווינטער־נישט־ווינטערדיקן טאָג? דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזט און נאַסע שניי־פלאַכטעס פאַלן ווי נישט גערן פון נידעריקע הימלען, אַ פוילבלעך ווינטל וואָס פאַרקריכט אין די ביינער און אונטער די פיס — דאָס ברודיקע געמיש פון שניי און בוי־אָפפאַל פון די „פרעכטיקע ניי־בויאונגען", וועלכע מען האַלט אין איין רעמאָנטירן... כמורנע רייען ביי די „ערשט־ארויסגעוואָרפענע" קעסטלעך מיט אימפּאָרטירטע אייער פון בולגאַריע, אונגאַרן, האָלאַנד; ביי די קיאָסקן מיט מאַראַנצן פון מאַראָקאָ, שפּאַניע, גריכנלאַנד; ציבעלעס און קנאָבל פון דער „פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק"... אַרויסגעקלעפּטע ציטונגען אויף די ציטונג־סטאַנדן מיט הימל־שרייענדיקע קעפּ וועגן דער ישראל־אַגרעסיע און וועגן דער געפאַר פון אַן אַל־וועלטלעכן ציוניזם...

מיר שפּאַנען פון דער טויזנט מאָל נמאס־געוואָרענער וווינונג מיטן טעלעפאָן, וועלכן מען הערט אונטער, כמעט אָפן ביז פרעכקייט. מיר שפּאַנען איבער די טויזנט מאָל נמאָס־געוואָרענע גאַסן. מיר פאָרן מיטן איבערגעפּאַקטן מעטראָ צום שטאָט־צענטער. צווישן די וויניקער און מער פאַרדאגהטע פאַסאַזשירן וואָס איילן צו דער אַרבעט, פרויען מיט „אַוואָסקעס" (אַזוי רופט מען אין רוסלאַנד די געפלאָכטענע נעץ־קוישלעך. „אַוואָס" — מיינט „אפשר"... אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן אַ וואָלוועלע, אַ נויטיקע, אַ צופעליקע זאַך אין דער קראָם...) צווישן די פאַרזאָרגטע לייט וואָרפן זיך דורך אויך אַ פּאָר זאָרגלאָזע שיכורים, וועלכע האָבן באַצייטנס אָנגעהויבן באַגעגענען דאָס ניי־יאָר. מיט איין פאַרשוין זענען מיר די גאַנצע צייט אין קאָנטאַקט. ער האַלט אונדז כסדר אויפן אויג. אויך מיר שפּירן אים אפילו מיט די פּלייצעס... מיר פירן איינער מיטן אַנדערן אַ קאָרעקטע שפּיל אין גלייכגילט. דער דאָזיקער „טשיזשיק" גייט אונדז נאָך פון סאַמע שטוב... מיר זיינען שוין צוגעוווינט צו די דאָזיקע חברהלייט. יעדן טאָג אַן אַנדערער. מאָדנע, ווי עס זאָל זיך אַזאַ פאַרשוין נישט מאַסקירן, „דערקענט" מען פאָרט דעם באַנאַלן טיפּ פון אַ שפּיק, אַ טיפּ, וואָס איז אַזויפיל מאָל באַשריבן געוואָרן אין די זכרונות פון רעוואָלוציאָנערע אונטערערד־מענטשן נאָך פון ווייס איך וועלכע צייטן...

מיר זענען אָבער נישט קיין אונטערערד־מענטשן. ביי אונדז איז אַן אָפענער „זעקס און זעכציק". מיר באַהאַלטן פאַר קיינעם נישט אונדזער אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן פאַר די געזעצלעכע רעכט פון די סאָוויעטישע יידן. וועגן דעם ווייסן זייער גוט די מאַכטהאָבער. דער עיקר, וועגן דעם ווייסט מען שוין אויך אין דער אויסערלעכער וועלט — פון אַלע אונדזערע שכנים ביז... די לייענער פון דער אויסלענדישער פרעסע...

ביי אונדז איז נישט פאַראַן קיין אונטערערד. מיר האַנדלען אין אַנקלאַנג מיט דער סאָוויעטישער געזעצגעבונג. זיי, די מאַכטהאָבער, מיידן אויס, ברעכן און פאַרקריפּלען זייערע אייגענע געזעצן. זיי האַנדלען לויט געהיימע אינסטרוקציעס. די וועלט האָט זיך שוין עטוואָס דערוווּסט וועגן דעם. זיי באַהאַלטן דאָס אויס.

זיי מוזן לאַווירן מיט פאַרשיידענע ביוראָקראַטיש־דיפּלאָמאַטישע הינטערגענג. זיי קאָנען מיט אונדז נישט רעדן אָפן. זיי רעדן מיט פאַרנעפּלטע רמזים: אַמאָל עפּעס וואָס צו זאָגן, אַמאָל — אַנדייטנדיק, אַז זיי קענען פון אונדז מאַכן אַש און בלאָטע...

ביי אונדז איז אַלץ אָפן, ביי זיי — אַלץ געהיים: געהיימע פאַרפאָלגונגען, אַרעסטן, פּראָצעסן... מיר האָבן פּאַקטיש זיי פאַרטריבן אין דער אונטערערד. די מעכטיקע גרויסמאַכט אונדזערע... און דאָס ברענגט אפשר אַריין אַ צעמישונג אין די „אייזנפעסטע רייען" פון די, פון וועלכע עס הענגט אָפּ אונדזער גורל...

אויך איצט ווייסט ער, דער שפּיק, ווהין מיר גייען. וועגן דעם האָבן מיר נעכטן גערעדט מיט אונדזערע פריינט דורכן טעלעפאָן; און דער טעלעפאָן, ווי שוין געזאָגט, האָט ביי אונדז אויערן. און נישט נאָר דער טעלעפאָן...

מיר שטייגן אַרויס פון מעטראָ און הויבן זיך אויף מיטן עסקאַלאַטאָר צום רעוואָלוציע־פּלאַץ. דער שאָטן גייט נאָך אונדז. אַצינד ווערט שוין, דוכט זיך, פון איינעם — צווי שאָטנס.

3. פאַרביי דעם רויטן פּלאַץ

מיר גייען פאַרביי דעם פייערלעך־גרויסאַרטיקן רויטן פּלאַץ. וויפל מאָל, פאַרבייגייענדיק אָט דעם פּלאַץ, פלעג איך ביז אין די טיפענישן פון דער נשמה ווערן איבערפולט מיט פאַרכטיקער, אפילו מיט מיסטישער באַוווּנדערונג פאַר זיין לעגענדאַרישער שיינקייט... ס'איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז יעדער ווינקל איז דאָ געקניפּט און געבונדן מיט דער טראַגישער געשיכטע פון רוסישן פאָלק אין אירע וויכטיקסטע עטאַפּן, מיטן אייביק־דויערנדיקן קאָנפליקט צווישן אַלץ שטייגנדיקער ציניִשער דעספּאָטיע און דעם בונטאַרישן, נישט וויניקער אומברחמנות־דיקן פרייהייט־ליבנדיקן פאָלקס־גייסט.

וויפל מאָל האָב איך באַוווּנדערט די „אַלטע קרעמל־ווענט געשטעמפּלטע אין שלאַכטן" מיט די גאָלדענע צערקווע־קופּאָלן וועלכע הייבן זיך אַרויס פון אָט די ווענט... וויפל מאָל האָב איך פאַרוואָרפן דעם קאָפּ צום געפּלאָנטערטן קלויס־טער־שפּיץ פון וואַסילי בלאַזשעני. אָט דאָס געביי איז באמת אַ געניאַלע אַרכי־טעקטור־שאַפונג פון יענע צייטן, ווען די מזרחדיק־בונטע און פריידיק־צעקלונ־גענע ביזאַנץ האָט נאַטירלעך זיך צונויפגעשמאָלצן מיט נייע דאַן פאַרמען פון רוסיש־פּראַוואָסלאַווישער אַרכיטעקטור...

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. מיין וויניקייט איז געווען אַן עדות פון גאָר אַן אַנדער זייט און פון אַן אויסערגעוויינלעכער געשעעניש טאָקע אויך דאָ אויפן רויטן פּלאַץ. דאָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. דאָס איז פאַרגעקומען דעם 9־טן מאַי 1945. דעם טאָג ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן וועגן ענדגילטיקן נצחון איבער היטלער־דייטשלאַנד.

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערזען אין סאָוויעטנפאַרבאַנד

אַ סטיכישן פֿאַלקס־אויסברוך. ס׳איז געווען אַן אויסברוך פֿון אַ נישט געזעענער און נישט געהערטער ביז דאַן מאַסן־פֿרייד. פֿון קיינעם נישט אָרגאַניזירט, פֿון קיינעם נישט רעגולירט. אַלץ אַרום האָט געיובלט. ווילד־פֿרעמדע מענטשן האָבן איינער דעם צווייטן באַגריסט, געהאַלדזט און געקושט. מ׳האָט געלאַכט, געזונגען און געוויינט. מען האָט אויפֿן רוסישן שטייגער געוואָרפֿן אין דער הייך און צוריק אונטערגעכאַפּט אויף די הענט — סאָלדאַטן, אָפֿיצירן, מלחמה־אינוואַלידן און... אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. אויך איך, נאָך דאַן אַ באַקליידעטער אין מיינע זעל־נערישע בגדים, האָב געהאַט דעם כבוד צו פֿליען אַרויף און צוריק אויף צענ־דליקער פֿעסטע און מילדע הענט... בלויז פֿיל שפּעטער, ווען די „רעגולירער" האָבן זיך געכאַפּט, אַז מען טאָר אַזאַ זאַך נישט לאָזן אויף הפֿקר, „ס׳איז נייטיק אַ פּאַרטייאישע אָנפֿירונג מיט דער מאַסע", האָבן אָנגעהויבן קנאַקן די האַרמאַטן זייערע סאַליוטן און זייער אילומינאַציע. אין דער שיין פֿון אָט די סאַליוטן, האָבן איינזאַמע פֿיגורן פֿון פֿאַריתומטע מאַמעס און אַלמנות אָנגעהויבן זוכן אַ שאָטן־ווינקל, כדי זיך אויסוויינען אין דער שטיל. נישט צו פֿאַרשטערן, חלילה, די שמחה... דאַן האָבן זיך באַוויזן אויף די ערשטע „גוט אָרגאַניזירטע" דעמאָנסט־ראַנטן־קאָלאָנעס מיט פּלאַקאַטן און טויזנטער פּאָרטרעטן פֿון „אים אַליין", דעם „גאָניאַלן קריגספֿירער פֿאַר אַלע צייטן", „דעם פֿאָטער פֿון אַלע פֿעלקער"... אַלץ איז ווידער אַריין אין געוויינלעכן „באַגייסטערונגס־מאַרש" פֿון קאַזיאָנעם רעגו־לאָמין... נאָר דאָך האָט דאָס אַלץ נישט געשטערט צו דעם, אַז יענער טאָג זאָל זיך איינקריצן אויף שטענדיק אין מיין זכרון.

איצט, גייענדיק פֿאַרביי דעם רויטן פּלאַץ האָט יענער טאָג געפּלאַמט אַ פֿאַרבאָרגענער ערגעץ־ווו אין געדעכעניש. מיר האָבן געהאַט אַנדערע דאגות... אויך די קרעמל־ווענט האָבן מיך היינט נישט גערירט. אַפֿילו צום וואַסילי בלאַ־זשעני בין איך פֿאַרבליבן גלייכגילטיק, שוין נישט רעדנדיק פֿונעם רויטן מאַוו־זאָליי־קאַסטן, דאָרט ווו ס׳ליגט די לענין־מומיע, דער „הייליקסטער" סימבאָל פֿון דער היינטצייטיקער געצנדינעריי.

נאָר איינס האָט זיך היינט באַזונדערס געוואָרפֿן אין די אויגן פּונקט אַנט־קעגן דעם קליוסטער פֿון וואַסילי בלאַזשעני — דער גרוי־ווייסלעכער רונדער געביי פֿון „לאָבנאָיע־מיעסטאָ", אַ מין פּיעדעסטאַל אויף וועלכן מ׳פֿלעגט פֿאַרצייטנס פֿערטלען, דערנאָך קעפּן גנבים, מלוכה־פֿאַרברעכער — דער עיקר בונטאָוו־שטשיקעס און אויפֿשטענדלער. דער גרויסער רוסישער מאָלער סוריקאָוו האָט פֿאַר־אייביקט דאָס דאָזיקע אָרט אין זיין טראַגישער עפּאָפּיי: „די סטרעלצי־עקזעקוציע". דאָ האָט מען געפֿערטלט און געקעפּט סטעפּאַן ראַזינען און טימאָפֿיי פּוגאַטשאָוון.

פֿון דאַנען האָט מען נישט לאַנג צוריק צוגענומען אַ הייפֿל דעמאָנסטראַנטן, וועלכע האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע פֿון דער טשע־כאָסלאָוואַקיי. בראש פֿון דעם הייפֿל דעמאָנסטראַנטן איז געשטאַנען, פּאַוועל, דאָס אייניקל פֿון דעם אַלטן באָלשעוויק און ערשטן סאָוויעטישן דיפּלאָמאַט מאַקסים ליטווינאָוו.

דאָס „לאָבנע אָרט״ האָט זיך היינט באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן, ווייל נישט ווייט פון דעם רויטן פלאַץ, אַביסל פאַררוקט אין אַ זייט, געפינט זיך דער ענגער קויבישעוו־פלאַץ און טאַקע אַהין איילן מיר. דאָרט געפינט זיך דאָס אויבער־געריכט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע. דאָרט באַדאַרף היינט פאַרקומען דער אַפעלאַציע־פּראָצעס איבער די אַזוי גערופענע עראָפּלאַן־פאַר־כאַפּער פון לענינגראַד. יאָ, דאָס „לאָבנע אָרט״ האָט היינט מער ווי אַלע מאָל סימבאָליזירט די האַרצלאָזע בלוטגיריקייט פון דער נעאָ־גרויסרוסישער דעס־פּאָטיע. נישט לאַנג האָט מען אין לענינגראַד געמשפּט אַ גרופּע יידישע יינגעלייט, וועלכע האָבן פאַרטראַכט צו פאַרכאַפּן אַן עראָפּלאַן כדי צו אַנטלויפן מיט אים קיין ישראל...

לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, האָט מען אָט די פאַרצווייפלטע היץ־קעפּ פראָסט און פשוט פּראָוואָצירט צו אַזאַ... ס׳ווילט זיך זאָגן „טאַט״, אָבער ס׳איז דאָך פאַרט קיין שום טאַט נישט געווען, ס׳איז אפילו קיין פּרווו נישט געווען, ווייל די יינגלעך און מיידלעך האָבן נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק צו באַטרעטן דעם פלי־פלאַץ, ווי אויף זיי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַ גאַנצע באַנדע באַוואָפנטע גאַרגלשניידער...

איז אָט בלויז פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט האָט מען די מערהייט פאַרמשפּט אויף לאַנגע און שווערע קאַטאָרגע־טערמינען און צוויי פון זיי — קוזנעצאָוון און דימשיצן — צו טויט־שטראָף; אומדערהערט וועט איר זאָגן? געוויס. ווייל ביי סטאַלינס הערשאַפט פלעגט מען אַזעלכע זאַכן נישט הערן. מען האָט נאָר געוווסט, אַז מיליאָנען מענטשן פלעגן אין געהיים אומגעבראַכט ווערן בלויז פאַר אַ וואָרט, פאַר אַ מיין, פאַר אַ ווונק, פאַר אַ רמז, אַז מען האָט עפּעס געקאָנט מיינען אָדער זאָגן... אָבער איצט? איצט האָט די דאָזיקע בלוט־גיריקייט אויפגעטרייסלט דאָס געוויסן פון דער וועלט בכלל און פון די יידן בפרט.

דער גורל האָט באַדאַרפט אַזוי אונטערשפּילן, אַז גראָד אין דער צייט האָבן די פראַנקאָ־ריכטער אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף עטלעכע באַסקישע טעראָריסטן (און דאָרט זיינען דאָך טאַקע ווירקלעך געווען טעראָריסטישע פאַרשווערער!).

באַנאַל רעדנדיק האָט געצירט ביז טרערן די נישט אָפּגערעדטע שותפות צווישן דעם פאַשיסט פראַנקאָ, וועלכער שטרעבט אין חלום צו ליבעראַליזאַציע, און דעם קאָמוניסט ברעזשניעוו, וועלכער חלומט אויף דער וואָר וועגן פאַשיס־טיזאַציע, אָדער ווי אַנדערע רופן עס אָן — נעאָ־סטאַליניזים...

4. ביים אויבער־געריכט פון רוסלאַנד

יאָ, איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך דאַן גרויזאַם אַרויסגעהויבן דאָס „לאָבנע אָרט״; דער בלוטיקער פּעדעסטאַל צום פּערטלען און צום קעפּן איז גרייט געווען פאַרן יידישן פאָלק פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אין דער ערשטער ריי

פאַר די, וועלכע האָבן אָפן און מוטיק זיך אידענטיפיצירט מיט דער יידישער נאַציע און מיט מדינת ישראל.

מיר זיינען אַרויפגעקומען צום קוּבישעוו־פּלאַץ. נישט געקוקט אויף דער ענגשאַפט פון אָט דעם דרייעקיקן פּלעצל איז עס זייער אַ באַלעבאַט, רעשיק ווינקל. ס׳איז פּאַקטיש אַ שמיידיקער אויטאָ־קנופּ אין דריי פאַרשידענע ריכטונגען פון דעם מאָסקווע־צענטער. דריי אָפיציעלע אינסטיטוציעס געפינען זיך דאָ: די שיינע אַלטמאָדישע קאָלאָנען־געביידע פון דער פאַרבאַנדישער האַנדלס־פּאַלאַטע און קעגנאיבער — אַ צענטראַלע יורידישע ביוראָ, אויף דער דריטער זייט — דער געזעצטער, מאַסיווער בנין פון אויבער־געריכט.

אַ נאַסער, אַ נמאס־גרויער פרימאָרגן. ביי דעם געריכט האָבן זיך שוין אָרומ־געדרייט עטלעכע אונדזערע חברים. מיר האָבן זיך געפּרוווט אַריינשמוגלען אין דער געביידע, אָבער ביי די שווערע טירן (פון אינעווייניק) שטייען הויכע מיליציע־טשינען און פאָדערן אַ „פּראָפּוסק״. נעבן יעדן אַזאַ מונדירטן טשין — אַ פּאָר ציווילע לייט מיט שטעכעדיקע אייגעלעך.

— סטייטש — האָבן מיר איינגעטענהט — ס׳איז דאָך אַן אָפן געריכט!

— אַוודאי איז דאָס אַן אָפענער — מאַכט צו אונדז מיט אַן איידל־זיסן שמייכעלע איינער אַ מיליץ־מאַיאָר.

— פאַרוואָס זשע לאָזט איר נישט אַריין?

קענטיק אַז דער מאַיאָר וויל אַריינזאָגן עפּעס אַ חכמהלע. אָבער דער ציווילער רייסט איבער מיט קוים באַהאַלטענער שנאה:

— דער געריכט איז אַן אָפענער, אָבער ניט פאַר אייך, בירגער... און נישט פאַר אַזעלכע — טוט ער אַ ווייז אויף אונדזערע חברים וועלכע שטייען דערביי.

— ווער זענען דאָס די „אַזעלכע״? — ווילן מיר דערגיין.

— אַזעלכע... אַזעלכע משפּט מען... היינט אָדער מאָרגן — רייסט זיך ביי אים אַרויס.

מיר ווערן אויך אויפגערעגט, אָבער דער שמייכלענדיקער מיליץ־מאַיאָר פּרוּווט זיך פאַרגלעטן די נישט איידעלע רייד פון זיין ק.ג.ב.־קאָלעגע.

— חברים טייערע, (איר הערט דיבורים — חברים און אפילו טייערע!) אונדז האָט מען פאַראָרדנט אַריינלאָזן בלויז מיט אַ דערלויבעניש, אַ פּראָפּוסק. שטערט נישט, איך בעט אייך. מיר זענען נישט מער ווי מיליטער־לייט און מיר טוען אַלץ ווי מען האָט אונדז באַפוילן...

— דאָס איז אויך אַ מיליטערמאַן? — פרעגט אַ הויכער געלבלעכער בחור, וואָס שטייט הינטער אונדז, אַנווייזנדיק אויפן ציווילן. יענער ווערט גרין פון צאָרן. דער מאַיאָר, מערקט זיך, איז דווקא צופרידן מיט אָט דער פראַגע, דאָך באַהאַלט ער זיין שאָדן־פרייד אונטער דער מאַסקע פון אַ שטרענגן פליכט־אויספירער:

— פאַרלאָזט די געביידע, בירגער, און וואָס שנעלער! שטערט נישט אַרבעטן.

ס׳גייען דורך „ציווילע" און „האַלב־ציווילע". ס׳וואַרפן זיך אין די אויגן זייערע זעלבסטצופרידענע, טעמפע, באַזויפטע און אָנגעפּרעסענע מאָרדעס. ביי טייל פאַדערט מען אפילו נישט קיין „פּראָפּוסק". דערפאַר אָבער געדויערט לאַנג די פּראָצעדור. ביז מען לאָזט דורך מיט אַ שריפטלעכע דערלויבעניש איינע אַ שוואַרצע, חנוודיקע פרוי, וועלכע האַלט זיך אויסערלעך רואיק און קאָרעקט. פון די שיינע יידישע אויגן קוקן אַרויס צער און עקשנותדיקער שטאָלץ. דאָס איז די מוטער פון איינעם אַ פאַרמשפּטן.

— גייט פון דאַנען, פריינט, מען דאַרף זיי נישט רייצן! — ווענדעט זי זיך צו אונדז שטיל אין יידיש, כמעט ווי מיט געבעט.

אין דרויסן איז געוואָרן נאָך באַסער און קעלטער. שוין אַ גאַנץ היפּשער געזעמל פון יידישע יונגעלייט, פרויען, ייִנגלעך און מיידלעך. אַלע זיינען אויפגערעגט און דערקלערן געגנוי די צופעליקע פאַרבייגייער, וועלכע פרעגן זיך נאָך „וואָס קומט דאָ פאָר". ווי פון אונטער דער ערד וואַקסן אויס שטומשווייגנדיקע „שמעקערס" מיט אַנדאַטער־היטלען. „ס׳וואַקסן אויס די ציווילע „רעגולירער", ס׳רוב אָנגעטאָן אין די זעלבע היטלען (מ׳שמועסט, אַז מען קאָן אין קיין קראָם נישט קויפן קיין היטל פון אַנדאַטער־פעל, ווייל „שמעקערס" זענען דאָ מער פון אַנדאַטרען...).

די „רעגולירער" מישן זיך אַריין אין די שמועסן:

— שטערט נישט דער רעגולערער באַוועגונג, בירגער! דאָ איז פאַרווערט זיך צו פאַרזאַמלען!

טייל פון די פאַרבייגייער טראָגן זיך אָפּ אין איילעניש. טייל אָבער מעסטן אָפּ מיט פאַראַכטונג די „אַנדאַטרעס" און זעצן פאָר צו שמועסן מיט אונדזער חברה, גלייך ווי נישט זיי וואָלט מען געמיינט, יאָ, אַ סך פריינט און חברים זענען היינט געקומען אויסדריקן זייער שטומען פּראָטעסט קעגן דעם וואַנדאַלישן אורטייל. פאַראַן אַ סך באַקאַנטע אונדזערע, אָנגעזעענע קעמפער פאַר דער פרייער עליה פון סאָוועטישע יידן, אָט זעען מיר דעם רואיק־אַנטשיידענעם, דעם באַזאָכטן וויטאַלי סוועטשינסקי! אָט איז דער לאַנגפיסיקער היצקאָפּ דראַפּקין, וועלכער איז שטענדיק ביזן בלוט אויפריכטיק אין זיינע איבערצייגונגען, סיי ווען ער איז גערעכט סיי ווען ער איז נישט גערעכט. אָט איז וויקטאָר פּאָלסקי, וועלכער האָט ליב צו דערטראַכטן יעדער זאַך און וואָס דעם קאָפּ זיינעם וועט ער קיינמאָל נישט פאַרלירן, ווייל ער איז ביי אים שטענדיק אין איין אָרט — אין ישראל. אין אַ ווינקל שטייט דער פעסטגעזעצטער, ברייטפּלייציקער מיכאל קאַליק — איינער פון די טאַלאַנטפולסטע סאָוועטישע קינאָ־רעזשיסערן און סצענאַריסטן. ער האָט היינט נישט באַדאַרפט, ווי אַנדערע, זיך „אַרויסדרייען" פון דער אַרבעט, ווייל שוין לאַנג ווי מען לאָזט אים נישט צו צו קיין שום אַרבעט. ער שטייט און קוקט דורכדרינגלעך אויף אַ געזעמל „שמעקערס" און „רעגולירער". זיי שפּירן דאָס און וואַרפן נערוועזע, זייטיקע בליקן אויף זייער נאָכשפּירער.

— וואָס קוקסטו דאָרטן? — האַלט איינער נישט אויס.

— איך מיין אַז איר שטערט די רעגולערע באַוועגונג, בירגער — ענטפערט קאַליק מיט שפּאָט.

יאָ, מיר זיינען היינט נישט ווייניק יידן — באַקאַנטע און נאָך מער אומבאַקאַנטע. אָבער אוודאי אַ דריי מאָל מער זיינען די וועלכע רינגלען אונדז ממש אַרום, כ׳מיין די — אין די אַנדאַטראַווע היטלען. דערצו שטייען נאָך אין די שכנותדיקע הינטער־געסלעך מאַשינען אָנגעשטאָפּטע מיט מיליץ, חוץ די, וועלכע דרייען זיך אויך אַרום צווישן אונדז און מאַכן אַלע מאָל „אָרדענונג״.

5. פירא מאַסטקאָווא

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן קאָרעספּאָנדענטן פון פאַרשידענע צייטונגען. פאַראַן קאָרעספּאָנדענטן אפילו אויך פון דער אויסלענדישער קאָמוניסטישער פּרעסע. אויך זיי לאָזט מען נישט אַריין אין דער געריכט־געביידע. מיר רינגלען זיי אַרום. טראָץ דעם, וואָס די „שמעקערס״ פאַרשרייבן אָפּן אונדזערע רייד, טראָץ דעם וואָס אַלע מאָל רייסן זיך אַריין צווישן אונדז די מיליציאַנטן, סטאַרעט זיך יעדער אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ביי אים איז אויפן האַרצן. באַזונדער־אַקטיוו איז פּירא מאַסטקאָווא. זי רעדט אַ פּליסיקן ענגליש. ס׳איז פּשוט צו באַוווּנדערן דעם טעמפּעראַמענט און די ענערגיע פון אָט דער קליינינקער און קראַנקער פרוי. זי איז אַ קורץ געשווירענע מיט אַ פאַריסן נעזל, צומאָל מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַ פאַרעקשנטן באַעוולטן יינגל, צומאָל פון אַן אמתער לייבעכע, וואָס וואַרפט זיך פאַרטיידיקן אירע קינדער. אירע קינדער זיינען די, וועלכע מען משפּט צום טויט און איר קינד איז דער, וועמען זי האָט אויסגעטראָגן אונטער איר ברוסט — איזיע, וועלכער שרייבט צו איר אַזעלכע טייערע בריוו פון ישראל.

זי האָט נישט וואָס צו פאַרלירן. איר זון איז דאָרט, דער פאָטער האָט זיך נישט דערוואַרט אויף איר און פון בענקשאַפט אויסגעגאַנגען אויך דאָרט, טאַקע אין ישראל. דעם מאַנס טאַטע־מאַמע וואַרטן אויך אויף זיי. און ביי איר האָט מען אויסגעפונען אַ קאַנסער. מען מוז זי אָפּערירן און זי קאָן זיך נישט אָפּערירן, ווייל שוין אַ פּאָר חדשים ווי מען האָט איר צוגעזאָגט אַרויסלאָזן און — צום וויפלטן מאָל, ערשט נעכטן ווידער אַמאָל אָפּגעזאָגט. קאַטעגאָריש. אָן שום פאַרוואָס. און דאָ משפּט מען אירע קינדער, דאָ משפּט מען זי — אונדז אַלעמען! זי וויל נישט, זי קען נישט, זי וועט נישט שווייגן. זי וואַרפט אַריבער איר הייסן רוף צו די ברידער־יידן פון גאָר דער וועלט, צום געוויסן פון דער וועלט־עפנטלעכקייט. די קאָרעספּאָנדענטן פאַרשרייבן פיבערהאַפט אירע רייד, עמעצער פון די מיליציאַנטן בעט ביי איר דאָקומענטן. מיר שטויסן זי אָפּ און שטעלן זיך פאַר איר ווי אַ וואַנט. מיר ווייסן: זי וווינט אין ווייטן נאָוואָסיבירסק, זי מיט איר מאַן. זיי זענען אהערגעקומען כלאָפּאָטשען. מען קאָן זיך צוטשעפּען און איר געבן אַ „סראָק״, ס׳הייסט אַ טורמע־טערמין פאַר ברעכן דעם פּאַספּאָרט־סיסטעם. אַזאַ געזעץ ביי אונדז: וווינסטו ערגעץ אַנדערש, מוזטו זיך רעגיסטרירן, אַז דו

ביסט געקומען אפילו אויף אַ טאָג. (אויב מען וועט געפינען פאַר נייטיק דיך פאַרעגיסטרירן).

צו מיר איז צוגעקומען אַ פאַרשטייער פון אַ באַרימטער ראַדיאָ־טעלעוויזיע געזעלשאַפט: — מיסטער קערלער, אפשר האָט איר וואָס צו זאָגן פאַר די אַמעריקאַנער יידן? אין יידיש, פאַרשטייט זיך.

— יאָ, איך וויל.

דער קאָרעספּאָנדענט האָט אומבאַמערקט צעשפּיליעט דאָס קורצע פּעלצל, פונוואַנען ס׳האָט זיך געמערקט אַ מיקראָפאָן: „רעדט, ביטע". ווייזט אויס, כ׳בין געווען שטאַרק אויפגערעגט, ווייל כ׳קאָן איצט נישט אויפשטעלן לויטן זכרון פּינקטלעך מיינע רייד, אָבער געזאָגט האָב איך אַן ערך דאָס וואָס איז, ליידער אויך ביים היינטיקן טאָג, אַקטועל: „ברידער, יידן פון אַמעריקע און פון גאָר דער וועלט! דער טויט־אורטייל איבער די אַזוי גערופענע „עראָפּלאַן־פאַרברעכער" איז אַ טויט־אורטייל איבער אַלע סאָוויעטישע יידן, און אין דער ערשטער ריי איבער די, וואָס ווילן זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון זייער יידישקייט און פון זייערע עלעמענטאַרע מענטשן־רעכט פריי אַרויספאָרן קיין מדינת ישראל. ברידער, זעט אַז אונדזער בלוט זאָל נישט פאַלן אויף אייער געוויסן. פּראָטעסטירט שאַרף קעגן דעם טויט־אורטייל, קעגן די פּראָוואָקאַטיווע פּראָצעסן און בלוט־בלבולים! דער רוצחישער חלף איז איבער אונדזער האַלדז. ראַטעוועט אונדז! ווי אין די פינצטערסטע יאָרן פון אונדזער געשיכטע רופן מיר נאָכאַמאָל אויס: „שמע ישראל!"

מיין פרוי האָט מיך אַ צי געטאָן ביי דער האַנט. ווייזט אויס, אַז די „אַנדאַטער־היטלען" האָבן עפּעס דערשנאַפּט און זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדז, אָבער דעם קאָרעספּאָנדענט האָט זיך איינגעגעבן באַצייטנס נעלם צו ווערן.

שוין העכער פינף שעה, מיט אַ קורצן איבעררייס, ווי ס׳דויערט די זיצונג פון אַפּעלאַציע־געריכט. מיר באַמיען זיך עפּעס וואָס צו דערוויסן וואָס דאָרט קומט פאָר. צווישן די, וועלכע גייען נאָר וואָס אַרויס פון דאָרטן טרעפן מיר זייער זעלטן נישט קיין פיינטלעך־געשטימטע, אָבער אויך די געציילטע, וועלכע זיינען מער־ווייניק אָביעקטיוו, רעדן מיט אונדז נישט גערן, קוקן זיך אַרום פון אַלע זייטן און פּטרן אָפּ דעם געשפּרעך מיט אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— שלעכט, זייער שלעכט...

— מען וועט באַשטעטיקן דעם אורטייל.

צווישן אונדז געפינען זיך אַקטיווע טוער פון דער רוסישער ליבעראַלער אינטעליגענץ — בוקאָווסקי, טשעלידזע, די דיכטערין יוליאַ ווישניעווסקאַ, די פרוי פונעם לעגענדאַרן מאַרטירער — דעם גענעראַל גריגאָרענקאָ, וועמען מען האָט פאַרשפּאַרט אין אַ שרעקלעכן משוגעים־הויז.

מען גיט איבער וועגן ווענדונגען צו די רעגירונגען פון ראַטנפאַרבאַנד און שפּאַניע אָפּצושאַפן די טויט־אורטיילן און פאַרקירצן די טורמע־טערמינען. אַזעלכע ווענדונגען האָבן געשיקט הויכע מלוכה־ און פּאַרטיי־לייט פון פאַרשידענע לענדער, אויך אָנגעזעענע קאָמוניסטן; אַזעלכע ווענדונגען, זאָגט מען, האָט אויך גע־

שיקט דער „פּאַטער פון דער קאַטוילישער קירך״ — דער פּויסט און... דער „פּאַטער פון דער סאָוויעטישער וואַסערשטאָף־באָמבע״, אַקאַדעמיקער סאַכאַראָוו...

כאָטש מען פּרוּווט אונדז טרייבן, טרעטן מיר נישט אָפּ אויף קיין סעקונדע פון אונדזערע פּלעצער. צו קליינע גרופּעס בלויז לויפן מיר אויף גיך עפּעס איבער־צוכאַפּן אין אַ קאַפע און איילן תיכף אויף צוריק.

אין אַזאַ מאָמענט, גייענדיק פון קאַפע, האָבן מיר זיך פּאַרעדט מיט מיין פריינט יוסף קאַזאַקאָוו. פּלוצים לויפט אונדז אַנטקעגן מיין פרוי אַ שטאַרק בלייכע, מיט אַ יאָמערלעך געשריי — „גייט גיכער! מען האָט ערשט, נאָר וואָס צוגענומען פירא מאַסטקאָווא!

— ווען, ווו, ווי אַזוי?

מיין חיה דערציילט איילנדיק מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם:

דריי פרויען זיינען אַריין זיך אַנצוּוואַרעמען אין דעם גערוימען פּירהויז פון דער יורידישער ביוראָ. פּלוצים איז דאָס פּירהויז פאַרפּלייצט געוואָרן דורך די „אָנ־דאַטער־היטלען״. חיה׳ן און די צווייטע פרוי האָט מען זייער אַנטשלאָסן און „צערט־לעך״ אָפּגעשניטן פון פירא מאַסטקאָווא. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס דאָ קומט פאָר, ווען געזונטע, אָנגעפּרעסענע פאַרשוינען האָבן זיי פאַרשטויסן אין אַ ווינקל איבערחזרנדיק נאָכאַנאַנד איינס און דאָס זעלבע: „איזווינוטיע, פּאַזשאַלוסטאַ!״ (אַנטשולדיקט, ביטע!). דאָ האָבן זיי דערהערט פיראַס פאַרצווייפלטן געשריי: „וואָס טוט איר, אויסוורפן! פאַשיסטן!״

ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ גרופּע פון פיר, פּונקט אַזעלכע געזונטע געהיים־אַגענטן, האָבן זי געשלעפּט מיט געוואַלד אין גאַס אַרויס, ווו ס׳האָט שוין געוואַרט אַן אויטאָ. ווען זי האָט אָנגעהויבן שרייען און זיך ווערן, האָבן זיי, די גוטע לייט, אויפגעהויבן דעם קאָלנער פון איר מאַנטל איבערן קאָפּ און אַזוי אַרום פאַרשטאָפּט איר דאָס מויל... זי האָט זיך פאַרצווייפלט געראַנגלט, געריסן זיך פון זייערע הענט. אָבער זיי האָבן זי אַרויסגעשלעפּט, אַריינגעשליידערט אין דעם אויטאָ, פאַרהאַקט דאָס טירל און די מאַשין איז פאַרשוווּנדן. די דאָזיקע עכטע גענגסטע־רישע אָפּעראַציע האָט געדויערט סעקונדן, אין מיטן העלן טאָג, פאַר די אויגן פון געפּלעפטע פאַרבייגייער, אין דער צענטראַלער יורידישער ביוראָ, נעבן דעם אויי־בער־געריכט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע, דעם 30־טן דעצעמבער 1970.

מיר האָבן זיך געלאָזט צו אונדזערע חברים, ביים אויבער־געריכט. מיר האָבן איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן יעדן אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט באַזונדער. אַ קאָרעספּאָנדענט, דוכט זיך פון יונייטעד־פּרעס, האָט דורכן טעלעפאָן־אויטאָ־מאַט באַלד אָנגעקלונגען לויטן נומער וואָס מיר האָבן געגעבן — צום דיזשורנע הויפּט־אָפיציר פון מיליץ איבער גאַנץ מאָסקווע. אָנגעבנדיק דעם אַדרעס פון זיין קאָרעספּאָנדענטן־ביוראָ, האָט ער געבעטן מיטטיילן וועגן דעם גורל פון דער פרוי מאַסטקאָווא, איבער וועלכער ס׳האָבן דורכגעפירט אַ געוואַלד־טאַט אומבאַ־קאַנטע פּערזאָנען... די און די שעה ביי דעם און דעם אָרט.

דער דיזשורנע־אָפיציר האָט צוגעזאָגט אין דער נאָענטסטער צייט אַלץ מיט־

טיילן. אַ טייל פון אונדזער חברה לאָזן זיך אַוועק צו לוביאַנקע, צו דעם אויפנאַם־צימער פון דער צענטראַלער ק.ג.ב. דאָרטן נעמט מען זיי אויף זייער העפלעך:

— ביטע, זעצט זיך, חברים... מאָסטקאָווע, זאָגט איר, פירא מאָסטקאָווא? בכלל האָבן מיר נישט קיין שייכות און... ס'קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין אַזאַ פאַל... איר האָט אַליין געזען, זאָגט איר?... כ'מיין, אַז וועגן כוליגאַניזם דאַרף מען זיך ווענדן דירעקט אין דער מיליץ. זי וועט שוין קלאָר מאַכן...

אָבער אונדזערע יאַטן האָבן שוין אויך אַ שטיקל דערפאַרונג ווי אַזוי מען דאַרף רעדן מיט „דיפּלאָמאַטן" פון ק.ג.ב. אונדזערע זאָגן אָפן און שאַרף, אַזאַ פאַל קאָן קומען נאָר דירעקט פון ק.ג.ב. אמת, מעגלעך, אַז וועגן אַזאַ אומ־געהערטן ווילקיר ווייסט נישט די העכסטע נאַטשאַלסטווע און ס'קאָן, חלילה, שאַטן צום פּרעסטיזש סיי פון אַזאַ חשובער אָרגאַניזאַציע, סיי צום פּרעסטיזש פון סאָ־וויעטנפאַרבאַנד בכלל. בפרט נאָך, אַז דאָס האָבן צוגעזען ביי אַ צענדליק אויס־לענדישע קאָרעספּאָנדענטן.

דערהערט אַזעלכע דיבורים האָט זיך דער קאַנצעלאַריע־שעף אַ הייב־געטאָן פון פאָטעל.

— וואַרט, חברים, מיר וועלן באַלד אַלץ קלאָר מאַכן —. ער איז ערגעץ אַוועק, איבערלאָזנדיק אויף זיין אָרט אַן אַנדערן אָפיציר. דער שעף האָט זיך גע־זוימט אַוודאי אַ שעה, דערנאָך איז ער אַרויס מיט אַ גליקלעך־צעשטראַלטן שמייכל:

— נו, זעט איר שוין! אייער מאָסטקאָווע האָט מען לויט אַ מיספאַרשטענדע־ניש פאַרהאַלטן אין דעם 81־טן באַצירק פון דער מיליץ. מ'האָט זי שוין אַוודאי אַרויסגעלאָזט אייער מאָסטקאָווע... כ'האָב דאָך געזאָגט: מיר האָבן קיין שייכות נישט... ווענדעט זיך, ביטע, צום דיזשורנע פון באַצירק. און אַ דאַנק וואָס איר האָט אונדז מיטגעטיילט...

אַרויסגייענדיק פון דער קאַנצעלאַריע האָט איינער פון אונדזערע בחורים אָנגעקלונגען אין 81־טן באַצירק.

דער דאָזיקער בחור איז געווען אַ שטיקל אַרטיסט. זיין קול האָט געקלונגען באַפעלעריש:

— האַלאָ, 81־טער באַצירק?... דיזשורנע־אָפיצער פעטראָוו?... מאָסט־קאָוואַן האָט איר שוין אַרויסגעלאָזט?

פון טרייבל האָט זיך דערהערט אַ צערייצטער ענטפער:

— „אייערע" האָבן זי גענומען און „אייערע" — אַרויסגעלאָזט!

✶

די גערעכט־זיצונג האָט געדויערט 8 שעה. אָבער מען האָט זי ווייט נישט פאַרענדיקט. מען האָט זי געמוזט אָפּלייגן אויפן אַנדערן טאָג.

טיף אין האַרצן האָבן מיר געגלייבט, אַז מען וועט מוזן אָפּשאַפן די טויט־אורטיילן און לינדערן איינצלנע טערמינען ביי די איבעריקע. אַנדערש, צוליב וואָס

האָט מען אין צען טעג אַרום אויפגעעפנט דעם אַפּעלאַציע־פּראָצעס? אַזאַ איילעניש איז ביז אַצינד ניט געהערט געוואָרן אין דער פּראַקטיק פון די סאָוויעטישע געריכטס־אינסטאַנצן.

ווייזט אויס, אַז די מאַכט־הערשער האָבן געוואָלט דורכפירן דעם געריכטלעכן מאָרד־אַקט, אויסרעכענענדיק אויפן בורזשואַזן עגאָאיזם פון דער וועלט־עפנטלעכקייט. וועמען, הייסט עס, קאָן באַרירן און נאָך ערב ניי־יאָר, דאָס הרגענען נאָך אַ פּאָר זשידעס?

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די וועלט־עפנטלעכקייט איז ווייט נישט אַזאַ ווי אין די יאָרן 1948-1953. אויך די יידן אויף גאָר דער וועלט זיינען שוין איצט גאָר, גאָר אַנדערע יידן.

דערווייל אָבער האָט מען אָפּגעלייגט דעם פּראָצעס אויף נאָך אַ טאָג. דער תלין לאָזט נישט גרינג אַרויס פון זיינע נעגל דעם קרבן.

ווען מיר זיינען געקומען אַהיים האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַלע ראַדיאָ־סטאַציעס פון אויסלאַנד האָבן איבערגעגעבן וועגן די היינטיקע געשעענישן ביים אויבער־געריכט. צום דריטן מאָל האָט מען איבערגעגעבן, אַז פּירא מאָסטקאָוואַ איז באַפרייט געוואָרן.

6. ליאָווע שיינקאַר

אויף מאָרגן אינדערפרי — ווידער ביים געריכט. יידן זיינען היינט פיל מער ווי נעכטן. געהיים־אַגענטן — אויך מער. אָבער היינט שטייען שוין נישט די מערהייט „אַנדאטרען־היטלען" קעגנאיבער אונדז, ווי נעכטן. היינט האָבן זיי זיך אַלע אויסגעמישט צווישן אונדז און אויף די טראָטוארן. ביי די טירן פון אויבער־געריכט האָט זיך באַקומען אַ גאַנץ היפּשער המון... מ'דערציילט, אַז פראַנקאָ האָט שוין באַגנעדיקט די באַסקן. וואָס וועט זאָגן ברעזשניעוו?

פּלוצים האָט זיך דערשפּירט אויפן פּלעצל אַ מוראדיקע געשפּאַנטקייט. די רעפּאָרטערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט זייערע פאָטאָ־אַפּאַראַטלעך צו די טירן פון אויבער־געריכט. די „אַנדאטרען" זיינען געבליבן ווי פּאַראַליזירט פון אומדערוואַרטקייט און אונדזערע הערצער זיינען איבערפולט געוואָרן מיט באַוווּנדערונג און שרעק פאַר אונדזער אַ חבר. דאָס איז געווען ליאָווע שיינקאַר. ער איז געשטאַנען ביים אויבער־געריכט צוזאַמען מיט זיין פינף־יאָריק מיידעלע ביי דער האַנט. אויפן האַרצן ביי אים — אַ גרויסער געלער מגן־דוד, אויך ביים קינד אַזאַ מגן דוד. אויף דער ברוסט ביי ליאָווען אַ שטיק ווייסע לייוונט מיט אַן אויפשריפט: ל א ת ר צ ח! — ז אָ ל ס ט נ י ש ט ה ר ג ע נ ע ן! ליאָווע, ווייסן מיר, איז אַ געוואַגטער יונגערמאַן.

ער האָט זיך איינער פון די ערשטע עפנטלעך אָפּגעזאָגט פון סאָוויעטישער בירגערשאַפט אַלס פּראָטעסט קעגן דער ראַסן־פּאָליטיק אין באַצוג צו ישראל און אַלס פּראָטעסט קעגן די יאָרנלאַנגע אָפּשלעפּעניש מיט זיינע אַרויספאָר־פּאַפּירן. ווען מען האָט ליאָווען אַרויסגעוואָרפן פון זיין אַרבעטס־אַמט, האָט זיך אים איינ־

געגעבן צו לעגאַליזירן ביי זיך אין שטוב אַן אולפּן פאַר יוגנט. איבער מאָסקווע פלעגן זיך צייטנווייז באַווייזן מעלדונגען וועגן דעם, אַז „ל. שיינקאַר גיט לימודים פאַר די, וואָס ווילן דערלערנען עברית". (אמת נאָר דאַן ווען ס'פלעגן קומען צו פאַרן יידן־טוריסטן פון אויסלאַנד, פלעגן די מעלדונגען הענגען, דערנאָך זיינען זיי, פאַרשטייט זיך פאַרשוווּנדן...). יאָ, ליאָווע איז אַ העלדישער מענטש, אָבער אויף אַזאַ טאַט האָט זיך קיינער נישט געריכט. פאַר אַזעלכע זאַכן האָט מען אפילו אין די סאַמע „ליבעראַלע" צייטן ברוטאַל זיך צערעכנט — אַוועקגענומען, פאַרשיקט, פאַרקאַטעוועט. פאַרן אויסלענדישן לייענער וועט עס אפשר קלינגען ווילד. אָבער אין רוסלאַנד איז אַזאַ טאַט געגליכן צו זעלבסטפאַרברענונג, און ווילט איר, איז דאָס דער העכסטער אויסדרוק פון קידוש השם.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אין איין ציטערניש אַרומגערינגלט אונדזער חבר, גרייט אים צו פאַרטיידיקן ביזן לעצטן אָטעם.

פאַרבייגייער האָבן זיך נאָכגעפרעגט וואָס באַטייט דער אויפשריפט, וואָס דער מאַן טראָגט אויף זיין ברוסט. מיר האָבן גערן דערקלערט וואָס דער אויפשריפט באַדייט און וואָס פאַראַ שייכות האָט ער צום היינטיקן טאָג און צו אָט דעם אָרט. איינע אַן עלטערע פרוי האָט זיך גאָטספאַרכטיק איבערגעצלמט: דאָ בלאַגאָסלאָוויט וואָס באָג! ס'הייסט: געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט!

דורך די גרויסע פענצטער פון ערשטן שטאָק פון דער געריכט־געביידע האָבן נייגעריק אַרויסגעקוקט צו אונדז פרויען, קענטיק סעקרעטאַרקעס, אָדער געריכט־אָנגעשטעלטע. ווען שיינקאַר האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער ברוסט צום פענצטער, האָבן זיי געטייט מיט די פינגער, געחוזקט פון אים און פון אונדז. געוויזן די צינגער און געשפּיגן... איינע אַ מגושמדיק־צעפּלאָסענע האָט דורכן פענצטער דייטלעך מאַניפּולירט מיט די פעטע ליפּן אַזוי, אַז מיר האָבן „דערהערט" יעדן זילב פון דעם וואָס זי האָט דאָרט אַרויסגעשעפּטשעט: סוואָלאָטש! פאַרשאָלטענער זשיד!

ליאָווע האָט געענטפערט אויף דעם מיט אַ קרומען שמייכל פון פאַראַכטונג. ענדלעך האָט זיך צו שיינקאַרן דורכגעשטופּט אַ גוט־געקליידעטער, מאַסיווער פאַרשוין:

— וואָס איז דאָרט ביי אייך פאַר אַן אויפשריפט?

— לייענט! — האָט ליאָווע איינגעהאַלטן געענטפערט.

— איך קאָן דאָך נישט לייענען אָט דאָס לשון!

— אויב איר קאָנט נישט, האָב איך נישט קיין חשק אייך איבערצוזעצן.

— אייערע דאָקומענטן, בירגער! — האָט יענער באַפוילן.

מיר האָבן זיך ענגער צוגעשטופּט צו די צוויי, נישט צולאָזנדיק מער קיין „אַנדאַטרעץ". דער בלייכגעוואָרענער ליאָווע האָט שטיל אָבער פונקט אַזוי באַפעלעריש געענטפערט:

— ווער זענט איר און וועמען שטעלט איר פאַר? באַווייזט אייערע דאָקומענטן!

— כ׳וועל נישט באַווייזן און דאָך וועט איר גיין מיט מיר!

— גייט אייך געזונטערהייט אַליין. איך געפֿין נישט פֿאַר נייטיק.

דער עולם אַרום אונדז איז געוואָרן גרעסער און מיליציי־לייט האָבן איינגע־רעדט און באַפֿוילן זיך צעגיין. דער מאַסיווער פֿאַרשוין האָט אַרויסגעצישעט צווישן די ציין: „איר וועט שוין דווקא גיין, נאָר... מיט אַן אַנדערן!“ און ער האָט זיך אַרויסגעקליבן פֿון דער געדיכטער מאַסע מענטשן.

מיר האָבן שפּעטער נאָכגעפֿאָרשט ווי אַט דער מאַסיווער האָט לאַנג איינגע־טענהט מיט אַ פּאָלקאָווניק פֿון דער מיליץ, ביז יענער האָט ענדלעך צוגעשיקט צו ליאָווען אַ קאַפּיטאַן:

— אייערע דאָקומענטן, חבר.

— כ׳בין אייך נישט קיין חבר...

דער קאַפּיטאַן איז אַ ביסל צעטומלט —

— נו גוט, אייערע דאָקומענטן, ב י ר ג ע ר!

— כ׳בין אייך נישט קיין חבר און נישט קיין בירגער. מען רופֿט מיך — ה ע ר שיינקאַר;

דער קאַפּיטאַן האָט אין פֿאַרלעגנהייט ווידער נאָכגעגעבן:

— ה ע ר, באַווייזט אייערע דאָקומענטן!

— מיטן גרעסטן כבוד. איך בין פֿול מיט אַכטונג צו די געזעצן פֿון אייער לאַנד ווי אויך צו אייער מונדיר.

דער מיליץ־אָפֿיציר האָט אַקוראַט פֿאַרשריבן די אַלע פּרטים פֿון ליאָוועס פּאַספּאָרט, דערנאָך צוריקגעגעבן:

— מען וועט אייך אַרויסרופֿן...

— וועל איך קומען, הער קאַפּיטאַן — — —

ס׳באַווייזן זיך אַרבעטער און הייבן אָן אָוועקשטעלן מעטאַלענע צוימען, וועל־כע פֿאַרנעמען כמעט אַ האַלבן טראָטואַר. די מיליציאַנטן דערקלערן, אַז מיר קאָנען שוין דאָ נישט שטיין, ווייל אַצינד הייבט זיך אָן אַן אַדליגע און דאָס אייז קאָן, חלילה, פֿאַלן פֿון דאַך און עמעצן לעכערן דעם קאָפּ.

וויבאַלד שטיין טאָר מען נישט, בלייבט אונדז טאַקע נישט מער ווי די ברירה צו גיין... גיין אַהין און צוריק. שפּאַנען מיר טאַקע צו צוויי און צו דריי, ליאָווע מיטן מגן דוד — אין דערמיט. נישט ווילנדיק באַקומט זיך אַן איינדרוק פֿון אַן אמתער דעמאָנסטראַציע. כ׳ווייס נישט וואָס וואָלט ווייטער געשען, ווען ס׳הייבן נישט אָן אַרויסצופֿלייצן די מענטשן פֿון געריכטס־זיצונג. קוזניעצאָוו און דימשיץ וועלן לעבן. דער טויט־אורטייל איז פֿאַרביטן געוואָרן אויף 15 יאָר באַזונדערס שטרענגע רעזשים־טורמע. ס׳איז נישט פֿיל זיסער פֿון טויט, אָבער דאָך... אַנדערע האָט מען די טערמינען געקירצט.

דער ערשטער וואָס האָט אונדז מיטגעטיילט וועגן דעם — איז געווען אַ סימפּאַטישער, עלעגאַנטער מאַן מיט גרויסע, מילדע אויגן אונטער אַ הויכן שטערן. דאָס איז געווען דער אַקאַדעמיקער סאַכאַראָוו.

ווייזט זיך אַרויס, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן בייזיין דעם אַפּעלאַציע־פּראָצעס.

— ס'איז נישט קיין קליינער זיג — זאָגט ער — ס'איז אייער און אונדזער זיג! איך באַגריס אייך, חברים!

ווי פּריש האָט אַ קלונג געטאָן אין זיין מויל דאָס וואָרט „חברים". דער גרויסער רוסישער געלערנטער האָט פאַר אונדז אָט דאָס וואָרט רעהאַביליטירט, צוריקגעבראַכט צום אייגנטלעכן זין.

מיר זיינען גערירט און באַדאַנקען אים האַרציק אין נאָמען פון אַלע יידן. ער זאָגט: טאָמער וועט אייך נייטיק זיין מיין הילף, קלינגט אָן צו מיר אָדער צו טשעלידזען, אפשר וועלן מיר עפּעס קאָנען אַרויסהעלפן אין אַ שווערער מינוט. —

ווען די מאַסע יידן וויל זיך פאַנאַנדערגיין, לאָזט זיך אָבער אויס, אַז מען מוז גיין אַלע נאָר אין איין ריכטונג — בלויז צו מעטראָ דזערזשינסקאַיאַ. ווייטער לאָזט מען אין ערגעץ נישט. מיר זיינען אַרומגערינגלט פון אַ גרויסער מחנה מיליץ און „אַנדאַטרען". ווען איינער אַ בחור האָט געוואָלט פאַרקערעווען אין אַ זייט, האָט מען אים אַ כאַפּ געטאָן, אַ דריי געטאָן די הענט און צוריקגעטריבן אין אונדזערע רייען.

מיר שפּאַנען פאַרביי דעם צ.ק. פון דער פּאַרטיי, וועלכע מען האָט פון אונדז אָפּגעטיילט מיט אַ וואַנט פון שווערע לאַסט־מאַשינען. וואָס איז דאָס, צי דען האָבן זיי מורא, אַז מיר וועלן זיך אַריינרייסן אין צ.ק.? ס'איז אַ געלעכטער און... ס'איז עפּעס ניט פריילעך. שפּאַנען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ קאָנוואָי אין מיטן העלן טאָג, איז, דעם אמת געזאָגט, אַביסל אומהיימלעך. ווער ווייסט וווהין זיי טרייבן אונדז. היהלע ווייסט איינס — אין דער היים איז אונדזער בן־יחידל. ס'איז ערב ביי־יאָר און ווער ווייסט וואָס די רוצחים האָבן פאַרטראַכט...

אָבער מיר זיינען בשלום אַריין אין מעטראָ צוזאַמען מיט אונדזערע פיינע באַגלייטערס, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט ביי די וואַגאָנען ביז מיר זיינען אָפּגעפאָרן.

אין דער היים שוין האָט אונדז אָנגעקלונגען אַ נאָרוועגישער קאָרעספּאָנדענט און זיך נאָכגעפרעגט צי ס'איז אמת, אַז מען האָט אונדז אַרעסטירט. „דערווייל נאָך נישט"... האָט געענטפערט מיין פרוי.

דאָס נייע יאָר 1971 האָבן מיר פונדעסטוועגן באַגעגנט אַביסל פריילעכער ווי מיר האָבן זיך עס פאָרגעשטעלט.

א. שעדלעצקי

בלעטלעך פון צייט־אַלבאָם

א. מיט 25 יאָר צוריק ...

דאָס איז געווען אין מחנה־עולים אין נתניה. יאָר תש״ח. אַ שבת־צו־נאַכטס. דער גרויסער זאַל, וואָס איז אַמאָל געווען דער קלוב פון בריטישן מיליטער, האָט איצט גערוישט און געטומלט מער ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג. די עולים האָבן זיך געגרייט צו דעם אָוונט ווי צו זייערס אַן אייגענער שמחה. די בענק זיינען געשטעלט געוואָרן אין דער ברייט — אַ באַנק נעבן אַ באַנק. די טישן, ביי וועלכע די עולים פלעגן עסן זייערע אָרעמע מאָלצייטן אַ גאַנצע וואָך, האָט מען אַוועקגערוקט אין אַ זייט. אויבן־אָן פונעם גרויסן זאַל איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַן אימפּראָוויזירטע טריבונע. דער עולם האָט זיך געגרייט צו אַן אָוונט פון געזאַנג, וואָס ער אַליין האָט איינגעאָרדנט סיי פאַר זיך, סיי פאַר די געסט פון דער סוכנות, וואָס זיינען פאַרבעטן געוואָרן צו אָט דער שמחה.

אַזאַ אָוונט אין מחנה־עולים מאַכט אַביסל פאַרגעסן די טעגלעכע זאָרג. אפילו ניט ווילנדיק ווערן די מענטשן אַריינגעצויגן אין אַן אמתדיקער ארץ־ישראל־אַטמאָספער, ווען אַלץ ווערט פאַרפלייצט מיט געזאַנג און מיט טענץ. בעיקר איז דאָס אַ יום־טוב פאַר דער יוגנט.

מיין נייגער האָט דערוועקט אַ יונג מיידל, 10—11 יאָר אַלט, מיט לאַנגע בלאָנדע צעפּלעך. זי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ זייט, געקוקט אויף אַלץ אַרום מיט צוויי בלויע אומעטיקע אויגן, ווי זי וואָלט געווען גלייכגילטיק צום גאַנצן אַרום, צו די פריידיק־טומלדיקע קינדער און יוגנטלעכע. זי איז געווען די איינציקע וואָס האָט זיך נישט באַטייליקט אין די הכנות צו דעם אָוונט. נישט ביים צוזאַמענברענגען די בענק, נישט ביים באַצירן די טריבונע.

איך האָב אָנגעהויבן מיט דעם מיידעלע צו שמועסן. באַלד איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. אַלע קינדער אינעם עולים־לאַגער האָבן געהאַט עלטערן אָדער קרובים — זי איז דאָ געווען איינזאַם, אַליין.

אַ סך האָבן מיר אין יענע ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן געהערט וועגן קינדער, יתומים אָן קרובים, וואָס האָבן געהאַט דאָס מזל על־פּי־נס ניצול־צו־ווערן. די געשיכטע פון דער קליינער זאָשקע, וואָס האָט איצט זיך גערופן שושנה, איז געווען טרויעריק און טראַגיש ביז גאָר.

נאָך דער מלחמה איז זאָשקע נישט געבליבן אַליין, ווי דאָס איז געשען מיט אַ סך אַנדערע יידישע קינדער. הגם אירע עלטערן, דריי שוועסטער און אַ ברודער זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע, איז זאָשקע געווען פון די ווייניקע קינדער, וואָס דער שווערער גורל האָט נישט געשטראָפט מיט דער גאַנצער האַרבקייט. זי האָט נאָך געהאַט אַ ברודער, די פינפיעריקע זאָשקע; עלטער פון איר, אַ ברודער, וואָס איז פאַר איר געווען סיי אַ פאָטער סיי אַ מוטער.

ער טאַקע איז געווען דער, וואָס האָט איר

אָפּגעראַטעוועט, ווען אַלע זיינען אַוועק
אין די טויט־וואַגאָנען. ער האָט איר אָפּגע־
געבן צו אַ פּוילישער משפּחה אין וואַווער
ביי וואַרשע, געצאָלט פינף הונדערט זלאָ־
טעס חודשלעך פאַר אויסבאַהאַלטן איר.
אין געהיים פלעגט ער קומען צו איר יעדע
וואָך, געבראַכט זיסוואַרג. דער ברודער,
מיטעק האָט מען אים גערופן, האָט
אויסגעזען ווי אַן „אַריער“, געהאַט אַ
פאַלשן פּאַס, און געקענט זיך באַוועגן
פריי. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַז
דער אַ געזונטער, בלאָנדער „שייגעץ“
איז אַ ייד.

זאָשקע איז אַזוי געווען אָפּגעשיידט
פון איר ברודער די גאַנצע מלחמה־צייט.
ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט
האָבן שוועסטער און ברודער זיך פאַריי־
ניקט. מיטעק האָט געאַרבעט, פאַרדינט.
ער האָט זיך געמיט זיין קליין שוועסטערל
זאָל גאָרנישט נישט פעלן, זי זאָל זיך
נישט פילן פאַריתומט.

דאָ איז אָבער ווידער אויסגעבראָכן אַ
ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע. אין אַ סך
שטעט זיינען אפילו פאָרגעקומען פּאָגראָ־
מען. ווידער איז יידיש לעבן געווען באַ־
דראָט אויף פּוילישער ערד.

„איך האָב מיין שוועסטערל מיט אַזוי
פיל צרות אָפּגעראַטעוועט פון די דייטשן,
איצט וועל איך זי פאַרלירן ביי די פּאָ־
ליאַקן?“ — האָט מיטעק זיך געטראַכט.
ביז ער האָט פאַרפּאַקט אַ רענצל, גענו־
מען די קליינע זאָשקע און צוזאַמען מיט
אַנדערע טויזנטער יידן זיך אַרויסגעלאָזט
שוואַרצן די גרענעץ, קיין דייטשלאַנד.

ער האָט גוט געוווּסט, אַז אויך דאָ וועט
ער נישט האָבן קיין רו. ער האָט גוט
געקענט די דייטשן, נישט פאַרגעסן זייער
אכזריות. זיין נאַטירלעך געפיל און שכל
הישר האָט אים געוואָרנט, אַז דייטשלאַנד
קען אוודאי נישט זיין קיין אַנטרינונג,
אַז ער דאַרף אויך פון דאַנען וואָס פריער
אַנטלויפן. ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין
ארץ־ישראל, בלויז דאָרט וועט אַ ייד זיך
פילן זיכער. די טויערן פון ארץ־ישראל
זיינען אָבער נאָך געווען געשלאָסן אויף
זיבן שלעסער, די ענגלענדער האָבן נאָך
געהערשט ביד רמה.

מיטעק האָט געוואַרט, געוואַרט מיט
אומגעדולד.

באַלד זיינען געקומען די גרויסע טעג,
מעכטיקע געשעענישן. עס איז פּראָקלאַ־
מירט געוואָרן די אַנטשטייונג פון מדינת
ישראל. די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזט
דאָס לאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער
באַפרייונגס־קריג. אין די דייטשע לאַגערן
און אין גאַנץ אייראָפּע האָט זיך אָנגע־
הויבן דער „גיוס“. יידישע יוגנטלעכע
זיינען פרייוויליק אַוועק אין דער אַרמיי,
העלפן באַפרייען דאָס לאַנד פון די שונ־
אים. אויך דער פינף־און־צוואַנציק־יערי־
קער מיטעק איז מיטגעריסן געוואָרן
מיטן שטראָם.

„איך פאָר כדי צו קעמפן, זאָשקעלע
זאָל האָבן אַ זיכערע היים“... האָט ער
ווי צו זיך אַליין געזאָגט.

אָנגעקומען אין לאַנד אַריין איז ער
צוזאַמען מיט די מאָביליזירטע. דאָס
שוועסטערל האָט ער איבערגעלאָזט אין
פליטים־לאַגער ביי באַקאַנטע, מיט וועל־
כע ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַפריינ־
דעט. יענע האָבן ליב באַקומען די קליינע
זאָשקע. זי האָט דאָרט אָנגעהויבן לערנען
העברעיש, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט
אַ שיינער שטים צום זינגען.

„זאָשקעלע איך פאָר, און איך וועל
דיך אָפּוואַרטן אינעם פאָרט חיפה, ווען
דו וועסט אָנקומען אין לאַנד אַריין“. —
מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך
געזעגנט.

— איצט איז מיטעק מער נישטאָ —
האָט די קליינע פאַרענדיקט איר דערציי־
לונג — ער איז געפאַלן אין נגב. קיינער
האָט אויף מיר נישט געוואַרט אין פאָרט,
ביי מיין אָנקומען...

דער עולם האָט זיך דערווייל פאַר־
זאַמלט. דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן.
אַ קינדער־כאָר האָט געזונגען לידער אין
העברעיש און אין יידיש. דערנאָך האָט
דער לערער אויסגערופן:

— איצט וועט שושנה אונדז זינגען עט־
לעכע לידער.

דאָס האָט מען געמיינט אונדזער זאַש־קעלע. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט זי זיך דערנענטערט צו דער בינע. זי האָט זיך געשטעלט ביים אַראָפּגענידערטן מיק־ראָפאָן, נישט אויפהויבנדיק דעם בליק צום עולם. זי האָט אָנגעהויבן זינגען, ווי פאַר זיך אַליין. דאָס איז געווען דאָס דעמאָלט־פּאָרפּאָסטע ליד „בערבות־הנגב", אַ ליד, אין וועלכן אַ פאַריתומטע מאַמע דערציילט וועגן איר געפאַלענעם זון אין די זאַמדן פון נגב.

„בערבות הנגב מתנוצץ הטל,
בערבות הנגב איש מגן נפל.
לא נשם הנער ונדם הלב
את בלורית השער רוח תלטף" ...

עס האָט אויסגעזען, דאָס ליד איז דער קליינער באַזונדערס נאָענט. מיר האָט גע־שיינט, אַז זי דערציילט דאָס וועגן איר ברודער, וואָס איז געפאַלן ערגעץ־ווו אין נגב, און דער ווינט גלעט און שויבערט צערטלעך די האָר פון זיין קאָפּ.

זינט דעמאָלט זיינען יאָרן אַדורך. דאָ נישט לאַנג צוריק האָב איך צופעליק געטראָפן אַ פרוי אויף אַ קינדער־פּאַר־שטעלונג אין ירושלים. ביי דער האַנט האָט זי געפירט אַ קליין 10—11־יעריק מיידע־לע — איך טו אַ קוק: זאַשקעלע! די בלאָנדקייט, די בלויקייט פון די אויגן, די צעפּעלעך — דאָס האָט מיך גלייך דער־מאָנט אין יענעם שבת־צו־נאַכטס אין נתניה, אין ערשטן חודש פון מיין אָנקו־מען אין לאַנד אַריין.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט דרייסט־קייט, כ'בין צוגעגאַנגען צו דער פרוי. „זיינט איר אַמאָל נישט געווען אין מחנה עולים אין נתניה?". איך האָב טאַקע נישט געהאַט קיין טעות. יענע זאַשקע איז אַן איינוווינערין פון ירושלים, האָט אַ מאַן, איז אַ מאַמע פון דריי קינדער. דער עלטסטער — זי רופט אים מיטעק, אַלע אַנדערע רופן אים מרדכי — מאַכט דאָס יאָר מאַטורע...

ב. איטשעלע גייט אין מיליטער...

בראשית זיינען דאָ געווען פעלדזן, און מער גאָרנישט נישט. אין איינעם אַ טאָג האָבן שווערע בולדאָזערס גענומען אויס־גלייכן די ערד — מ'האָט אָנגעהויבן בוי־ען. ביסלעכוויז האָבן פון צווישן די פעלדזן אָנגעהויבן אויסשפּראָצן געמויער־טע הייזער, ווייסע הייזער — איין הויז ענלעך צום צווייטן, ווי קינדער פון איין מאַמען. דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן אַריינציען אין די נייע דירות. דירה נאָך דירה, שטאָק נאָך שטאָק און הויז נאָך הויז זיינען באַוווינט געוואָרן. עדות־געזאָגט וועגן דעם האָבן די פאַרהאַנגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פלאַטערן איבער די טונקעלע פענצטער־עפענונגען, — אַ נייע גאַס אין דער „שכונה" האָט אָנגע־הויבן לעבן, איינע פון אַ סך גאַסן אין די פיל נייע קוואַרטאַלן פון אונדזערע שטעט.

תחילת האָט יעדער איינער געלעבט דאָ ווי ביחידות, פאַר זיך. איינער האָט נאָך דעם צווייטן נישט געקענט. דער שכן פון ערשטן שטאָק האָט צומאָל נישט גע־ווּוסט ווער ס'וווינט אין דער דירה פון פּאַרטער.

מיט אַמאָל איז די פרעמדקייט ווי אַנטרונען. הגם די מענטשן האָבן גע־שטאַמט פון פאַרשיידענע געגנטן און אפילו פון פאַרשיידענע לענדער, האָט זיי עפּעס וואָס צוזאַמענגעבונדן: ענ־לעכע איבערלעבונגען, געמיינזאַמע האָ־פענונגען, גורל.

די ערשטע קענטשאַפטן זיינען גע־שלאָסן געוואָרן צופעליק, — ביים וואָגן מיט אייז, ביים פורל נאָפט, אין דער „צרכניה", אין דער ריי צום אויטאָבוס. וואָס אַמאָל איז מען אָבער געוואָרן היימישער. פון עפענען נישט דרייסט די קליאַמקע אין טיר פון אַ שכן, איז מען גיך אַריבער אויף לענגערע וויזיטן

איינער ביים אַנדערן. דער ערשטער ווינטער איז קוים פאַרביי, און שוין האָט איינער דעם אַנדערן אַנטקעגנגע־טראָגן דעם „שלום" ווי אַלטע באַקאַנטע, ווי שכנים וואָס ווינען שוין צוזאַמען מי יודע ווי לאַנג.

די מענטשן וואָס האָבן באַזעצט די בייע גאַס זיינען געווען יונגע פאַרפעל־קער, הגם דער רוב פון זיי זיינען שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן. זיי זיינען נאַרוואָס געהאַט געקומען מיט דער עליה פון פוילן, פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד און פון ציפּערן.

קוים אַדורך אַ יאָר — און אין דער גאַס איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד. די מאַמע — אַן אָפּגעראַטעוועטע אין אויִשוויץ, דער טאַטע — אַ רעפּאַט־ריאַנט פון רוסלאַנד. געטראָפן האָבן זיי זיך אין אַ לאַגער ביי מינכען. צוזאַמען געפאָרן מיט אַ מעפּילים־שיף, געווען אינטערנירט אין ציפּערן און דאָרט גע־האָט „געשטעלט" אַ חופּה.

דער ערשטער „ברית" איז געווען אַן אָנזאָג. באַלד זיינען געבוירן געוואָרן נאָך קינדער, קינדער־וועגעלעך זיינען געוואָרן אַ טייל פון גאַסן־בילד, און אַז מ'האָט געזען שפּאַצירן די מאַמעס אי־בערן נאַרוואָס ברוקירטן וועג מיט די וועגעלעך איז ביי אַ סך פון זיי גוט קענטיק געווען, אַז נישט דאָס ערשטע מאָל קעכלען זיי קינדער אין די וויגע־לעך... וועגן דעם האָט אויך עדות־געזאָגט די ניט געוויינלעכע ציטערקייט, זאָרג, מיט וועלכע מ'האָט געאָרעמט די קינדער אויך ווען זיי האָבן אָנגע־הויבן וואַקסן.

בריתן און מזל־טובן זיינען עט־לעכע יאָר נאָכאַנאַנד געווען אַ טאָג־טעגלעך געשעעניש אין בייעם געסל, אויך ווען צום דאַזיקן געסל איז צוגע־קומען נאָך אַ גאַס און נאָך אַ גאַס — אַ קוואַרטאַל אַ גאַנצער. דאָס ערשטע קינד איז אָבער די גאַנצע צייט פאַר אַלעמען פאַרבליבן די ערשטע מילדקייט און די ערשטע פרייד.

— איטשעלע שטייט שוין! איטשעלע גייט שוין! איטשעלע רעדט שוין!

אַזוי זיינען ווי בשורה־טעלעגראַמעס פאַרשפּרייט געוואָרן פון צייט צו צייט די לעצטע נייעס — אַזוי אויפן קול דורך די פענצטער און ווערענדעס און אין שמועסן אויף דער גאַס.

יאָרן זיינען אַדורך און די גאַנצע גאַס האָט מיטגעלעבט מיט אַלע אַנטוויק־לונגס־שטאַפּלען פון ערשטן קינד. אָט האָט איטשעלע אָנגעהויבן גיין אין שו־לע, אָט איז ער געוואָרן בר־מצווה, — די גאַנצע גאַס האָט געפּייערט די שמ־חות ווי איין משפּחה.

— אם ירצה השם ביי אייך — האָבן די עלטערן צוריקגעווונטשן אויף די ברכות פון די שכנים, און דאָס איז נישט געווען סתם מליצה. איטשעלעס קינדער־שמחות זיינען באמת געווען אַ סימן און אַן אָנזאָג, אַז אָט דערנענ־טערט זיך באַלד אויך די בר־מצווה פון יאַנקעלען און פון משהלען, פון פּנחס־לען און פון שמואליקן, פון שמעונען און פון עלי, פון וועלוועלען און כת־ריאלן, אַלץ קינדער וואָס זיינען גע־בוירן געוואָרן אַ יאָר אָדער צוויי נאָך איטשעלען. אַלץ נעמען פון אויסגעשאָכ־טענע זיידעס.

נאָך אַ פּאָר יאָר זיינען אַדורך. אי־טשעלע האָט פאַרענדיקט די שולע און איז אַריין אין „תיכון". אַ שיינער ליכ־טיקער בחור — געוואָרן דער שטאָלץ פון דער גאַנצער גאַס שכנים.

— אונדזער איטשעלע, אונדזע אי־טשעלע, געזען ווי ער האָט דאָס געטאָן אַ שיס־אַרויף? — אַ גאַנצער בחור!

און אָט האָט זיך מיט אַמאָל צעטראָגן די בשורה, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס קיינער האָט נישט דערוואַרט.

— איטשעלע גייט אין מיליטער!...

אין די אַכצן יאָר פון איטשעלעס גע־בוירן האָט, אמת, די גאַס אַ סך זיך געענדערט. עס זיינען, ווי געזאָגט, צו־געקומען נאָך פיל הייזער און גאַסן, וואָס גיסן זיך צענויף מיט אָט דער גאַס

און האָבן שוין אין גאַנצן פֿאַרטריבן פון דאָרטן די פעלדזיקע וויסטעניש; אַ סך קינדערלעך, קיין עין הרע, זיינען דאָ פאַראַן — קלענערע און גרעסערע. אַ סך פון די אַלטע איינוווינער פון דעם עולים־געסל האָבן זיך אפילו פאַר דער צייט אַריבערגעצויגן אין בעסערע „שי־כונים". יענע וואָס זיינען געווען די ערשטע אויף דער גאַס, קענען אָבער נישט פאַרגעסן אַלץ וואָס דערמאָנט די „ערשטקייט".

זיי וווּנדערן זיך אַלץ:

— ערשט „נעכטן" איז דאָך דאָס „קינד" געבוירן, ערשט נעכטן געשטעלט די ערשטע טריט, ערשט נעכטן אָנגע־הויבן לערנען אין שולע — און זעט וואָס פאַראַ בחור, שוין אַ „חייל"!

באַלד דערמאָנט מען זיך אָבער אין די אייגענע קינדערלעך און מע „מאַכט שלום" מיט דער ווירקלעכקייט:

— אין אַ יאָר אַרום גייט דאָך אין מיליטער אויך יאַנקעלע און שלמהלע, משהלע און שמעון, שמואל און פנחסל.

— און ווי לאַנג וועט דען דויערן, אַז אויך דני און כתריאל וועלן זיין „חיילים"?

— אין אַ יאָר אַרום וועלן מיר דאָך האָבן אַ גאַנצע אייגענע „אַרמיי" פון אונדזער גאַס... — מאַכט עמעצער דעם סך־הכל, נעמענדיק צוהילף אַלע פינגער פון די הענט ביים אויסרעכענען די קינדער, וואָס דערנענטערן זיך צום מיליטער־עלטער.

*

יאָ, רחוב פרי מגדים איז געוואָרן דערוואַקסן, רייף, פאַרוואָרצלט, איינ־געפונדעוועט. אַ סימן? — איטשעלע גייט שוין אין מיליטער...

ג. ר' אברהם־משה פאַרלירט נישט דעם בטחון...

ר' אברהם־משה איז אַ הויכער שטאַלט־נער, נישט־געבויגענער ייד, וואָס טיילט זיך אויס מיט זיין הדרת־פנים פון אַלע איינוווינער פון דער שכונה, מיט זיין כמעט ווייס־געוואָרן בערדל, פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ יונג גע־זיכט מיט צוויי לעבעדיק־פקחותדיקע אויגן און גוטמוטיקן שמייכל. ער גע־הערט צו די עלטסטע תושבים פונעם דאָזיקן ווייטן קוואַרטאַל ביים ראַנד פון דער שטאָט, וואָס איז טריי געבליבן דעם אָרט ביזן היינטיקן טאָג. אָנגעקו־מען אַהער איז ער תיכף אין די ערש־טע חדשים פון דער מדינה, ווען די ענגלענדער האָבן סוף־כל־סוף באַפרייט די אינטערנירטע פון זייערע פליטים־לאַגערן אויפן אינדזל ציפערן, — די פליטים פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן אין די יאָרן פון געראַנגל מיט אומלע־לאַגע שיפן זיך געריסן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל, ווען די בריטן האָבן נאָך דאָ געהערשט ביד רמה. בעת די מלחמה־יאָרן האָט ער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן יידישן נע־ונד — געווען פריער ביים דייטש, שפּעטער ביי די סאָוויעטן, פאַר־זוכט דעם טעם פון לאַגערן און פאַר־שיקונג, פאַרלוירן אַלע נאָענטע, ווייב און קינדער און לסוף — אדם־נאַקעט אַרויף אויף איינע פון די שיפן וואָס האָבן געפירט יידן איבערן צעשטורעמטן ים קיין ארץ־ישראל. די היפשע פאַר יאָר, וואָס ער איז געווען אין ציפערן, באַדויערט ער אָבער נישט. „עס האָט געלוינט. דאָס איז געווען אַ גוטער פרוזדור" — טענהט ר' אברהם־משה.

ווען ער איז לסוף, אונדזער ר' אב־רהם־משה, אָנגעקומען אין לאַנד אַריין און באַקומען אַ שטיקל מקום־מנוחה אינעם דעמאָלט נאַרוואָס מיט יידן באַ־זעצטן קוואַרטאַל, האָט ער קודם־כל געזאָרגט פאַר אַ מקום־תפילה פאַר יידן. ער האָט דאָס געטאָן אַ סך פריער איי־דער ער האָט אָנגעהויבן עפעס־וואָס טאָן פאַר זיינע אייגענע הצטרכותן, נאָך איי־

דער ער האָט זיך גענומען אויפשטעלן פאַר זיך אַ נייע היים, ווידעראַמאָל בויען אַ פאַמיליע־נעסט.

דאָס איז אים נישט אָנגעקומען שווער. תחילת זיינען טאַקע נישט גע־ווען מער ווי פיר ווענט. ווען עס האָבן זיך אָבער געמערט די צאָל ניי־געקומע־נע יידן, נייע עולים ווי ער, איז אויך דאָס געגרינדעטע בית־הכנסת געוואָרן גרעסער, גערוימער, שענער, ווי עס פאַסט פאַר אַ מקדש־מעט אינעם היי־ליקן לאַנד. מ׳האָט כסדר אַלץ מער צוגעבויט און אַרומגעבויט, און אויס־געשטאַט דאָס בית־כנסת מיט אַ שיינעם ארון־קודש און זיידענעם פרוכת, מיט אַ בעלעמער און שיינעם הענגלאַמפּ, מיט טישן און בענק. מיט דער צייט האָט מען אפילו צוגעבויט אַ צווייטן שטאָק פאַר דער עזרת נשים. ר׳ אברהם־משה, מיט נאָך יידן פון זיין סגאָל, האָבן וועלטן איינגעריסן, אָנגעקלאַפּט טירן ווו מען דאַרף. אין דער „מועצה" און אפילו ביי דער „הסתדרות", און באַקומען די נויטיקע „בודזשעטן" פאַר דעם. אויך מתפללים זיינען געווען גע־נוג. אַ שיינע פאַר מנינים יידן האָבן דאַ געדאַוונט, נישט בלויז שבת און יום־טוב. אויך אין אַ פראָסטן טאָג האָבן קיין יידן נישט אויסגעפעלט צום מנין. ר׳ אברהם־משה האָט דאָ איינגעשאַפּט פאַר זיך אַ מקום־תפילה נישט ערגער ווי אין זיין שטעטל אויף יענער זייט בוג. מיט דער צייט האָבן זיך ביי אים אפילו אָנגעהויבן פאַרהיילן אַביסל די ווונדן פונעם ביטערן נעכטן. ער האָט צוריק אויפגעשטעלט אַ משפחה, זיך אָנגעהויבן פילן ווי אַ בעל בעמו, גע־דאַוונט ביים עמוד, געלערנט מיטן עולם אַ פרשה חומש, משניות, ווי ער האָט זיך נוהג־געווען אַמאָל־אַמאָל...

יאָרן זיינען אַדורך. דאָס לעבן אין דער שכונה איז אָבער נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. גרויסע שינויים זיינען דאָ מיט דער צייט פאַרגעקומען, ביז — אין אַ שיינעם טאָג האָט ר׳ אברהם־משה מיטאַמאָל דערזען: נישטאָ זיין עדה. די צאָל מתפללים פאַרקלענערט זיך כסדר און איז געוואָרן זייער קנאַפּ. שוין באַלד אפילו שווער צוזאַמענ־קלויבן אַ מנין. נישטאָ באַלד מיט ווע־מען צו שטעלן זיך דאַווענען... און דאָס איז געווען צוליב כל המינים סיבות. קודם זיינען אַוועק — בדרך כל בשר — אַ סך פונעם עלטערן דור, די וואָס זיינען תחילת געווען דער רוב מנין ובנין פונעם ערשטן מנין, מיט וועלכן ער האָט געגרינדעט דעם מקום־תפילה. דאָס זיינען געווען יידן אַביסל עלטער פון אים און טאַקע אויך פון זיין עלטער, וואָס האָבן נישט זוכה־געווען צו אריכות־ימים נאָך זייערע שווערע איבערלעבענישן אין די מלחמ־מה־יאָרן. אַנדערע זיינען אַוועק אין בתי־אבות, ענדיקן דאָרט זייערע לעצ־טע יאָרן. די יונגערע ווידער האָבן זיך, ברוך־השם, „אַרויפגעאַרבעט", זיינען זיי אַוועק אין בעסערע דירות, און „שיכו־נים", ווייט פון דער אַלטער שכונה מיט די אַמאָל־אַראַבישע הייזער אָן מאָדער־נע איינריכטונגען. די וואָס האָבן אָפּ־גענומען „שילומים", האָבן זיך אויך אַריבערגעצויגן, דאָרט אויפן „צפון". יענע וואָס זיינען אָנגעקומען מיט זייע־רע עלטערן אַלס קינדער, זיינען מיט דער צייט אונטערגעוואַקסן, אַוועק אין מיליטער, חתונה־געהאַט און לסוף אויך אַריבער אין שיכונים ווייט פון דער שכונה. די מענטשן וואָס האָבן זיך אַריינגעצויגן אויף זייער אָרט זיינען בדרך־כלל נישט געווען פון דעם מין וואָס קומען אין בית־כנסת, און די וואָס דאַווענען יאָ, האָבן זיי אַן אַנדער נוסח, זיי דאַווענען ניט מיט אשכנזים.

דער ניי־געשאַפענער מצב האָט ר׳ אברהם־משהן אַריינגעטריבן אין אַ מרה־שחורה, רחמנא־לצלן. ער האָט אַלץ מער באַקומען דאָס געפיל פון „מעשי ידי טובעים בים" אַזוי פיל מי האָט ער אַריינגעלייגט אין אויפשטעלן אַ בית־כנסת אַ פראַכט, אָבער נאָך אַביסל און דאָס אָרט וועט בלייבן פוסט, אפילו

אָן אַ מנין יידן צום דאַווענען אין איי־גענעם נוסח. ווער ווייסט? אפשר וועט ער אַליין אויך מוזן זיך לסוף פון דאַ־נען אַרויסציִען... דעם געדאַנק האָט ער אָבער באַלד פאַרטריבן פון זיך: ווי־קען ער איבערלאָזן דאָס בית־כנסת אויף הפקר? אַ פחד איז אים באַפאַלן, ווען ער האָט דערביי נישט־ווילנדיק זיך אָנ־געהויבן דערמאָנען און פאַרגלייכן צו זיין בית־כנסת אינעם שטעטל, וואָס איז חרוב־געוואָרן פאַר זיינע אויגן, בעת אים זיינען פאַרבליבן בלויז די שליס־לען אַליין, ווי אַ זכר לחורבן...

זיינע טרויעריקע מחשבות האָט ער פאַרן מויל מורא געהאַט צו ברענגען, געשראָקן זיך אפילו פאַר עמעצן זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ, נישט צו זינ־דיקן מיט די רייד. די ווייניקע, וואָס זיינען פאַרבליבן מיט אים האָבן דאָס אָבער געפילט, געלייענט זיינע מחש־בות, געמערקט דאָס באַזונדערס אין זיין קול, ווען ער האָט זיך ביי אַ כמעט־ליידיקן בית־כנסת געשטעלט ווי דער שטייגער ביים עמוד צו דער תפילה. די זיסע סאַמעטענע שטימע פונעם גע־ניטן בעל־תפילה האָט זיך געבראָכן, האָט אָנגעהויבן פאַרצווייפלט־נעבעכדיק אָפּקלינגען ווי אין אַ פוסטן חלל אַריין.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און עס האָט אַ שיין געטאָן אַ שטראַל פון האָ־פענונג, וואָס האָט אָנגעהויבן צוריק־יאָגן פון אים דעם אומעט.

אויפן שכנותדיקן זאַמד־בערגל, דאָרט ווו אין די ערשטע טעג האָט עס גע־ראַיעט מיט שאַקאַלן, שלאַנגען און עקדישן, האָט זיך עפּעס אַ ריר־געטאָן. שווערע בולדאָזערס האָבן אָנגעהויבן אויסגלייכן דעם שטח, טראַקטאָרן האָבן אָנגעהויבן בויען אַ וועג אַרום און אַרום. אַ בשורה האָט זיך באַלד פונאַנ־דערגעטראָגן: מען טרעט דאָ צו בויען נייע שיכונים. אָן שום שהיות איז דער גאַנצער אַרום אָנגעפולט געוואָרן מיט אַרבעט און בויונג. פונדאַמענטן זיינען געגראָבן געוואָרן. רושטאָוואַניעס האָבן זיך געהויבן צום זוניקן הימל. געביי־דעס גאַנצע זיינען געוואַקסן אַרויף, אַלץ העכער און העכער, שטאָק נאָך שטאָק. מיטאַמאָל האָבן בלאָקן גאַנצע באַדעקט דאָס פוסטע זאַמד־בערגל. לאַנגע שורות הייזער מיט צענדליקער ברייט־פאַרנע־מיקע דירות זיינען מיטאַמאָל געבליבן שטיין אויסגעפּאַרטיקט, גרייט אויפ־צונעמען משפחות גאַנצע, נייע עולים. באַלד דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן בויען נאָך אַ שורה נייע הייזער — דעם „שיכון חסכון" פאַר אַלט־איינגעזעסענע, פאַר יונגע פּאָרלעך. איבער נאַכט איז מער נישט געווען צו דערקענען דאָס אַמאָליקע זאַמד־בערגל, אַ שטאָט אַ גאַנצע איז אויפגעקומען, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אויפלעבונג אויך אין דער אַלטער שכנותדיקער שכונה. אויך אין האַרץ ביי אונדזער ר' אברהם־משה האָבן זיך אָנגעהויבן וועקן האָפענונגען: נישט שייך, ביי אַזאַ נייע עדה יידן, בלי עין־הרע, וועלן זיך אוודאי אויך געפי־נען אַביסל נייע מתפללים פאַר זיין האַלב־פאַרלאָזטן בית־כנסת...

ווען אין איינעם אַ שבת האָבן פון די נייע שיכונים אַראָפּגענידערט עטלעכע יינגעלייט מיט קאַפּעלעך און טליתים אונטערן אָרעם, איז ר' אברהם־משה געשפּרונגען פון פרייד. ביים שוועל פון בית־כנסת האָט ער זיי אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם, ווי ער וואָלט אויף זיי געוואַרט נישט ווייניקער ווי אויף משיחן. די בשורה, אַז עס איז פאַראַן בשכנות אַזאַ שיינער בית־כנסת האָט זיך גיך פונאַנדערגעטראָגן איבער אַלע נייע שיכונים. יידן האָבן אָנגע־הויבן קומען נישט בלויז שבת. אויך אין די וואָכן־טעג זיינען אַריינגעפאַלן אַלץ מער מתפללים צו מנחה־מעריב, צו זאָגן אַ קדיש. אָפּרעדן וועגן אַ בר־מצווה...

דער פאַרלוירענער בטחון האָט זיך צוריקגעקערט צום אַלטן געפּרוּווטן ר' אברהם־משה. „לא אלמן ישראל" — מורמלט ער צו זיך אַליין ווען ער זעט דעם נייעם עולם, ווען ער קוקט ווי די

שול ווערט ווידער פול מיט מתפללים יעדן שבת. זיין קול ביים שטעלן זיך צום עמוד באַקומט צוריק דעם אַמאָליקן גלאַנץ, די האָפערדיקייט.

דעם לעצטן חודש אלול האָט ר׳ אברהם־משה מיטן נייעם ועד צום ערשטן מאָל, נאָך אַ הפסקה פון עט־לעכע יאָר, מכריז־געווען וועגן פאַר־קויפן „שטעט" אויף די ימים־נוראים, ווי אַמאָל. דערביי האָט ער אַרויסגע־שטעלט אַ ספּעציעלן פּרייז־קוראַנט: יידן וואָס דאַווענען אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, וויניקסטנס שבת, באַקומען די פּלעצער פאַר אַ פערטל פּרייז פון דעם וואָס אַזאַ „שטאָט" קאָסט פאַר אַזעלכע וואָס דאַווענען בלויז די ימים־נוראים. בייע עולים ווידער, די וואָס זיינען לעצטנס געקומען פון רוסלאַנד, זיינען אינגאַנצן באַפרייט פון אָפּצאָל. צו זיי האָט ר׳ אברהם־משה אַ ספּעציעלן יחס, ווי צו פאַרלוירענע ברידער, וואָס האָבן זיך צוריק אָפּגעפונען. „את אחי אנוכי מבקש" — זאָגט ער.

„אַ ייד טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון!" — זאָגט איצט ר׳ אברהם־משה מוסרט זיך אַליין און שעמט זיך דערביי מיט די מחשבות זרות, וואָס זיינען אים געהאַט באַפאַלן וועגן דער צוקונפט פון זיין בית־הכנסת, מורא־האָבנ־דיק אין אַ מאָמענט פון חולשת־הדעת אַז, חלילה, כלו כל הקיצין... ווי האָט ער געקענט בכלל צולאָזן צו זיך אַזאַ מחשבה? — חידושט ער זיך אויף זיך אַליין.

דעם לעצטן ראש־השנה האָט ר׳ אב־רהם־משה אַרויסגענומען פון פאַרגעסנ־קייט דעם אַלטן ניגון צום פּיוט פון מוסף אינעם יום־הזכרון, דעם האָפער־דיקן ניגון וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אין אַ חסידישן הויף אין זיינע קינדער־יאָרן, דעם ניגון פון „ויאתיו":

— „ויאתיו כל לעבדך, ויברכו שם כבודך" — אַלע וועלן זיי באַוויליקן דיך צו דינען, בענטשן דעם נאָמען פון דיין כבוד־וועגן" —

ד. פון דער ווייט אָבער נאָענט

גוט איז צו רעדן און שמועסן מיט די עולים, וואָס קומען איצט פון „דאָרט", פון אַזאַ ווייטער פאַר אונדז וועלט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אָפּגעריסנקייט, פון פאַרשטיקטן געשריי, וואָס איז קוים־קוים צו אונדז דערגאַנגען...

דאַכט זיך פרעמד, ווייט, אַן אַנדערע מענטאַליטעט, פון אַן אַנדערן רעזשים און לעבנסשטייגער — מיטאַמאָל זעסטו אָבער: לא היו דברים מעולם. אַלע איי־זאָלאַציע־רינגען זיינען פאַרשוווּנדן, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען.

דער „אחינו אתה" איז דאָ כלל נישט קיין מליצה, קיין באַנאַליטעט... דאָס איז פּאָרט די ריינסטע וואָר. זיי זיינען מיט אַלע אונדזערע מעלות און חס־רונות.

כ׳לעבן — אפילו אונדזערע פּאַרטייען מעגן זיין רואיק. אויך נאָכן קומען פון אַ סך צענדליקער טויזנטער וועט דער פּאַר־טייען־צוזאַמענשטעל זיין דער זעלבער. די עליה־כוואַליעס וועלן שטאַרקן אַלע פּלאַטפאָרמעס צוגלייך — פאַר די „טויבן" און פאַר די „שפּאַרבערס", פאַר די מי־נימאַליסטישע רודפי־שלום און פאַר די מאַקסימאַליסטישע „ארץ־השלימה"־ניקעס אין דער זעלבער מאָס כמעט, און הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן: „אויך אונ־דזערע קרומע קעפּ וועלן באַקומען זייער חלק...

מיט איין וואָרט: אַ ייד בלייבט אַ ייד, בפרט ווען ער באַפרייט זיך פון אויפגעצוווּנגענעם דענקען און זיין מוח ווערט פריי צום אייגענעם שכל און טאַט...

די היים

דערציילט אַן אַקאָרשט־געקומענער:

— די ערשטע טעג, ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד אַריין האָב איך זיך שטאַרק געוואונדערט ווי אַלץ איז דאָ אַזוי אַנדערש, הגם, דעם אמת געזאָגט — בין איך נישט אַזוי שטאַרק פאַר דעם אַלעמען, וואָס איז דאָ אַזוי אַנדערש. אַ סך אַנדערשקייטן געפעלן מיר פשוט נישט. איך וואָלט, למשל, מיט אַ גרינג האַרץ מוותר־געווען אויפן פאַרגעניגן בייצוווינען יענע נאַכט פון די פאַנטערעס אין ירושלים, ווען דו האָסט מיך געפירט ווייזן די „אַנדערשקייט" דאָ... ווי מען קען אפילו דאָ כוליגאַנעווען, ווי יידן שלאָגן יידן. מילא, אָבער ווער נאָך ווי איך ווייס, אַז ס׳איז נישטאָ און עס איז נישט מעגלעך קיין אידעאַלע וועלט? דאָ איז אָבער פאַראַן אַזוי פיל זאַכן צום באַוואונדערן וואָס זיינען נישט שכיח דאָרט, באַזונדערס דורך אַ ייד, אַזוי אַז אויך יענע נאַכט האָט נישט אין דער אמתן צופיל צעשטערט מיין פרייד פון זיין דאָ.

ובכן — איך האָב אַזוי לאַנג באַוואונדערט און געשטוינט פון די ספעציפישקייטן ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער טערמין פון אַרויסגיין פון „מרכז קליטה". איך האָב אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די אַמטן, זוכן אַרבעט, אַ דירה. מיטאַמאָל — כ׳גיב אַ קוק, כ׳בין דאָך אין דער אַלטער היים... — גיט צו מיין עולה מיט סאַרקאַזם. אָט הייסט מיר דער פקיד קומען מאָרגן. איך קום — און ער איז נישטאָ... ער פאַרגעסט היינט וואָס ער האָט מיר נעכטן צוגעזאָגט... דערצו זאָגט ער מיר נאָך מוסר, שפּילט אויף מיין פּאַטריאָטיזם...

„כ׳בין אין דער אַלטער היים" — דער זאָג פון דעם נייעם עולה הערט ביי מיר נישט אויף צו עקבערן אין מוח, ווייל ווער נאָך ווי איך ווייס זיין באַציונג צו יענער היים, וואָס איז פאַר אים אַלע יאָרן געווען אַ שטיפלאַנד און ווי ווייט ער האָט געשטרעבט פון דאָרט אַוועק. אין ישראל וויל ער דאָך געפינען זיין אמתע היים, לאָמיר־זשע אים העלפן וואָס פריער צו דערשפּירן די היים...

די באָבע מיטן אייניקל

די אַלטע וויערטשקאָ איז געקומען אין לאַנד אַריין מיט אַ זון און אייניקל. אויף די עלטערע יאָרן איז באַשערט נחת — צום ערשטן מאָל זעט זי דאָ אויך די קינדער פון איר טאָכטער פון איר ערשטן מאַן מיט וועלכן זי איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט יאָרן צוריק. די טאָכטער איז שוין לאַנגע יאָרן אין לאַנד און די מאַמע אירע האָט שוין ביי איר געטראָפן צוויי הי־געבוירענע „סאַברעס" — צוויי ייִנגלעך, איינער אין בר־מצווה־עלטער, דער צווייטער איז אַ חייל.

די אַלטע באָבעשי האָט סכנות ליב אירע „נייע" אייניקלעך — נישט ווייניקער ווי דעם זונס זונדל, וועלכן זי האָט אויסגעהאָדעוועט אויף אירע הענט, און אַ שטיק צוליב דעם האָט זי באַשלאָסן, אויף די עלטערע יאָרן, צו לאָזן זיך מיט דער משפחה אויף אַזאַ וואַנדער אין אומבאַקאַנטן לאַנד אַריין.

פאַראַן אָבער איין וואָלקנדל אין איר אומבאַגרענעצטער פרייד — דער פאַקט וואָס די „נייע", היגע, אייניקלעך זיינען גאָר רעליגיעז, טראָגן קאַפּעלעך, דער קליינער גייט אין אַ רעליגיעזער שולע. די באָבעשי פון „דאָרטן" קען דאָס נישט סובל־זיין. זי האָט הינטער זיך אַ היפּשן „רעקאָרד" פון „בעזבאָזשניקעס"־קאַמף נאָך פון די ערשטע יאָרן נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. זינט דעמאָלט האָט זיך אמת אויך ביי איר פיל געענדערט. נישט איין גלויבן אירער האָט זיך געבראָכן אונטערן דרוק פון די ביטערע לעבנס־דערפאַרונגען. ביי איין גלויבן איז זי אָבער עד היום געבליבן פעסט און שטאַרק, ביים גלויבן, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט.

זיצט דער קליינער בר־מצווה־בחורל און האַלט אין איין אײַנטענהנען מיט זיין באַבעשי מיט דער הילף פון די געציילטע יידיש־ווערטער וואָס ער קען:
— סבתא, ס'איז דאָ אַ גאָט, איך זאָג דיר — ס'איז דאָ! — — —
די באַבעשי שמייכלט מיט פאַרגעבונג. זי וויל אָבער נישט נאָכגעבן, בשום אופן נישט.
ביז —
ביז אין איינעם אַ טאָג האָט עפּעס פּאַסירט מיטן עלטערן אייניקל — דעם „חייל". פון זיין מיליטער־איינהייט האָט מען אים געבראַכט ערגעץ־ווו אין אַ שפּיטאָל נאָך אַ פאַרפאַל, ערגעץ אויף דער גרענעץ ביים דערפילן זיין פליכט.

פאַר די עלטערן איז דאָס נישט געווען קיין נייס. זיי האָבן אויך נישט ספּעציעל זיך איבערגענומען, בפרט אַז די וווּנדן זיינען צום גליק געווען לייכטע. דער פאָטער האָט בלויז געבענטשט גומל, וואָס דער זון איז אַרויס גאַנץ. און ווען דער חייל איז אין עטלעכע טעג אַרום אַהיימגעקומען אין שטוב, אַ גאַנצער, אַ געזונטער — און באַקומען אַביסל אורלויב, האָבן אַלע זיך מיט אים נאָך־טירלעך געפרייט. אויך די אַלטע באַבעשי איז אים געפאַלן קושן. דאָ האָט זי זיך אָבער אינגאַנצן „צוזאַמענגעבראָכן", אויסרופנדיק צו אַלעמענס שטוינונג:
— „יאָ... ס'איז דאָ אַ גאָט!...

אפרים שעדלעצקי

געבוירן אין 1922 אין מינסק־מאַזאָוויעצק ביי וואַרשע. אָנגעהויבן ווי אַ רעפּאָרטער אין דער פּאָפּולערער וואַרשעווער נאָכמיטאָג־צייטונג "היינטיקע נייעס". נאָך דער מלחמה געווען מיטגרינדער פון דער ערשטער צייטונג אין נאָכמלחמהדיקן פוילן "דאָס נייע לעבן". מיט־רעדאַגירט די ערשטע ציוניסטישע אויסגאַבע "איחוד". פון 1947 ביז סוף 1948 געווען נאַכט־רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג "אונדזער וואָרט", פּאַריז, עולה־געווען סוף 1948. איינער פון די רעדאַקטאָרן פון די ישראלדיקע ראַדיאָ־אוידיציעס אין יידיש. איינצייטיק באַדינט די גאַנצע יידישע פּרעסע אין אויסלאַנד מיט ישראלדיקן רעפּאָרטאַזש דורך אַרטיקלען־דינסט פון קרן קימת.



פראָפ' הערמאַן בראַנאָווער (פון דער סעריע: קעמפער פאַר עליה)
חיים אַראָנשטאַם

זאַמי פעדער

אַ יום־כּיפּורביים „אַדאָלף־היטלער־קאַנאַל״

מיר זיינען שוין געווען געוווינט, אַז אין יידישע ימים טובים זאָל מען אונדז שיקן אויף ספּעציעל שווערע אַרבעטן.

— דאָס איז — האָט מען אונדז געזאָגט — לכבוד דעם יידישן יום טוב אייערן.

נאָך דער שווערער אַרבעט אַן אַפּעל פון דריי שעה און דאַן... גימנאַסטיק, בכדי מיר זאָלן זיין „עלאַסטישער״ ביי דער אַרבעט און זיך קאָנען בעסער באַ־וועגן. אין דער גאַנצער צייט פון דער גימנאַסטיק האָבן די „עס־אַ״ און הילפס־פּאָליציי אונדז צוגערופן: „פּראָהעס פּעסט!! ...״ — און גלייכצייטיק אַראָפּ־געלאָזט זייערע שפּיצרוטן איבער אונדזערע קעפּ און פּלייצעס, מיט אַן אויסגעשריי — שנעלער יודע, שנעלער! דו קאָמסט זאָנסט צו שפּעט צום פעסט־עסן... פּאַרפלוכט!!!... הינלייגן!... אויפשטיין!... אויפשטיין!... — אַזוי לאַנג, ביז עטלעכע פון אונדז זיינען טאַקע געבליבן ליגן און קיינמאָל נישט אויפגעשטאַנען. — דערפאַר האָבן מיר געוואַרט אויך אין טאָג פון יום כּיפּור, מער אויפן ערדישן יום הדין, ווי אויף דעם הימלשן.

ס׳איז ערב יום כּיפּור פאַרנאַכט, אַ סך פרומע ביי אונדז עסן שוין נישט מער זייער „אָונט־ברויט״, מען באַהאַלט עס אויף מאָרגן אויף מוצאי יום כּיפּור. די ווייניקע פרומע כאַפּן שנעל אַריין דאָס, וואָס זיי האָבן, מאָרגן וועלן זיי שוין פאַסטן. אויך אַ סך נישט־פרומע באַשליסן צו פאַסטן. אַ קרענק די „יעקעס״ וועלן זיי אונדז שטערן און מען ווינטשט זיך, אַז מען זאָל אינגיכן זיין פריי און אויסגעלייזט פון גלות, פון אונדזערע שונאים. דאַן לאָזט מען זיך אַוועק דער־ציילן זכרונות פון דער היים... — „אַך ביי אונדז אין שטעטל יום כּיפּור וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן!... איך וויל שוין נישט רעדן פון די גוטע מאכלים, פון די גוטע פליייש־קרעפּלעך, וואָס מען האָט געגעסן ערב יום כּיפּור״.

נאָך דער לעצטער סעודה פלעגן מיר אַמאָל גיין פון שטוב צו שטוב מחילה־בעטן, דערנאָך האָט מען געזען אין דער שול־גאַס צוויי ווייסע לאַנגע שורות: איין שורה יידן און די צווייטע — ווייבער. די יידן אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען מיט יום־כּיפּור־ליכט און גרויסע מחזורים אין די הענט. — די ווייבער מיט ווייסע שאַלן אויף די קעפּ און פאַרוויינטע אויגן — און מען האָט זיך געווונטשן... אַלע אין באַראַק האָבן זיך שטיל פאַרטיפט אין די אייגענע מחשבות, דער־

מאַנענדיק זיך אַמאָליקע צייטן אין דער היים, וואָס זעען אויס, אַזוי ווייט...

דער דערציילער האָט שווער אָפּגעזיפּצט, זיך שטיל צעוויינט און אַנט־שוויגן געוואָרן. אין אַ ווינקל פון באַראַק האָט זיך לויט אַלע אמתע מאַראַנישע כללים, שטיל און האַרציק און מיט גרויס כוונה אָנגעהויבן „כל־נדרי". דער ניגון איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און העכער, פעסטער און זיכערער, אַזוי, אַז מען האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז מען געפינט זיך אין אַ היטלעריסטישן לאַגער און מען האָט גאַרנישט באַמערקט, ווי ביי דער טיר איז געשטאַנען דער עס־אַ לאַגער־פירער און האָט זיך אַלץ צוגעהערט. און ווען דער חזן האָט מיט פרייד, האַרציק־חזניש אויסגעשריגן: „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך", האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן שטויס אין דער זייט און דערהערט די שטימע פון לאַגער־פירער: „וואָס מאַכט איר דען דאָ?!"... איך ווייס נישט, ווי איך האָב דעמאָלט אויסגעזען, איך געדענק נאָר, אַז מיטן גאַנצן כוח האָב איך אויסגעשריגן: „אַכטונג! מעלדע 20 יודען ביים פאַסט־טאָג־געבעט".

אַלץ איז פּלוצים שטיל און פאַרשטייפט געוואָרן און געוואָרט דערשראָקן, וואָס וועט איצט געשען?... הינטער מיר, דערהער איך אַ שטיל שושקען זיך — „אַן עכטער יום כיפור, כ׳לעבן, ס׳וועלן נאָך זיין מלקות אויך".

דער לאַגער־פירער פרעגט מיך: — „וואָס בעטעט איר אייגנטליך צו אויערן ליבען הער גאָט, האַ!... דאָס וויר זאָלען דען קריג פערשפּילען, וואָס?... נאַ לאָס, אַנטוואָרטען זי! — און קלאַפּט מיר מיט דער בייטש איבערן פּנים — אַנטוואָרטען זי, יאַ אָדער ניין?!...".

—„אַז מיר זאָלן ווערן פריי — זאָג איך — בעטן מיר".

— „דאַראַוף בראַוכט איר דאָך נישט צו בעטען — איר ווערדעט זאָוויזאָ פריי — אין אויערער היימאַט, אין אוישוויץ, דאָרט ווערדעט איר אַלע פריי זיין... לאָס וויטער בעטען!..." — קיינער רירט זיך נישט — „ווייטער בעטען, האָב איך געזאָגט" — און איז אַרויס.

צומאָרגנס יום כיפור אינדערפרי — אַ גרויסער אַפּעל, דער לאַגער־פירער האַלט אַ גרויסע רעדע:

— „היינט, צו אייערן „פאַסט־טאָגפעסט" באַקומט אַ־יעדער פון אייך אַ טאָפּלטע ראַציע ברויט און אַ ספּעציעלע בונקער־זופּע. פאַסטן איז פאַרבאָטן און ווערט שטרענג באַשטראָפט, דאָס איז „סאַבאָטאַזש פאַן דויטשער אַרבייטסקראַפט". מיר וועלן זען ווער נישט ריכטיק אַרבעט, נאַ!!!... דעמאָלט האָט איר צום לעצטן מאָל געדאַוונט". — „די דאָרטן", — ווייזט ער אויף אונדז — „קאָמען הויטע צור בעזאָנדערער פערווענדונג". דאָס גאַנצע לאַגער האָט אַרויסמאַרשירט צו דער אַרבעט. און מיר, אונדזער גרופּע האָט געוואַרט אויף אונדזער היינטיקן גורל — „די בעזאָנדערע פערווענדונג".

אונדז צו היטן האָט מען מיטגעגעבן איינעם פון די ערגסטע רשעים־פּאָליציסטן. מיר האָבן אים גערופן דער „קוטשער" דערפאַר וואָס ער האָט געשלאָגן מיט אַ פורמאַנסקער בייטש, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן ביי

זיך און צו אונדז גערעדט ווי צו פערד: — „העטאַ, לאַופען! שנעלער, פאַרפלוכטע הונדע!“.

אַזוי האָבן מיר אַרויסמאַרשירט פון לאַגער צום אַדאָלף־היטלער־קאַנאַל ווו עס זענען געווען דורך אַ סאַבאָטאַזש־אַקט פון פאַרטיזאַנער צעריסן די שלוזן. צוואַנגס־אַרבעטער פון אַלע פעלקער פון די לענדער, וואָס היטלער האָט באַזעצט און קריגסגעפאַנגענע האָבן דאָרט געאַרבעט. די אַרבעט אונדזערע איז געווען די שווערסטע, טראָגן שטיינער און לאַדעווען ליים. די מיינסטע אַרבעט האָבן מיר געמוזט אויספירן לויפנדיק און די בייטש פון „קוטשער“ האָט זיך אַלע מינוט איינגעשניטן אין אונדזערע לייבער. ער האָט אָן אויפהער געשריגן:

— „מאַזעס, פאַרפלוכטער יודע, ווילסטו לאַופען, שנעלער, לאָס, וויאָ, העטאַ!!!“ — און אַ צי געטאָן מיט דער בייטש, אַ שמיץ איבערן פנים און איבערן לייב, אַז מיר האָבן באמת געפילט, אַז היינט איז אונדזער יום הדין. קוים דערלעבט דעם פייף פון מייסטער אויף פרישטיק־פויזע.

— „איינער פון אייך קאָן ברענגען קאַווע פון דער בודקע“ — האָט דער מייסטער געזאָגט. מיר האָבן אויסגעוויילט דעם עלטסטן ייד ביי אונדז, ווייל דער דאָזיקער אַלטער ייד איז געווען דער גרעסטער קרבן ביים „קוטשער“, זאָל ער גיין ברענגען קאַווע און זיך אַביסל אָפּרוען פון די קלעפּ. אָט דער אַלטער שלמה קאָרנגוט איז געווען אַ פרומער טשעכישער ייד, ער האָט אַמאָל געדינט אַלס אָפיציר אין קייזער פראַנץ־יאָזעפס אַרמיי און שטענדיק ליב געהאַט צו דערציילן זיינע העלדישקייטן און וויפל אויסצייכענונגען ער האָט באַקומען פון פראַנץ־יאָזעפן אַליין. ער האָט טאַקע זיך שטענדיק געהאַלטן מעשה־זעלנער אין שריט און אין מאַרש, נאָר דאָ איז ער געווען צעבראָכן, קוים געשלעפּט זיך פון שווערער אַרבעט און קלעפּ. ער איז אַוועק ברענגען קאַווע.

דערווייל איז אָנגעקומען דער לאַגער־פירער מיטן זייער טרויעריק באַרימטן עס־עס אָבערשטורמבאַנפירער מאַיאָר לינדנער, וואָס האָט „אויסגעזידלט“ אַ העלפט פון פוילישן יידנטום, דער שעף איבער אַלע יידן־לאַגערן. פאַר אים האָט יעדער געציטערט אימת מות, נישט בלויז יידן, ער האָט פאַר דער קלענסטער עבירה געשיקט קיין אוישוויץ אין גאַז. זיינע שטענדיקע ווערטער זיינען געווען: —

„איר באַנדיטן, איר קומט אין אייערע „היימאַט“ קיין אוישוויץ, דורך דעם טויער אַריין און דורכן קוימען אַרויס!“ — אַפילו די עס־אַ־וואַך האָט פאַר אים געציטערט. און יעדער פון זיי האָט טאַקע געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז אויפן פאָסטן און מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן!...

מיר זיצן אַלע אויף דער ערד, אָבער קיינער עסט נישט... לינדנער רופט דעם מייסטער און פרעגט, פאַרוואָס מיר באַקומען נישט קיין קאַווע — „אָרדנונג מוז זיין“. דער מייסטער ענטפערט, אַז ער האָט שוין געשיקט אַ ייד קאַווע ברענגען פון בודקע, וואָס געפינט זיך דרייהונדערט מעטער פון דאַנען. לינדנער און דער לאַגער־פירער וואַרטן... מיר מאַכן זיך לאַנגזאַם אויספּאַקן אונדזערע ברויט־ראַציעס, אָבער קיינער עסט נישט. דער לאַגער־פירער באַמערקט דאָס, ער

שרייט צו אונדז: — „פּאַרוואָס „פּרעסט" איר נישט — איר פאַסט?"...

— „מיר וואַרטן אויף קאַווע" — האָט איינער פון אונדז געענטפערט.

לינדנער ווערט אומרויק און שרייט: — „וואָ איזט דער ד.ק־יודע מיט דעם קאַפע?!. דער מייסטער זאָגט צו מיר: „לויף שנעל זען, וואָס ס'האָט פּאַסירט, ווייל די פרישטיק־פּויזע איז באַלד געענדיקט, זי דויערט 10 מינוט".

איך לויף נישט־טויט נישט־לעבעדיק צו דער בודקע. איך ציטער פאַרן אַלטן: דער „קוטשער" וועט אים היינט פּאַרטיק מאַכן מיט דער בייטש. איך קום צו דער בודקע, רייס אויף די טיר — שטייט שלמה קאַרנגוט מיטן פּנים צו דער וואַנט און... שאָקלט זיך און קלאַפּט זיך אין האַרצן מיט געוויין: — „אוי, אוי, אוי!!!... על חטא שחטאנו לפניך באונס וברצון — אוי, געוואַלד! געוואַלד! ווייַ און וויי ... אוי, על חטא שחטאנו לפניך"... — איך בין שוין געבליבן, נישט געקאָנט אַרויס־ברענגען קיין וואָרט, אָבער דערמאָנענדיק זיך אין לינדנערן, בין איך באַלד געקומען צו זיך און האָב שטיל געזאָגט: — ר' קאַרנגוט, ווו איז די קאַווע?... קוקט ער מיך אָן און ענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ: „עך, עך, נו, יום־כיפור!... און זאָגט ווייטער — על חטא שחטאנו... איך שריי שוין שטאַרקער — ר' קאַרנגוט, דערבאַרעמט אייך, קומט מיט דער קאַווע, לינדנער איז דאָ!!!" — קאַרנגוט האָט מיך אָנגעקוקט דערשראָקן, נישט גלויבנדיק, און געשאָקלט מיטן קאָפּ זאָגנדיק: — „אָך, אָך, נו, יום כיפור!..." דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז אין יום כיפור זאָל איך מיר אָזעלכע שרעקלעכע געלעכטערלעך נישט מאַכן און האָט וויי־טער געזאָגט על חטא... איך בין געבליבן פאַרצווייפלט. זיי וועלן אים דער־הרגענען. איך הייב זיך אָן שווערן, אַז איך בין טאַקע נישט קיין פרומער, אָבער גלויבט מיר, ווי היינט איז יום כיפור, אַז לינדנער איז אויף דער בוישטעלע. דער־ווייל הערט מען פייפן — אויס פרישטיק. קאַרנגוט מאַכט אַ קליינע פּויזע, קוקט מיך אָן און זאָגט רעזיגנירט: — „גייט צוריק און זאָגט, אַז איר האָט מיך נישט געפונען. איך וועל זיך באַהאַלטן, געפינען זאָלן זיי מיך ערשט אין אָוונט, ווייל שיסן זאָל מען מיך נאָך נעילה — און הויבט אָן מיך אַרויסשטופּן פון דער בודקע — גייט שוין, גייט!". — „ניין", — זאָג איך, — אָן אייך גיי איך נישט, מען וועט שוין עפּעס מאַכן, ס'זאָל גוט זיין". דרויסן זענען געשטאַנען פּעסער מיט סמאָלע אויף צו שמירן דעכער. איך האָב גענומען אַ טאָפּ מיט סמאָלע און פאַרשמוצט קאַרנגוטן, ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. „און איצט — זאָג איך — נעמט די לערע קאַן און קומט. — ער האָט מיך געפאָלגט און איז געגאַנגען. — זאָגט, — זאָג איך צו אים — אַז איר זייט געפאַלן, אויסגעגליטשט זיך און אויס־געגאָסן די קאַווע." ס'האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, וואָס וועט געשען?...

מיר קומען אָן, דער „קוטשער" איז געשטאַנען מיט דער בייטש אונדז מקיים־פּסק צו זיין, אויך דער לאַגער־פירער האָט געביסן די ליפּן און געוווּנקען, אַז מיר זאָלן שנעלער לויפן.

איך בלייב שטיין. קאַרנגוט לויפט צו ביז 3 מעטער פאַר לינדנערן, שטעלט זיך אָפּ, ציט זיך אויס ווי אַ סטרונע און שרייט:

— „דער געוועזענער ק.־און־ק.־אָפיציר * פון דער געוועזענער עסטרייכישער קייזער און קעניגלעכער אַרמיי, סאַלאָמאָן קאָרנגוט, מעלדעט געהאָרכזאַמסט, דאָס ער מיט דעם קאָפּע אויסגערוטשט און הינגעפאַלען איסט!״ לינדנער האָט זיך אויסגעדרייט און האָט זיך צעלאַכט און מיר האָבן אַלע געמיינט, אַז עס איז שוין גוט, דאָ האָט זיך דער „קוטשער״ אָנגערופן: — „הער אָבערשטורמבאַנפירער, די יודען זינד שווינדלער, די פאַסטען הויטע. הע, איר יודען־באַנדע, צייגט אויער פּוטער הער!״... דאָס האָט געהייסן מיר זאָלן ווייזן אונדזערע ברויט־ראַציעס. אַלע האָבן געאַרבעט און קיינער האָט זיך נישט געמאַכט הערן. ער איז צו מיט אַ רציחה צו קאָרנגוטן און אָנגעהויבן שלאָגן, און אינגאַנצן צעוויל־דעוועט איז ער צו צו די אַנדערע און די בייטש איז געפלויגן, מיט פייף דורכ־געשניטן די לופט איבער אונדזערע קעפּ און זיך איינגעשניטן אין אונדזערע לייבער. אויך אין אַזאַ צייט האָט קיין גאַלגן־הומאָר נישט געפעלט. אַ חבר לעבן מיר זאָגט שטיל: — איצט האַלט ער ביי ונתנה תוקף, אוי, מי באַרבעט ומי בבייטש״... — דער לאַגער־פירער האָט געוווּנקען אויפצוהערן שלאָגן און זיך צו אונדז געוואָנדן:

— „אַלעס מאַל הערהערן! — די ברויט־ראַציעס ווערן זאָפאָרט צוריק־געגעבן, ווער פאַסטן וויל, קאָן רואיק פאַסטן, אָבער דריי טעג לאַנג באַקומט איר נישט צו פרעסן, אַרבעטן מוזט איר טראָצדעם ביז... איר ווערט די פיס אויס־ציען... פאַרשטאַנען?!״...

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, מיר האָבן אָפּגעגעבן די ברויט־ראַציעס, גענומען די שפּאַדלעס, איינגעשניטן אין ליים און געוואָרפן אויף די וועגעלעך.

— שווער געווען דער טאָג.

אין אָוונט האָט זיך די וואָך געביטן. עס איז געקומען אַ מער אָנשטענדיקער פּאָליציסט. ער האָט אונדז נישט געשלאָגן, ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן: „וואָס האָט איר געטאָן, וואָס מען באַשטראָפט אייך אַזוי שטאַרק מיט הונגער־טויט?...״.

עס האָט זיך געשטעלט אַ הערלעכע לבנה־נאַכט.

— יידן, — האָט זיך איינער אָנגערופן, — מען קאָן שוין מחדש־לבנה־זיין, מ׳זעט שוין שטערן. —

אַ צווייטער האָט געזאָגט: — מ׳מעג שוין עסן!... —

דערווייל האָט מען געלאָדן די וועגעלעך, וואָס זענען אַלע 15 מינוט אונ־טערגעפאָרן. פלוצים האָט דער ייִנגסטער ביי אונדז (15 יאָר) זיך צעוויינט. ער קאָן נישט מער. אַ גאַנצן טאָג הונגער און אַזאַ שווערע אַרבעט. — „זאָל מען מיך שיסן!״ — האָט ער געבעטן וויינענדיק. — עס האָט אַלעמען געשניטן ביים האַרץ. מיר האָבן פאַרגעסן אונדזער אייגענע פּיין, אָבער וואָס טוט מען פאַר אָט דעם יונגען, צאַרטן בחור? (אגב איז דאָס געווען אַ מיידל. דעם סוד האָב איך

*) קייזער און קעניגלעכער אָפיציר.

אַליין געוווּסט. דריי טעג שפּעטער האָט מען אַוועקגעשיקט יוגנטלעכע פון אונ־דזער לאַגער און מיט זיי האָט מען אויך דאָס מיידל אַוועקגעשיקט).

אַזוי ווי איך רעד גוט דייטש, האָב איך געבעטן דעם מייסטער און אויך דעם פּאָליציסט, אַז זיי זאָלן מיר דערלויבן צו גיין אין בית כסא, וואָס איז געווען אָפּגערוקט אַ הונדערט מעטער פון אונדז. זיי האָבן מיר דערלויבט.

אַ פּאָר הונדערט מעטער פון אונדז האָבן געאַרבעט ענגלישע קריגס־געפאַנ־גענע סאָלדאַטן און אַנדערע ציווילע פון פאַרשיידענע לענדער. איך האָב גע־קלערט זיך צוצוגנבענען צו זיי און בעטן עפּעס עסן פאַרן קליינעם „יאָט" אונדזערן. אויפן וועג האָב איך געטראָפן אַ פּאָליאַק. איך פרעג אים — אַוווּ אַרבעטן דאָ די ענגלענדער? — זאָגט ער צו מיר: „ביסט אַ זשיד?" — זאָג איך, אַז יאָ. — ווייזט ער מיר, אַז אָט דאָ אַרבעטן די ענגלענדער און אַ שטיקל ווייטער אַרבעטן ענגלישע יידישע געפאַנגענע סאָלדאַטן. איך בין געבליבן שטיין פאַרגאַפט — יידישע סאָלדאַטן?... אָבער ווי אַזוי קומט מען צו זיי?... אויב די זעלנערישע וואַך וועט מיך דאַרטן זען, קום איך נישט מער צוריק. איך ווער באַלד אויפן אָרט דערשאָסן. איין אויסוועג איז דאָ, אָבער דאָס מוז שנעל געשען, לענגער ווי 10 מינוט טאָר איך זיך נישט זוימען. ווען איך האָב איצט אַ זעלנערישן שינעל, אָבער ווו נעמט מען אים?... נאָר אָט זע איך ווי ענגלישע סאָלדאַטן לייגן אַוועק זייערע מאַנטלען אויף אַן אונטערגעשניטענעם בוים און גייען אַ פּופציק מעטער ווייטער צו זייער אַרבעט. איך בין שנעל צו צו דעם אָרט, אָנגעטאָן אַזאַ מאַנטל, דעם קראַגן אויפגעשטעלט, אַריין אין זעלנערישן בית כסא. דאָס בית כסא איז געווען איינגעטיילט: איין זייט פאַר ענגלישע סאָל־דאַטן און די צווייטע זייט פאַר יידישע. פון דרויסן האָט זיך געהערט די קאָמאַנדאָ־רופן פון די דייטשע מייסטערס, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט אין העברעאיש — „קדימה", „יחד", אחת, שתים, שלש... פאַרוועַרטס!... לאָס!... קדימה!... אָבער די יידישע זעלנער האָבן זיך נישט געאײלט, נישט מורא געהאַט פאַר די דייטשן אַזוי ווי מיר. זיי האָט מען נישט געטאָרט שלאָגן, פּאַרט ענגלישע סאָלדאַטן. איך קוק אַריבער אויף דער צווייטער זייט און איך זע, ווי אייניקע יידישע סאָלדאַטן שטייען, רויכערן און שמועסן אין העברעאיש. איך רוף שטיל:

— יהודים, שלום! — זיי קוקן מיך אָן פאַרוווּנדערט און איינער ענטפערט מיר:

— שלום. — נאָר אַ צווייטער זאָגט צו אים — „שתיקה!" — שווייג, ענטפער נישט, אַ דייטשער שפּיאָן אַוודאי, וואָס קאָן אַביסל העברעאיש און יידיש. איך זאָג: — נישט אמת יידן, כ'בין אַ ייד!!!... — אַ ייד פון פּוילן, כ'בין נישט קיין סאָלדאַט, כ'מאַך אויף דעם מאַנטל און כ'ווייז זיי מיין געלן מגן־דוד, דעם „יודען־שטערן". איינער פון זיי איז אַרויס און צוריק קומענדיק מיטגעבראַכט זייערן אָפיציר, וועלכער האָט מיך געפרעגט צי איך רעד העברעאיש, ווייל בעסער רעדן העברעאיש, ווי יידיש, מען זאָל נישט פאַרשטיין וואָס מיר שמועסן. אָבער באַלד האָט ער מיר דערציילט אין אַ זאַפטיקן יידיש, אַז זיי זיינען פון ארץ־ישראל, מען האָט זיי אין געפאַנגענשאַפט גענומען אויפן אינדזל קרעטאַ.

מיט וואָס קענען מיר העלפן? — האָט ער מיך געפרעגט — און איך האָב אים אַלץ דערציילט.

ער איז אַרויס. נאָך אַ פּאָר מינוט איז ער צוריקגעקומען, מיטברענגענדיק אַ זעלנעריש לעבל ברויט, ציגאַרעטן, שאָקאָלאַד, טיי און זייף. „נאַ, נעם דאָס דערווייל, און זאָג דיינע־אונדזערע חברים — בלי יאוש... יהיה טוב...״ איך האָב נישט געקאָנט ענטפערן. איך האָב זיך צעוויינט. איך האָב ביז איצט געהאַט געגלויבט, אַז עס איז שוין נישטאָ מער קיין מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל אונדז קענען העלפן. איך האָב מיינע הויזן פאַרבונדן מיט שטריקלעך, צעשניטן ס׳ברויט און זיך אַרומגעפּאַקט. צוריקקומענדיק, האָב איך דעם פּאָסטן אָוועקגערופן אין אַ זייט און אים געזאָגט, אַז איך האָב געפונען אַ שאַכטל ענגלישע ציגאַרעטן און אַ טאָוול שאָקאָלאַד און איך וויל אים דאָס געבן. אויך דאָס זעלבע דעם מייסטער און מען האָט אונדז נישט מער אין דער נאַכט געיאָגט ביי דער אַרבעט. מיטן רעשט האָבן מיר זיך צעטיילט.

איינס אַזייגער ביי נאַכט זע איך, ווי עס דערנענטערט זיך צו אונדז עפּעס אַ שאָטן און רופט: „חברה, קען מען קומען צו אייך?״. איך בין צו צו מיין וואַך־פּאָסטן און געזאָגט — הער וואַכטמייסטער, וואָלט זי ציגאַרעטן האָבן? — ער האָט מיך פאַרשטאַנען... דער חבר איז געקומען מיט אַ וועגעלע, אין וועלכן עס איז געלעגן שטיינער און ערד און אונטן — ברויט, מאַרמעלאַדע, די גאַנצע יום כיפּור׳דיקע טאָג־ראַציע פון זייער גאַנצער גרופּע האָבן זיי מנדב געווען פאַר אונדז, אַ חוץ דעם אַ פּאָר רויטער־קרייץ־פּעקלעך, מען האָט גע־מוזט זיך צעיילן, ווייל די וואַך קען זיך טוישן, דעמאָלט איז ער אַ פאַרלוירע־נער. מיר האָבן שנעל אויסגעגראָבן אַ גרוב, דאָס אַלץ אַריינגעלייגט.

זיך צעקושט און געזעגנט.

✶

איר שטאָלצע, געוועזענע יידישע געפאַנגענע סאָלדאַטן פון ארץ־ישראל אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן געאַרבעט ביים „אַדאָלף־היטלער־קאַנאַל״ — אייער גרויסע הילף, וואָס איר האָט אונדז דעמאָלט געגעבן און אייערע האַרציקע און שטאַרקע טרייסט־ווערטער: בלי יאוש!... יהיה טוב... ס׳וועט גוט זיין חברה!... קלינגען מיר נאָך היינט אין די אויערן, איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַליין געפאַנגענע, האָט איר אָוועקגעגעבן אייערע טעגלעכע ראַציעס — טויזנטער ציגאַרעטן, שאָקאָלאַד, טיי, פעטס, וועש און נאָך זאַכן, וועלכע זיינען דעמאָלט פאַר אונדז געווען פאַנטאַסטיש. איר האָט טויזנטער מאָל איינגעשטעלט אייערע לעבנס, בכדי אונדז צו העלפן און נישט איין מאָל אָפּגעראַטעוועט אונדז און מיך בתוכם.

דעמאָלט האָב איך אָנגעשריבן אַ דאַנק־ליד פאַר די ישראלדיקע סאָלדאַטן. נאָך דער מלחמה, האָט עס שלמה סלודש־סלע אַריינגעגעבן אין זיין בוך „בכבלי השבי״ (יומנו של חייל עברי בשבי הנאצים 1940—1945), „מן המוקד״ — הוצאות „עם העובד״ — „דפוס דבר״, תל אביב תש״ו.

און דאָס איז דאָס ליד:

חבר, נעם אָן מיין דאַנק
און זיי געשטאַרקט.
דו האָסט מיין הארץ געהיילט
פון ווייטיק
און מיין האָפענונגסלאָזיקייט — אַ טרייסט געגעבן
נעם אָן מיין דאַנק, חבר,
איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.
דו, וועלכער ביסט געקומען, ווי אַ מלאך פון הימל,
אַליין געבונדן אין קייטן — פאַרשמאַכט,
און צו מיר געשמייכלט — הארציק געלאַכט
און אין מיין צעוויטיקטער נשמה — חיות אַריינגעבראַכט,
בלייב, געשטאַרקט, מיין חבר,
דיין שטאַרקייט האָט ליכטיק געמאַכט
אונדזערע פינצטערע טעג.
איך האָב דאַן געוויינט און געלאַכט
ווען דו האָסט מיך שמייכלענדיק געטרייסט:
„הכל יהיה בסדר", „בלי יאוש"
נעם אָן מיין דאַנק, מיין חבר
מיט כבוד בויג איך דעם קאָפּ פאַר דיר
בלייב שטאָלץ און מוטיק, אַזוי ווי דו ביסט,
און ווער קיינמאָל נישט מיד —
דו שטאָלצער, גרויסער ייד!

ערענפאָרסט 1942

זאַמי פעדער

געבוירן אין זאַוויערצע, אויף דער אַמאָליקער פּויליש־דייטשער גרענעץ, אָבער אין עלטער פון 10 יאָר קומט ער קיין פראַנקפורט אַם מיין, ווו ער איז פון יונגן עלטער אַקטיוו אינעם יידישן קולטור־לעבן, באַזונדערס צווישן די עמיגראַנטן פון מזרח. ער ווערט דער אָרגאַני־זאַטאָר און מיטאַרויסגעבער פון דער יידישער צייטונג „נייע צייט", שטודירט טעאַטער אין בערלין. אין 1933 פאַרלאָזט ער היטלער־דייטש־לאַנד און קומט קיין פּוילן. איז טעטיק אין פאַרשידענע טעאַטער־קרייזן פון וואַרשע, און שפּעטער — זאַגלעמביע. די מלחמה־יאָרן לעבט ער איבער אין נאַצישע טויט־לאַגערן, פירט אָן מיט אַ טעאַטער־טרופּע פון בערגען־בעלזען אויך נאָך דער באַפרייונג, און גיט עטלעכע אויפ־פירונגען אין אַ ריי שטעט פון מערב־אייראָפּע. עולה־געווען אין 1962.

משה זיגלער

צום אנדענק פון די גח״ל־העלדן

(גיוס חוץ־לארץ)

ווי נאָר די „אונא״ האָט אין 1947 אָנגענומען דעם חלוקה־פלאַן, האָט זיך די ידיעה בליץ־שנעל פאַרשפרייט איבער אַלע יידישע פליטים־לאַגערן אין עסטרייך, דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיי און איבערהויפט אין איטאַליע, ווו מיר האָבן געפירט די העפלה־ און עליה־אַקציעס. שווער איבערצוגעבן די פרייד, וועלכע האָט אַרומגעכאַפט די יידן פון דער שארית־הפליטה. יונג און אַלט פון אַלע באַראַקן און „די־פי״־לאַגערן האָבן געטאַנצט און געיובלט אונטערן פרייעם הימל, מזל־טוב זיך ווונטשן. די רעשטלעך פון די מיליאָנען אייראָפעאישע יידן האָבן זוכה געווען צו דער גאולה. דער „עוד לא אבדה תקותנו״ האָט נישט פאַרפירט. עס פלאַטערט שטאָלץ די בלוי־ווייסע פאָן. דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן אַ פריי פאָלק. מיר אַלע האָבן דערפילט דעם איבערגאַנג פון „משעבוד לגאולה״.

אָבער נישט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן אונדזער פרייד. עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען שלעכטע ידיעות פון ארץ־ישראל. די אַראַבער האָבן דערקלערט דעם יידישן ישוב אַ פאַרניכטונגס־מלחמה און עס פאַלן שוין קרבנות אין די קאַמפן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר מוזן אַצינד זיין דאָרט, קעמפן צוזאַמען מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער, צוזאַמען מיטן גאַנצן ישוב אין לאַנד, און מיר האָבן אויסגערופן אַ מאָביליזאַציע פון דער יוגנט צו הילף דעם קעמפנדיקן ישוב אין ישראל.

אַזוי זיינען אין סוף דעצעמבער 1947 געגרינדעט געוואָרן צווישן דער שארית־הפליטה־יוגנט, די ערשטע גרופעס פון גח״ל. אין אַלע לאַגערן האָט די יוגנט זיך מאָביליזירט צום קאַמף צוזאַמען מיט דער הגנה, פלמ״ח. מיר האָבן אויך מאָביליזירט געלט־מיטלען דורך פאַרקויפן געזאַמלטע אָדער אונדזערע אייגענע פראָדוקטן.

צווישן אונדז זיינען געווען קעמפער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרטיזאַנער, אָדער געוועזענע זעלנער פון די רעגולערע אַרמייען אין פוילן, טשעכיע, אונגאַרן, רומעניע, עסטרייך און דג״ל. מיר האָבן זיך אויך אָנגעהויבן איינשאַפן געווער געהיים און די אַקציע איז אָנגעגאַנגען מיטן פולן ברען.

די ערשטע שיפן מיט גח״ל־לייט האָבן אָנגעהויבן אָפשווימען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל, אָבער נישט אַלע האָבן געהאַט דאָס מזל דורכצורייסן זיך דורך דער שטאַרקער ענגלישער בלאָקאַדע און פיל פון זיי זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין קפריסין (ציפערן).

דעם שרייבער פון די שורות מיט נאָך 800 יוגנטלעכע איז געלונגען נאָך גרויסער מי, זיך דורכרייסן מיט דער „ודמה״־שיף צום עכו־פאָרט. מיר זיינען

גלייך צעשיקט געוואָרן אויף די פראָנטן,
ווייל מיר האָבן געבראַכט מיט זיך גע־
ווער. איך האָב געהערט צו דער קאַנאָ־
נען־אָפּטיילונג.

ס׳איז נישט געווען קיין איין קאַמפּס־
אָפּשניט, אין וועלכן די מענטשן פון
גח״ל זאָלן זיך נישט באַטייליקן. זיי
האָבן אָנטיילגענומען אין די טראַנס־
פּאָרטן צו דער אַרומגערינגלטער ירוש־
לים, אין עפענען דעם וועג צום אָפּגע־
שניטענעם נגב, ביי אודזשאַ אל־חפיר,
אין קאַמף מיט אַבדול נאַצערס גרופּע,
וואָס האָט זיך פאַרבאַריקאַדירט אין דער
פּאָליציי־סטאַנציע ביי פאַלודזשאַ (ווו
ס׳איז געפאַלן אַ גח״ל־יוגנטלעכער, וואָס
מיר האָבן וועגן אים גאָרנישט געוווסט,
אויסער דעם, אַז ער הייסט „וואַנקאַ״),
אין די קאַמפן נעבן בית־ספר כדורי,
נעבן לוביע און סעדזשעראַ (ווו בן־גוריון
האָט געאַרבעט), ביי די טויערן פון
ירושלים, פאַר רמלה, לוד, הר־טוב און
אין דער שרעקלעכער שלאַכט ביי לאַט־
רון, ווו זייער פיל זיינען העלדיש גע־
פאַלן.

מיר זיינען געווען איינצלנע פון גאַנ־
צע משפחות, וועלכע היטלער האָט אומ־
געבראַכט. קיינער פון אונדז האָט קיי־
נעם נישט געהאַט. זעלטן־ווער ס׳האָט
געהאַט אַ ווייטן צי אַ נאָענטן קרוב דאָ
אין ישראל. מיר אַלע האָבן גוט גע־
ווסט וואָס גלות הייסט. מיר האָבן אויך
גערעדט אויף פאַרשידענע לשונות, אַ
חוץ העברעאיש. זייער פיל האָבן גע־
רעדט יידיש. נאָר אַלע האָבן מיר זיך
געפילט ווי קינדער פון איין משפּחה,
פון איין טאַטע־מאַמע, פון איין פאָלק,
און ווי אַזעלכע האָט מען אונדז האַרציק
אויפגענומען, ווען מיר האָבן דורכמאַר־
שירט פאַרביי יידישע ישובים, קיבוצים,
מושבים, טראָגנדיק אונדז אַנטקעגן פון
אַלעם גוטן.

אַזוי האָט די יוגנט פון דער שארית־
הפליטה — די איבערגעבליבענע פון די
גאַז־קאַמערן, פון די געטאָס, פון די
וועלדער, פון די סיביר־פאַרשיקטע, פון
די אָפּגעראַטעוועטע פון די טייגעס —
מיט זייער אייגן בלוט אַריינגעשריבן
אַ ניי גאָלדן בלעטל אין דער יידישער
געשיכטע ביים אויפקומען פון דער
יידישער מדינה. אפילו די נעמען פון
דעם רוב געפאַלענע זיינען אונדז גע־
בליבן אומבאַקאַנט. אָבער זייער גבורה
און זייער קרבן פאַר דער יידישער
מדינה וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן
ווערן. זייער געביין רוט אויפן הר־הרצל.

קום איך דאָ צו זיי אויף אַ באַזוך.
גיי לאַנגזאַם צווישן די שורות, לייג
בלומען אויפן קבר פון די, מיט וועלכע
איך האָב צוזאַמען געקעמפט, און איך
דערציייל זיי, ווי די יידישע מדינה האָט
זיך אַנטוויקלט, ווי די ערטער, פאַר
וועלכע מיר האָבן געקעמפט, זיינען
היינט באַזעצט מיט יידן און עס ברויזט
דאָרט אַ יידיש לעבן, עס שפּילן זיך
קינדער נעבן היימען און שולן, עס בליען
די פעלדער און עס שמעקן מאַראַנצן־
ביימער.

פלוצעם דערהער איך אַ געוויין. אַן
עלטערע פרוי, איינגעהילט אין אַ
שוואַרצער שאַל, טונקל געקליידעט,
שטייט איבער אַ קבר און וויינט. אירע
מוטער־טרערן טריפן אַראָפּ אויף דעם
מצבה־שטיין, קייקלען זיך אַראָפּ צו דער
ערד, וועלכע זאַפּט זיי איין אין זיך.

ביי אַן אַנדער מצבה, זע איך, שטייט
אַ ייד און זאָגט תפילה אויף אַ קול
איבערן קבר פון זיין העלדישער געפאַ־
לענער טאָכטער, וועלכע האָט זייער אַ
סך אויפגעטאָן פאַר ירושלים, ווען די
שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט. זי
פלעגט אין די פינצטערע נעכט קלעטערן
איבער די בערג, צווישן שמאָלע געדריי־
טע סטעזשקעס, טראָגנדיק שפּייז און
אַמוניציע פון תל־אביב קיין ירושלים.

און אָט איז דער ברודער־קבר אין
דער פאָרם פון אַ באַסיין, פון וועלכן עס
סטאַרטשען אַרויס טאָוולען מיט אויפ־
שריפטן. דאָס זיינען נעמען פון געפאַ־
לענע העלדן, וועלכע זיינען אומגעקומען
אויף אַ מיליטערישער ענגלישער שיף,
וועלכע האָט אין דער צווייטער וועלט־

מלחמה געקעמפט קעגן די היטלעריסטן.

עס איז 25 יאָר פון זינט די יידישע מדינה איז אַנטשטאַנען. זייער אַ טייערן פרייז פון יונגע לעבנס — זין און טעכ־טער — האָט דאָס יידישע פאָלק פאַר איר באַצאָלט און עס צאָלט נאָך ווייטער.

ווענן דעם דערציילן די לאַנגע שורות מצבות...

זייער קרבן פאַר דער יידישער מדינה וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן. זייער הייליקער אָנדענק וועט איבערגיין פון דור צו דור.

זיגלער משה

געבוירן אין 1914 אין סאַסאָוו, מזרח־גאַליציע. דאָס ערשטע אַרטיקל אָפּגעדרוקט אין לעמבערגער "דער מאָרגן", 1929. זינט דע־מאָלט מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע צייטונגען פון פאַרמלחמהדיקן פוילן. די מלחמה איבערגעלעבט — פריער ביים דייטש אין קראָקע און לסוף אין ווייטן צפון ביי די רוסן. נאָכן קריג געווען טעטיק אין דער פרעסע פון דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד און איטאַליע. פון די גרינדער פון "גח"ל" (גיוס חוץ־לארץ) אין איטאַליע. אין 1948 עולה־געווען מיט אַ גרופּע פון אַכט הונדערט מאָביליזירטע און זיך באַטייליקט אין די קאַמפן פון באַפרייונגס־קריג. זינט דעמאָלט אַ תושב אין ירושלים. באַטייליקט זיך אין פאַרשידענע צייטונגען אין לאַנד און אויסלאַנד.

ד"ר ע. פריש (פון דער סעריע קעמפער פאַר עליה) — חיים אַראָנשטאַם

דב סדן

מזל תאומים

(צום גאַנג פון גראַם: צווילינג — פרילינג)

א.

אין צוויי פאַרשיידענע יידיש־לידער פון חיים נחמן ביאַליק חזרט זיך איבער אַ גראַם־פּאָרל, וואָס איז, טאַקע מכוח זיי, געוואָרן אַ שם־דבר, און האָט אויסגעצייטיקט כלערליי ניואַנסירטע באַנוצן אין דער יידיש־פּאָעזיע. איין מאָל האָבן מיר עס אין ביאַליקס יידיש־איבערזעץ פון זיין אייגענער העברעישער פּאָעמע, אין „שחיטה שטאָט" ווו עס הייסט:

דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ
צווילינג אַ שחיטה מיט אַ פרילינג

און איין מאָל אין זיין יידיש־ליד „ערב פרילינג", ווו עס הייסט:

עפּעס איז די לופט מעוברת,
און אַ פּנים מיט אַ צווילינג;
כאַפּט אַ פרעסטל — דוכט זיך ווינטער,
בלאָזט אַ ווינטל — דוכט זיך פרילינג

מיר האָבן נישט געזאָגט: דאָס ערשטע מאָל און דאָס אַנדערע מאָל, ווי די כראָנאָלאָגיע פון די שאַפונגען וואָלט עס מחייב געווען — איז דאָך די „שחיטה שטאָט" טעמאַטיש געבונדן מיטן קישענעווער פּאָגראָם (1903), בשעת „ערב פרילינג" האָט צו טאָן מיט דער אַטמאָספער פון דער רוסישער רעוואָלוציע (1905); מיר האָבן געזאָגט: איין מאָל און איין מאָל, ווייל די שאַפונגען זיינען אַפּנים צום לייענער דערגאַנגען אין אַ פאַרקערטן סדר.

ב.

ווען מיר צוערשט פרוון בודק זיין וויאַרום איז ביאַליק, ווי אַן איבערזעצער פון זיך אַליין, געקומען צו דעם דערמאָנטן גראַם, און אַ קוק דערלאַנגען, ווי זעט עס אויס אין העברעישן אָריגינאַל פון „בעיר ההרגה":

כִּי קָרָא אֲדֹנָי לָאָבִיב וְלַטֶּבַח גַּם יָחַד

טייטש: דען גערופן האָט דער אייבערשטער צו פרילינג און שעכטונג צוזאַמען. אַ פאַדראָבנער אַנאַליז פון דער העברעישער שורה ווייזט אונדז דעם קאָמ־

פליצירטן צוזאַמענשטעל פון זיינע טיילן לויט זייערע מקורות, אין זייער אָרגאַ־נישן צוזאַמענבונד: 1) כי קרא ד׳ ל... (ווייל דער אייבערשטער האָט גערופן צו...) איז אַ באַנוץ, וואָס קומט פאָר אין תנ״ך, און דאָס צוויי מאָל אין ספר מלכים ב׳. דאָס ערשטע מאָל רעדט זיך אין טאָפּל: „כי קרא ד׳ לשלושת המלכים האלה לתת אותם ביד מואב״ (ג׳, י״ג) טייטש: ווייל גערופן האָט דער אייבער־שטער [צו] די דאָזיקע דריי קעניגן, זיי איבערצוגעבן אין דער האַנט פון מואב; דאָס אַנדערע מאָל רעדט זיך: „כי קרא ד׳ לרעב וגם בא אל הארץ שבע שנים״ (ח׳, א׳), טייטש: ווייל גערופן האָט דער אייבערשטער צום [דעם] הונגער און ער איז אויך געקומען אין לאַנד זיבן יאָר. איןביידע פסוקים האַנדלט עס זיך וועגן אַ פורעניות, אָבער עס איז קלאָר, אַז ביאַליקס עיקר־אַסאָציאַציע גייט פונעם אַנדערן פסוק, און דער פּאַראַלעל וואָלט באַדאַרפט צו זיין: „כי קרא אדוני לטבח״, טייטש: דען גערופן האָט דער אייבערשטער צו שעכטונג, אָבער ער שטעלט פאָר איר, ווי אַ באַגלייטער: לאָביב, טייטש: דעם פרילינג, און אַזוי איז אויסגעוואַקסן דאָס קאָנטראַרע פּאָרל: אביב — טבח, און דער יידיש־עקוויוואַלענט זיינער איז אין פאַרקערטן סדר: אַ שחיטה — אַ פּרילינג, וואָס זיין אַנטיטעז ווערט איראָניש פאַרצייכנט אין גראַם, וועלכער איז אים פירגע־גאַנגען: אַ צווילינג.

דער צוזאַמענשטעל פון קעגנשטעל: אביב — טבח איז אַ פּראָבלעם פאַר זיך — אין אַ באַזונדערער אַרבעט מיינער: „תאומים בביטוי״ (צווילינגען אין אויסדרוק), וואָס איז אָפּגעדרוקט אין „כנסת״ (תרצ״ז) האָב איך צוזאַמענגע־בראַכט אַלע ענגע באַהעפטן אין ביאַליקס פּאָעזיע (סובסטאַנטיוו, אָביעקטיוו, ווערב) און באַוויזן, אַז אַלע גייען אויף דער ליניע פון אידענטישקייט אָדער קאָנטראַרקייט, בלויז צוויי דוגמות זיינען ווי אַ יוצא מן הכלל, און איינע פון זיי איז טאַקע: אביב — טבח, און איך האָב אויך געפּרווט דערקלערן: טבח און זבח קומען פאַראַלעל (זע ישעיהו ל״ד, ו׳), וויטער זבח איז אַ וואָרט וואָס קומט צומערשט פיר ביי יעקב (בראשית ל״א, נ״ד) און דערנאָך: „זבח פסח הוא לד׳״ (שמות י״ב, כ״ז) טייטש: אַ שעכטונג פון פסח איז עס צום אייבערשטן; 2) אביב מיינט די פריצייטיקע תבואה און חודש־אביב מיינט חודש ניסן, ווען עס געפּאַלט פסח; 3) דער קישיניעווער פּאָגראָם איז געווען חול המועד פסח. אָבער דער פּירוש באַפרייט נישט דאָס אַנטיטעטישע פּאָרל פון זיין אינקאָמענ־זוראַבלען כאַראַקטער.

ג.

מחמת דעם פאַרדינט די סעמאַנטיק פון אביב אַן אויפמערק — בעיקר אין ליכט פון פסוק: „שמור את חודש האביב ועשית פסח לד׳ אלהיך כי בחדש האביב הוציאך ד׳ אלהיך ממצרים לילה״ (דברים ט״ז, א׳) — וואָס בליץ טייטשט: נעמט אין אַכט דען מאָניט (אביב) דז דוא (פסח) האַלשט צו גאָט דיין גאָט דען אין דעם מאָניט (אביב) האָט דיך דיין גאָט אויז (מצרים) גיצוגען בייא דער נאַכט״.

משמע, ער האָט פאַרן וואָרט אביב נישט קיין יידיש־טייטש, און לאָזט עס ווי עס איז. וויצנהויזן ווייטער טייטשט: „היט דעם מונאַט פון דער צייטיגונג אונ׳ דוא זאָלסט (פסח) מאַכן (פאַר) גאָט דיינם גאָט, דען אין דעם מונאַט פון דער צייטיגונג האָט דיך גאָט דיין גאָט אויש גיצאָגן פון (מצרים) בייא נאַכט". אויך אינטערעסאַנט, אַז יהואָש קערט זיך אום צו בליץ און טייטשט: „היט אָפּ דעם חודש אביב און זאָלסט מאַכן דעם קרבן פסח צום ד׳ דיין גאָט, וואָרום אין חודש אביב האָט דיך ד׳ דיין גאָט אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים ביי נאַכט", אָבער אין זיינע הערות באַמערקט ער צו דעם פסוק: "בחודש האביב, אין חודש אביב, אָדער אין חודש פון רייפנדיקע זאַנגען, אין ניסן". וואָס שייך ווייטער די ווערטער פון פסוק: „כי השעורה אביב" (שמות ט׳, ל״א) טייטשט בליץ: „דען דיא גערשטין וואַר צייטיג", דעסגלייכן וויצנהויזן: „דען דיא גערשטן וואַר צייטיג"; ווייטער יהואָש האָט: „וואָרום דער גערשט איז געווען אין זאַנג".

אַז אביב מיינט די ערשטע פון די פיר תקופות אין יאָר האָבן מיר ערשט אין מיטלעלטער, ווייטער פרילינג, איז אַ שפּעטער אַריינדראַנג פון דייטשישן Frühling וואָס איז אויך דאָרט אַ שפּעטערע פאָרעם, און איז נישט געווען פאַרן 15טן יאָרהונדערט, און האָט זיך נישט אַזוי לייכט דורכגעזעצט קעגן דער קאָנ־קורענציע פון Frühjahr און Lenz. ביי ביאַליק איז עס, אין „ערב פרילינג", די ערשטע פון די פיר תקופות־השנה, אָבער אין „עיר ההרגה" און „שחיטה שטאָט", זיינען, ווי ביאַליקס שטייגער איז, אַריינפאַרוועבט גרונטיקערע מסורות און זייערע רמזים.

אָט די פאַרוועבטקייט מאַכט נאָך בולטער די איראָניע פון לאביב ולטבח, וואָס שטאַרקט זיך נאָך מכוח דעם סאַרקאַסטישן צוגאָב, וואָס איז פאַראַן בלויז אין יידיש־נוסח: „דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג", וואָס ווייזט זיך אויס גאָר פאַרשפּיצט, ווען מיר באַמערקן, ווי אַזוי די ווערטער: גם יחד זיינען געוואָרן אַ צווילינג. דען די צוויי ווערטער: גם יחד האָבן מיר צוזאַמען אין תנ״ך בלויז איין מאָל, אין פּאָפּולאַרן פסוק: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד". (תהילים קל״ג, א׳); טייטש: אָט ווי גוט און ווי אָנגענעמען איז דאָס זיצן פון ברידער צוזאַמען, און צוויי ברידער, וואָס זיינען געווען צו־זאַמען, זיינען דאָך דער פּראָטאָטיפּ פון אַ צווילינג.

אין ביאַליקס פּאָעזיע ווייטער האָבן מיר דעם באַהעפט גם יחד, חוץ אונדזער שטעל, נאָך פינף מאָל, דערפון איז בלויז איין באַנוץ אַ נייטראַלער, און דאָס אין אַ ליד, ווו עס הייסט: „ואם אזלת כולכם גם יחד מהושיע לנפשכם" („ראיתיכם שוב בקוצר ידכם"); טייטש: און אויב די מאַכט פון אייער אַלעמענס האַנט צוזאַמען איז נישט בכוח צו העלפן אייך אַליין; אָבער אַלע איבעריקע באַנוצן באַדינען ממשדיקע אָבער סימבאָלישע קעגנזאַצן:

1) „ילדי־בינים, ביודעים ובלא יודעים, לפני שתי הרשויות גם יחד מש־תחווים ומודים", („לאחד העם"), טייטש: און מיר, צווישער־געבוירענע, באַוווסט און אומבאַוווסט, טאָן מיר פאַרביידע רשותן זיך בוקן און דאַנקען. אין די צוויי־

איקייט ווערט דאָרט בפירוש אויסגערעכנט: אחרית וראשית, סתירה ובנין, זקנה ועלומים; משמע: אָנהייב און אויסלאָז; צעשטער און אויפבוי; עלטער און יוגנט. 2) „ובת שחוק —— / —— לפקוד בה —— / הגדולות עם הנקלות, כצדקות וכחטאים גם יחד. („יהי חלקי עמכם״); טייטש: און אַ שמייכל צו דערמאָנען די גרויסקייט און נישטיקייט; סיי גערעכטיקייטן סיי זינד צוזאַמען. 3) באַ־שרייבנדיק, וואָס די מאַמע האָט איינגעפּאַקט פאַרן יתום אין וועג אַריין: „שמתם צרור אחד, נקלה ויקר גם יחד, בכפי״ („פרידה״); טייטש: זי האָט אַריינגעלייגט אין איין בינטל, דאָס נישטיקע און טייערע צוזאַמען, אין מיין האַנט אַריין. 4) רעדנדיק וועגן יענער קומענדיקער צייט, וואָס מען וועט, מחמת פוסטקייט, נעמען בענקען נאָך וויזיע, הייסט עס: „וישבו והתגעגעו אדם וחיה גם יחד״ („והיה כי יארכו״); טייטש: און עס וועלן זיצן און בענקען דער מענטש און די חיה צוזאַמען.

דוכט זיך, אַז עס איז גענוג צו באַווייזן, ווי ווייט דער באַנוץ מיטן באַהעפט גם יחד, איז נישט אין גייסט פון זיין מקור אין תנ״ך, ווו עס רעדט זיך וועגן ליבלעכקייט פון ברידער וואָס זיצן צוזאַמען, נאָר פונקט פאַרקערט — עס איז אויך אַ צוזאַמענזיין פון ברידער, אָבער קאָנטראַסטן־ברידער; און אין ליכט פון דער אינטערפּרעטאַציע דאַרף מען פאַרשטיין דעם העברעיש־נוסח: אביב וטבח גם יחד, און דעם יידיש נוסח: אַ צווילינג — אַ שחיטה מיט אַ פרילינג. וואָס עס בלייבט נאָך צו באַמערקן איז דער שינוי אין סדר פון דעם פאַרל, וואָס די גראַם־מעגלעכקייט האָט גורם געווען, ווי עס אילוסטרירט דער קעגנשטעל פון ביידע נוסחאות:

1) כִּי קָרָא אֲדוֹנָי לְאָבִיב וּלְטֶבַח גַּם יָחַד
הַשֶּׁמֶשׁ זָרְחָה, הַשִּׁטָּה פָּרְחָה וְהַשּׁוֹחֵט שָׁחַט.

2) דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג
אַ שחיטה — מיט אַ פרילינג;
דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן —
און דער שוחט האָט געשאָכטן

ווי מיר זעען האָט ביאַליק דאָ געוואָלט דערגרייכן אַ פולן עקוויוואַלענט און האָט זיך נישט צוריקגעשראָקן פאַר איבערגעבן צוויי העברעיש־שורות אין פיר יידיש־שורות און האָט טאַקע דערגרייכט די מעגלעכסטע פּערפעקציע, נישט בלויז אין עקסטערנעם נאָר אויך אין אינטערנעם גראַם פון מקור, מוזנדיק מאַכן אַ שינוי סדר: 1) זרחה — פרחה — שחט; 2) געבליט — געלאָכטן (אַזוי האָט דער וואָלינער ביאַליק אַרויסגערעדט) — געשאָכטן, און פאַרבייטנדיק אַ pars דורך אַ totum; אַ פרט דורך זיין אייגענעם כלל: 1) השיטה (אַקאַציע); 2) גאָרטן.

ה.

איצט איז כדאי זיך אומקערן צו: אדוני קראני ל... (=דער אייבערשטער האָט מיך גערופן צו...), כדי בודק צו זיין, ווי דער ענין זעט אויס אין ביאַליקס פּאָעזיע, און מיר געפינען אים, סיי אין אַ פּאָזיטיווער, סיי אין אַ נעגאַטיווער אינטערפּרעטאַציע מיט אַ פאַרבייט פון שם המפורש אויף אַן אַנדערן טיטל („אֵל"). אַזוי האָבן מיר אין די ווינטער־לידער: „וינף פטישו ובהלמות ענק / אל קרא לכוח וישום: חזק!" („משירי החורף"); טייטש: און האָט אויפגעהויבן זיין האַמער, און מיט אַ ריזן־קלאַפּ האָט גאָט גערופן צו קראַפט און געשנויפט: זיי שטאַרק. נאָך בולטער אין אַ אַנדער ליד: „קרוא קרא אל נאור לחג" („עם פתיחת החלון"), טייטש: רופן האָט גערופן דער ליכטיקער גאָט צו אַ פעסט. דווקא אויפן פאַן פון דעם פּאָזיטיוון איינשטעל, וואָס גייט נישט אויף דער ליניע פון דער תנ"כישער אַסאָציאַציע, אָבער אויף דער ליניע פון דיכטערס נטייה, איז כדאי צוצוגעבן, אַז אין זיין ערשטן באַנוץ מיט דער מליצה, און דאָס מיטן שם המפורש, האָט ביאַליק אַנגעוויזן אויף דער מעגלעכקייט פון אַ קאָנטראַרער אינטערפּרעטאַציע: אדוני לא קראני לתרועת מלחמה, / גם ריח מלחמה מאד יחיתני / אילפת כי אשמע חצוצרה ברמה / וכנור וחרב — לכנור אנוכי" („שירת ישראל"); טייטש: גאָט האָט מיך נישט גערופן צום שאַל פון קריג, אויך [בלויז] דער גערוך פון קריג טוט מיך זייער שרעקן, איך ווער פאַרציטערט, הערנדיק אַ הויכן טרומייטער, און צווישן פידל און שווערד, בין איך פאַרן פידל. עס איז, בעצם, מכלל לאַוו אתה שומע הן — אמת, גאָט האָט אים נישט גערופן צום שווערד, אָבער ער האָט אים גערופן צום פידל.

הייסט עס, אַז ביאַליקס געטריישאַפט צו דער תנ"כישער אַסאָציאַציע פון דער מליצה, ווי מיר האָבן זי אין איר באַנוץ אין איראָנישן נוסח פון „בעיר ההרגה" איז אַ מין בעל־כרחו־געטריישאַפט, וואָס האָט זיך נאָך מער צוגעשפּיצט אין „שחיטה שטאָט": „גאָט האָט מיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג" — און ווי באַקאַנט האָט דער ענין מילד אין יידיש אַ רייכע סעמאַנטיק, און נחום סטוטשקאָוו, אין זיין אוצר, ברענגט עס אין זעקס באַגריפס־גרופּן, און דאָ קומט אין באַטראַכט די העלפט פון זיי (גוטהאַרציק, פרייגיביק, איידל), אָבער ביי ביאַליק מוז מען אָננעמען אַ גרונט־באַטייט, ווו ער האָט אים געהאַט פון שמועס, יידיש־טייטש וכדומה, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

אַנדערש שטייט עס מיט „ערב פרילינג", ווו דער נאַטור־באַשרייב איז, מיט זיין גאַנצער טעמאַטישער אויטענטישקייט, אַ משל פאַרן נמשל — די אויפגעוודערקייט און די אַטמאָספער פון פאַר דער רעוואָלוציע. דאָס ליד האָט נישט קיין העברעיש־פּאַראַלעל, אָבער פאַראַן פאַרגלייך־מאָמענטן אין אַנדערע לידער. שוין די ערשטע פריער ציטירטע סטראָפע, וואָס איז טיפּיש פאַר אַ סך טאָפּל־ווערטערדיקע לידער אין בּלערליי ליטעראַטורן, האָט פאַרבינד־פּונקטן מיט אַנדערע ביאַליקישע לידער, ווי אַ שטייגער דאָס ליד, ווו אין סאַמע תמוז קערט זיך איבער דער זומער און צעבושעוועט זיך מיט דונער און בליץ און ברענגט אַראָפּ דעם

שפּעט־רעגן, („משירי הקיץ"), אָדער דאָס ליד, ווו די וואָלקנס הענגען נאָך ווי בליי, בייזע ווינטן נעמען דורך ביזן לייב, און דאָס ווילדע געוויטער גרייכט ביזן האַלדז, און דאָ צעזינגט זיך, פאַר דער צייט, דער סאָלאָוויי („שירי יתומה"). אָבער „ערב פרילינג" געהערט צו אַ באַזונדערן טיפּ ווערטער־בייט־לידער, ווי עס גייען די ווערטלעך וועגן חודש אַפּריל, אין כמה וכמה שפּראַכן: זע אַ שטייגער, ביי שאול טשערניכאָווסקי: „איזה יום! מטר ולא מטר, ושלג — / ושלג איננו, אך ערבוב משונה של גשם ושלג, / —— היינו דאמרי אינשי: המן שלכם ויבדוכה / יוצאים במחולות היום" („ברלה חולה"); טייטש: אָבער איז דאָס אַ טאָג: רעגן און נישט רעגן, שניי — און אָט איז דער שניי נישטאָ, אָן אויסטערליש געמיש פון רעגן און שניי, ווו עס גייט דאָס גלייכווערטל: אייער המן און [אונדזער] יעוודאָכע האָבן זיך געלאָזט אין אַ קאַראַהאָד.

מיר זאָלן וועלן דעטאַלירן דעם מאָטיוו: אַ זון און אַ רעגן, וואָלטן מיר באַדאַרפט צו מאַכן אַ באַזונדערס לאַנגען שפּאַציר, און מיר רעזערווירן זיך אַ שעת־כושר דערצו, פּונקט מיר ווי רעזערווירן זיך דאָס לגבי ענין צווילינג ווי אַ דרך־משל. וואָס עס אינטערעסירט אונדז איצט, זיינען דריי מאָמענטן אין ביאַליקס ליד — דער עצם נאָמען („ערב פרילינג"), די מעטאַפער („עפּעס איז די לופט מעוברת"), און בעיקר דער גראַם (צווילינג—פרילינג, אָדער: אַ פרילינג—צווילינג), און זייער אָפּשפּיגל אין דער ליטעראַטור.

ו

וואָס שייך דעם נאָמען — איז עס דאָך איינער פון די אומצייליקע קאָנסטרוקציעס, לויט: ערב שבת, ערב יום־טוב וכדומה, און מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט יינגערע דוגמות; ווי אַ שטייגער, קלמן סגל: „ערב פרילינג פלעגן ווינטן וואַרעמע אויף פעלדער בלאָזן / און מילדער זונען־שיין האָט שנעל דעם שניי געטייעט" („לידער", 1952, ז' 18); פּעסיע פּאַמעראַנץ־האַניגבוים: „ס'איז קאַלענדאַריש ערב פרילינג / נאָר ס'האָט אַ שטורעמדיקע נאַכט / אַרויסגעכוואַליעט שניי־אַרמייען / און אָנגעפּירט אַ לעצטע שלאַכט" („פון אַלע מיינע לידער", תשכ"ט, ז' 22); און לסוף רחל ה. קאָרן, אַ ליד וואָס הייסט „ערב פרילינג" און ווו זי שרייבט: „אַ שבת אין רמת־אביב / אין מיטן חודש שבט — / די גאַסן שיכורע מיט ערב־פרילינג" („סביבה" העפט 20).

וואָס שייך דער מעטאַפער — האָבן מיר ביי יהואש: „אין אַ וואָך אַרום איז דער גאַנצער פרילינג פאַרשווונדן, אַ קאַלטער צפון־ווינט האָט זיך אַרויסגערוקט פון ערגעץ־ווו, שוואַרצע שניי־מעוברת'טע כמאַרעס האָבן זיך געצויגן ווי שפּיטאָל־וועגן אין אַ גרויסער מלחמה" („דער עפּל־בוים", נייע שריפטן, באַנד 1, ז' 191); ביי ל. קוסמאַן, וואָס שרייבט סיי: „באַגריסן אַ טאָג / וואָס איז שוואַנגער מיט ברכה / אַ הילפיקע האַנט פון דעם עמק־הבכא" („דער לאָמפּ ברענט", 1962, ז' 68), סיי: „דער פרילינג איז ניט בלי אַליין / ווערט אָפּט באַגלייט פון שטורם, קעלט. / דער זומער שוואַנגערט מיט מער ווייז / די פירות פירן דיין געצעלט" („בלעטער

אין אַ קראַנץ״, תשכ״ו, ז׳ 32). דער פאַרבייט: מעוברת—שוואַנגער פאַרמינערט דעם פאָלקיש־אידיאָמאַטישן חן, וועלכן מיר האָבן אָבער ביי שלמה רויטמאַן, נישט לגבי וויין נאָר לגבי האָניק: „די פּאַסיקע געווען איז מעוברת / דער עפּל־סאָד, דער בינציכטלער — אַ גרייז / געשטאַנען זיינען ביידע מילכיק־ווייס, /ווי גרייט אַריבערגיסן זיך אין פּירות״ („סאָוועטיש היימלאַנד״, העפט 3, נאָוועמבער־דעצעמבער 1961); און צולעצט אַ דוגמה מיט אַ טראַגישן סוף פון מאָטיוו — אָבער־אַמאָל רחל קאָרן: „אַ שעה וואָס האָט זיך פאַרדינגען צום ווינט / אָפּצוקערן אַנגעהויפטן שניי, / איז געבליבן ליגן / מיט אַנגסטן באַשלאָגן / און געמפּלט אין מיטן פון גאַס / מיט אַ פּריעם פאַרנאַכט״ („די גנאָד פון וואָרט״, תשכ״ח, ז׳ 60).

וואָס שייך דעם גראַם — צעפּאַלט זיך זיין באַנוץ, איינער נענטער צום נוסח פון ״שחיטה שטאָט״, וואָס פאַרמאָגט כלערליי ניואַנסן פון קעגנזאַץ, איינער נענטער צום נוסח פון „ערב פרילינג״, וואָס פאַרמאָגט כלערליי ניואַנסן פון צוזאַמענפּאַס. וואָס שייך צוזאַמענפּאַס, וואָס קען דערגיין ביז האַרמאָניע, האָבן מיר עס אין עראָטישע לידער — זע, אַ שטייגער, ביי נח פּרילוצקי: „די ברוסטן די ווייסע צוויי גלעקלעך אין פרילינג / צוויי מאַי־גלעקלעך ווייסע — אַ הימלישער צווילינג״ („פאַרן מזבח״, 1908). דאָס פּאָרל איז פאַרשטייט זיך, געפורעמט לויטן פּסוק: „שני שדיך כשני עפרים תאמי צביה״ (שיר השירים ד׳, ה׳); טייטש: דיינע צוויי בריסטן ווי צוויי הירשלעך, צווילינגען פון אַ הירשין. דאָס איז די מעטאַפער אין אַן אידילישער אַטמאָספער; אָבער יעקב שטערנבערג האָט זי אין אַ טראַגישער אַטמאָספער — אַ יידישע טאָכטער אין דער נאַצי־צייט, וואָס לויפט אין דער זאַווערוכע: „און זיי שפּאַנען נאָך דער זעאונג: / אָט דעם צאַרטן אומשולד־פרילינג / פון פראָסט אַרומגעיאָגטן / לייב־אַנטבלויזט / יונגפרוי־צווילינג״ („אין קרייז פון יאָרן״, 1970, ז׳ 143).

ז

אָבער צוריק צו דער האַרמאָניע אין דער האַרמאָניע — אברהם זאַק: „פריש די לופט, עס שמעקט דער פרילינג, / הויך געזיכט דער גרינער מאָך / כ׳קוש דיין פרישן ליפּן־צווילינג / און זיי מאָנען דורשטיק: נאָך״ („כ׳קען דיין גנביש דרימלען״, ראַזשאַנסקי — אַנטאָלאָגיע: די פרוי וכו׳, 1966, ז׳ 110). און נאָכן תלמיד דער רבי זיינער — לייב ניידוס: „ס׳איז כריסטינע מיינס אַ צווילינג / זי איז פּרעכטיק ניט אומזיסט; / אַך דער זיבנצנטער פרילינג / האָט איר היי־יאָר ערשט באַגריסט״ („אויסגעקליבענע שריפטן״, 1958, ז׳ 114). ענלעך משה בראָדערזאָן אין זיין ליד צו איינער אַ שיינער: „צי איז נאָך דאָ אַ צווייטע פּונקט אין אייך געראָטן? צי איז נאָך דאָ אין אייך געראָטן כאָטש אַ שאָטן / אַן אָנצוהערעניש, אַ טראָפּן ענלעך אויף אַ צווילינג? / איר לאַכט און זאָגט אַז — ניט: / ׳אַ גאָט באַהיט׳ / און כ׳וויל אייך פאַר אַ מלכה פון מיין איצטיק האַרצן זאַלבן! / צי ווייסט איר עס, איר זענט פון יענע שוואַלבן / וואָס איינע נאָר, נאָר איינע

מאַכט דעם פרילינג״ („באַגייסטערונגען״ 1922, ז׳ 143, אין דער דערמאָנטער ראָזשאַנסקי־אַנטאָלאָגיע, ז׳ 122). דער צווילינג פאַרשווינדט דאָ מחמת דער אייג־ציקייט, וואָס דערלאָזט אפילו נישט די מעגלעכקייט פון אַ שאָטן, ווי מיר האָבן עס ביי יעקב שטערנבערג, אין אַ ליד („איך גלייב זיך ניט״) מיט אַ מאָטאָ פון טאָלסטאָיס טאָג־ביכער („זיך־פאַרפירערישער אָנגענעמער פרילינג. יעדעס מאָל דו טרויסט זיך ניט״), און הויבט אָן דאָס ליד גופא: „אָ זיך־פאַרפירערישער אָנגע־נעמער פרילינג! / עס גייט מיט מיר מיין שאָטן אויף דער ערד — / מיין צווילינג״ (כנ״ל, ז׳ 414). ענלעך ביי פּיניע קיריטשאַנסקי: „איך וואָלט מיטן ווינט איצט געוואָרן אַ צווילינג, / און זאָל ער די ליד מיינע טראָגן אין ווייט. / זאָל לעבן מיין יוגנט, זאָל לעבן מיין פרילינג! — / איך האָב נישט פאַרשפּעטיקט, כ׳בין דאָ צו דער צייט״ („סאָוועטיש היימלאַנד״, העפט 3, נאָוועמבער־דעצעמבער 1961).

פאַרן צווילינג ווי אַ גורל־שייכות, אין פרייד און לייד, לאָזן זיך ברענגען כלערליי דוגמות, ווי, אַ שטייגער, שפרה ווערבער: „פרילינג / אין זעלבן טאָג [=געבאָרן] / בין אַ צווילינג / דיר געוואָרן״ („ווונד אין בלי״, תשכ״ט, ז׳ 29); „עס סטאַייעט ניט מיין לייב / פאַר קריעה־שניטן / נאָך יעדער פון זיי / נאָך מיר / און נאָך מיין ברודער־צווילינג / פרילינג״ (דאָרט, ז׳ 32). ענלעך לאָזן זיך ברענגען דוגמות פאַר אָפּהענגיקייט־שייכות ווי אַ שטייגער, אברהם גאָנטאַר: „צווי בלימעלעך איז שוין אַ יש / ס׳איז שוין אַ שטיקל פרילינג, / איך מאַך זיך נאַר אַז איך פאַרגעס / אַז איינס לעבט בלויז פון צווילינג״ („סאָוועטיש היימלאַנד״, אָקטאָבער 1969, ז׳ 99). אגב, האָבן מיר דאָס ביי ביאַליקן — רעדנדיק וועגן צווי געליבטע, וואָס חלומען וועגן די גאָלדענע אינדזלען, וואָס צוליב זיי זיינען זיי געבליבן ווי צווי פרעמדע אונטערן הימל, פאַרענדיקט ער: „ועליהם נשארנו בלי ריע ועמית / כשני פרחים בציה; / כשני אובדים המבקשים אבדה עולמית / על פני ארץ נכריה״ („עם דמדומי החמה״); טייטש: און מחמת זיי זיינען מיר געבליבן אָן אַ ידיד און אַ פריינד, ווי צווי בלומען אין דער וויסטעניש, ווי צווי פאַרלוי־רענע וואָס זוכן אָן אייביקע אבידה אויף אַ פרעמדער ערד. ער באַנוצט דעם פאַרגלייך אויך אין אַ קינדער־ליד, ווו די בלום זאָגט צו פלאַטערל: „שנינו פרחים — / אח ואח / פרחך לי / ופרחי לך״ („הפרח לפרפר״), טייטש: מיר ביידע זיינען בלומען, ברודער און ברודער, דיין בלום מיר און מיין בלום דיר. נאָך מער, ער האָט עס לגבי צווי ברידער ממש — רעדנדיק וועגן אלימלך און נעמיס צווי זין, מחלון און כליון, שרייבט ער: „ויהיו כל הימים כשני פרחים מתעלפים בחרבוני קיץ״ („מגילת ערפה״) טייטש: און זיי זיינען געווען ווי צווי בלומען וואָס חלשן אין טרוקענע זומער־היצן.

און פון בלום צו אַ בוים — זע, אַ שטייגער, אַ ט״ו־בשבט־לידל פון חנן קיטל, וואָס הייסט „אַ צווילינג״ און ווו ער שרייבט: „איך מיטן בוים / זיינען ביידע אַ צווילינג / אין איינעם געבוירן / אין זעלביקן פרילינג / —— מיר וואַקסן אַ צווילינג / מיר בליִען אין פרייד / —— אַן אייביקער צווילינג אויף יידישער ערד״

(„קינדער־זשורנאַל“, שבט תשל״א). און נישט בלויז אויפן אָרגאַניש־קאָנקרעטן, נאָר אויך אויפן גייסטיק־אַבסטראַקטן איז חל בלי און ווזקס — זע, אַ שטייגער אפרים איזאַקאָוויטש: „די תורה האָט צו זיך אַ צווילינג / איר בלי איז פריש ווי די בלום אין פרילינג“ („לידער“, 1962, ז׳ 59).

מעגלעך, אַז דער ביאַליקער באַנוץ האָט גורם געווען, אַז אונדזער גראַם גייט, כמעט תמיד, בלשון יחיד, אָבער זע בלשון רבים, אלכסנדר שפּיגלבלאַט: „אויף ס׳ניי דערוואַכטע / מיט אַלע פרילינגען / ווי ערד געבענטשטע שוועסטערן־צווילינגען“ („די גאָלדענע קייט“, 1973, באַנד 78, ז׳ 187).

ח

נישט קלענער איז די רעפּרעזענטאַציע פון אונדזער גראַם אין קאָנטראַרן באַטייט און מיר ווען די צוויאַיקייט אילוסטרירן דורך צוויי באַנוצן פון דעם זעלבן דיכטער — בער גרין שרייבט: „ים און הימל. פייגלען צוויי. אינמיטן — אַ וויג. / שטורעם אויף וואַסער / רו אויף וואַסער. / אומגליק און גליק“ („בלומען אונטער שניי“, 1939, ז׳ 40). דאָס עיקר בילד חזרט זיך איבער אין כלערליי וואַריאַציעס זייט ר׳ יהודה הלוי ביז ביאַליק, וואָס האָט דערפאַר אַ מאַרקאַנטן באַצייכן — באַשרייבנדיק די סאַזשעלקע, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ הימל און וואַלד, דערציילט ער וועגן זיך: „ובשבתי שם על שפת הבריכה, צופה / בחידת שני עולמות, עולם תאומים, / מבלי לדעת מי משניהם קודם“ („הבריכה“); טייטש: און זיצנדיק דאָרט אויפן ברעג סאַזשעלקע, אַריינקוקנדיק אין רעטעניש פון צוויי וועלטן, נישט וויסנדיק, ווער פוןביידע איז געווען פריער. די מאַר־קאַנטע וויזיע פון ביאַליק אין „הבריכה“ איז געוואָרן אַ מין קרן פאַר כל מיני פּירות און פּירי־פּירות, און עס איז אַן עניך, וואָס פאָדערט אַ ברייטן און סקרופּולאַטן באַהאַנדל. וואָס מיר ווילן איצט באַמערקן, איז דער פונאַנדערגאַנג פון דעם גרונט־בילד פון „הבריכה“ און די באַהאַנדלטע שטעלן פון „שחיטה שטאָט“ און „ערב פרילינג“. האָט דאָך דער זעלבער בער גרין אַן אַנדער ליד, ווו עס הייסט: „אַ גאָלדענער פרילינג / הונגער צי זאַט / אָן אַ דאַך צי אין פּאַלאַץ / גליק און אומגליק איז אַ צווילינג“ (כנ״ל, ז׳ 38). אונדזער גראַם באַדינט דאָ אַ דיסאָנאַנטע סאָציאַלע נאָטע, ווי עס געשעט אויך אין אַנדערע לידער זיינע — אַ שטייגער באַשרייבנדיק אַן אַמעריקאַנער סקווער: „אויסגעקריצט אויף פּנימער, אויף פאַר־מעט־הויט: / גאָט וואָס פאַר אַ צווילינג / איז דלות מיט פרילינג“ („אייביק גרין“, 1965, ז׳ 49); ענלעך: „גאָט, וואָס פאַר אַ צווילינג איז קראַנקער עלנט מיט פרילינג?!“ (דאָרט, ז׳ 50).

און איצט צוויי דוגמות פון דיכטערינס, וואָס גייען זיך פונאַנדער אין באַנעם, באַנוצנדיק אונדזער גראַם. רבקה קאָפּע שרייבט: „כ׳וועל מאַכן אַ ברכה און בענטשן דעם פרילינג, וואָס רייט שוין אַרויס פונעם ווינטער: / אַ טייכל אַ שפּיגל מיט הימל אַ צווילינג / מיט פייגל געזאַנגען באַגינטע“ („שטערן אין מיין שויב“, 1961, ז׳ 135). מיר האָבן דאָ דעם קעגנזאַץ: פרילינג — ווינטער, אָבער נישט זיי זיינען

דער צווילינג, נאָר דאָס טייכל און דער הימל, ווי מיר האָבן עס אין „הבריכה“. ווייטער ברכה קאָפּשטיין, וואָס ברענגט אויך אַרויס אַ קאָסמישן נאַטור־ווידעראַנאַנד, שרייבט: „דער שניט און פאַרשניט פון די דורות / וואָס גייען אויף ווי זאַנגען / איטליכן פרילינג / נאָכדעם ווי עס קומט דער שניטער און שניידט מיט אַ סדר — / (ווי אַ געטליכער ריטער) / ביז מיר ווערן מיט וועלט / אַ בלוטיקער צווילינג“ („דאָס פאָלק איז דאָ“, 1951, ז׳ 39); ענלעך: „אונטער דיין אָטעם איך צעגיי / ווי אַ שניי אין פרילינג / דו ביסט די ווונד — איך דער וויי / ביידע — בלוטיקער צווילינג“ (דאָרט, ז׳ 151).

ווי אונדזער גראַם קען זיך אַריינלאָזן אין שכנות מיט אַ היפּשער צאָל קעגן־פאָרלעך, קען מען אָפּלערנען פון אַן אַלעגאָריע פון דוד גלילי־גלאַצער: „דער ווינטער מיטן פרילינג / ווי אַ צווילינג / איינגעשפּאַנט אין דישל פונעם וועג / קלאַפּן מיט קאָפּעטעס פון טאָג / דער וואָגן איז געמאַכט פון טאָג מיט נאַכט / אויף רעדער פון זון און לבנה / פיר איך פּעק זיכרונות — / מיין שווערע לאַסט / אַלץ וואָס כ׳האָב געליבט / און כ׳האָב געהאַסט“ (מיין וואָגן, „ביים קוועל“, 1963, ז׳ 40). אַן אויסשפּרייט פון אונדזער באַנוץ לגבי דעם גאַנצן לעבן זע דאָראַ טייטלבוים: „דאָס לעבן איז אַ צווילינג פון אַ האַרבסט מיט אַ פרילינג / איינער טראָגט דעם צווייטנס נאָמען / איינער לעבט אין צווייטנס נאָמען“ („ליטעראַרישע זאַמלונג“ III, שיקאַגאָ, 1964, ז׳ 129).

ט

אָבער צוריק צו ביאַליקס „שחיטה־שטאָט“, ווו דער צווילינג איז אַן עקוויוואַלענט פאַר [אחים] גם יחד אין „בעיר ההרגה“, און פירט ממילא צו דער אַסאָציאַציע פון ערשטן צווילינג אין חומש, און אַן אפשר אומבאַוווסטן אָפּשטויס דערפון ביי לייב אַליצקי: „ס׳איז שוין די פרעמד אַרויס פון מיינעביינער ווי בייזער ווינטער אינעם הויך פון פרילינג. / אַ יעקב כ׳פיל זיך איצט אַן איינאַליינער, / און נישט מיט עשו׳ן געפּאָרט אין צווילינג“ („די גאָלדענע קייט“, 1966, באַנד 55, ז׳ 124). נאָר ווייטער גייט ב. אַ. לעיעלעס — אין זיינס אַ ליד צום צענטן יאָרצייט פון ערליך און אַלטער, שטעלט ער זיי אַנידער ווי אַ צווילינג / פון אמונה און פון חלום וועלן ביידע זיי / אייביק לויכטן אונדז. אַזוי לויכט איבער קעלט און שניי / אונדזער גלויבן אין גרינגאָלד פון דעם פרילינג“. אָבער אין המשך דערמאָנט ער די ערשטע צוויי ברידער: „הבלס בלוט געשריגן האָט פון ערדס געדערים. / ערליך־אַלטערס חלום האָט צום אמת טרעפ געבויט. זייער קין האָט געשענדעט, פאַרראָטן אויך דעם טויט ——— / זייער קין האָט דעם חלום אומברענגען פאַרקלערט / ——— ערליך אַלטער שטאָלצע יידן, ריינסטע צווילינגסלייט ———“ („אונדזער צייט“). דאָ האָבן מיר אונדזער גראַם, ווו צווילינג איז אַ באַצייכן פון אַ האַרמאָניש פּאָרל („די צוויי קדושים“) אין אַ וועלט פון ערשטן קאָנטראַרן ברודער־פּאָרל (הבל און קין), פּונקט ווי עס איז אין אַן אַנדער ליד זיינס דער באַצייכן פון אַ קאָנטראַסטן־פּאָרל: „ס׳איז געווען די צייט פון אַ באַנייטן פרילינג / ס׳איז

געוועזן די צייט פון נייעם רוף און נייעם האָף, / די אידיליע פון אַ גאַנץ יאָר־הונדערט האָט אַ סוף / אימפּעדיק געזוכט אין אָרעמס פון אַ צווילינג: / קריג און אויפשטאַנד..." („אַ ייד אויפן ים", 1947, ז' 194). און גאָר שאַרף גייט דער קאָנטראַסט צווישן דער האַרמאָניע און דיסהאַרמאָניע, וואָס ווערן אויסגעטיילט צווישןביידע טיילן פון אונדזער גראַם, האָבן מיר אין זיינס אַ ליד וואָס הייסט, „פרילינגדיקס" און ווו ער שרייבט: „אַלץ ווי ס'דאַרף צו זיין, אין דעם הויז פון פרילינג / און בלויז דער מענטש, ווי נאָר דעם טייוולס צווילינג / ברומט בייז און טראַכט דעם שכן שלעכטס צו טאָן" („דער וועקער", מאַי 1952, „אונדזער וועג", מאַי 1962).

אָבער עס איז אַ כלל, אַז אַ גראַם, וואָס חזרט זיך גאָר אָפט איבער און ווערט אַ קאָנווענציע, ווערט אָפּגעריבן, און אויך עטלעכע פון אונדזערע ציטאַטעס באַווייזן דאָס, און מחמת דעם ווערט ער פאַרביטן, מיר געפונען דאָס טאַקע ביי לעיעלעס, וואָס שרייבט: „איך בין נישט־דערגרייכונג — אַ באַשערטער צווילינג / הינטער מאַסקעס לויפט אַוועק פון מיר דערפילונג" (דאָרט ז' 239); ענלעך: „דעמאָלט ווי עס פלאַטערט גוף און ווי עס פאַלט און שלאָפט! / דעמאָלט טריומ־פירט דער שונא מיט דערפילונג, / פון זיין גיפטיקסטן באַגער, פון זיין הפקרדיק־סטער קראַפט / דעמאָלט פלאַצט די ערד פונסניי מיט צווילינג: / ערשטער הבל, ערשטער קין" („אַ ייד אויפן ים", דאָרט, ז' 34). אָבער דאָ דאַרף מען באַמערקן, אַז דער באַפריי פון דער קאָנווענציע און פון איר סכנה האָט געהאַט אַ טאָפּעלעם אויסוועג.

י

איין אויסוועג צו דערהאַלטן דעם גראַם, אָבער אים ניואַנסירן, בעיקר דורך אַ ווערביזאַציע פון איין גראַם־גליד — אַ שטייגער, מלכה לי, וואָס ווערביזירט דעם צווילינג — „פון ווינטער פּראַסט צעגייט דער שניי / די לופט איז פול מיט פרילינג / האַנט אין האַנט איך מיט דיר גיי / מיט געזאַנג פאַרצווילינגט" („לעצטע נייעם", כ"ח חשון תשכ"ח; „אונטערן ניסנבוים", 1969, ז' 78). ענלעך הדסה רובין, וואָס ווערביזירט דעם פרילינג — „אין פרילינג־צייט האָט זיך דאָסביימל צע־פרילינגט / אַ קנאָספּ האָט געלאָזן דעם שטעקן — אין צווילינג" („טריט אין דער נאַכט", 1957, ז' 69). אָבער פאַראַן אויך דוגמות פאַר אַ ווערביזאַציע פון ביידע סובסטאַנטיוון — אַ שטייגער, ברכה קאָפּשטיין: „זעקס און צוואַנציק יאָר אַלייך / מיינע פרילינגען געפרילינגט / ניט איינער איז געוועזן אַזוי שיין / ווי די וואָס האָבן אונדז פאַרצווילינגט" („זינג מיין האַרץ", 1946, ז' 50); ענלעך רבקה קאָפּע: „מיין קינדס קינדעלע וואַקסט אין פרילינג / און רעדט מיט געלעכטער צעשאָטן. / איז יעדער זאָג מיט נחמה פאַרצווילינגט / און מען קאָן דאָס אויפציען אין נאָטן" („קאָלירן און קלאַנגען", 1967, ז' 11). אָבער זי שרעקט אויך נישט צוריק פאַר דעם לייכטן אַסאָנאַנס און שרייבט: „אַ בלאָער פויגל טרילינגט / מיין דמיון־רחבות פעלד / פאַרהיל אויך אין מיין פרילינג / מיט מיר די גאַנצע וועלט". („שטערן

אין מיין שויב״, 1961, ז׳ 157). זי איז דאָ, בעצם, מחדש אַ ווערב (לויט טרילן, טרילערן — טרילינגען), בשעת מאַשע שטוקער־פּאַיוק באַנוצט אַ היימישלעך וואָרט: „זיינען מיר אַ דרייילינג / נעמען זיך אַרום / דריי מאַנאַטן פּרילינג / יעדער רופט אונדז: קום! („זינגענדיק״, 1951, ז׳ 112). מסתמא האָט זי זיך מתכוון געווען צום אַרויסרעד: דרילינג, וואָס גייט פּאַראַלעל צו צווילינג, און עס פּאַסט אויך פֿאַר איר כוונה: דריי יום־טובים. רעדט נאָך א. ל. וואָלפּסאָן וועגן גוטן מענטשן: „ער לעבט צופרידן זיך זיין וועלט / אָן דאגות און אָן זאָרגן / אַ צווילינג איז דער היינט ביי אים / מיט יעדן נייעם מאָרגן״ („הומאָר און סאַטירע 1911, סטערעאָטיפּ 1928, ז׳ 316). אָבער סיי ער און סיי די דיכטערין האָבן זיך אפשר נישט משער געווען, ווי ווייט דער באַנוץ איז פֿאַראַנקערט אין אונדזער שפּראַך — שרייבט דאָך ר׳ יחיאל מיכל עפּשטיין וועגן אַ תענית, וואָס געדויערט גאַנצע צוויי אָדער דריי מעת־לעת: „אַפילו ווען איינער איין צווילינג אָדער דרילינג פֿאַסט״ („סידור תפילה,״ פראַנקפורט דאָדער, 1703, עמ׳ ב״ו ע״ב).

יא

דער אַנדערער אויסוועג פּירט צוצושטעלן אַן אַנדער גראַם־ליד צו צווילינג, און עס גייט דאָ נישט אין עלטערע, לרוב היימישע, גראַמען, ווי עס האָט עס גאַר חנוודיק ר׳ מרדכלי: „מיין נחת מיין צווילינג / מיין געליע און שבע: / צוויי בתולות, צוויי שטענגלעך / שוין צייט פון גאַנץ לענגלעך / צו שטעלן פיר דרענגלעך — / און דאָ איז אַ דלות / אויף שבת — קיין חלות / נישטאָ אויף די כלות / קיין צעבראַכענער שילינג״ („משלים״, 1919, ז׳ 9). אַזאַ גראַם האָט געקענט אָנגיין נאָך איידער דאָס שפּעטע פרילינג איז אַריין אין לשון. מיר מיינען יינגערע, לרוב קינסטלעכע, גראַמען, ווי אַ שטייגער יעקב שטערנבערג, און אין דער זעלבער פּאָעמע, ווו ס׳איז פֿאַראַן אונדזער גראַם, אויף אַ פֿאַראַנדערשטן אופן: „כ׳זע אַליין מיט מיינע אויגן / גיין אין שניי דעם שוועסטער־צווילינג / נאַקעט / און מיט איין שאַלכל / אויפן קאָפּ אַנשטאָט אַ הילונג״ („סאָוועטיש היימלאַנד״, אַפּריל 1965, ז׳ 73; „אין קרייז פון יאָרן״, כנ״ל, ז׳ 145); ענלעך: „כ׳האָב ליב אָסיען קילן / כ׳האָב ליב אָנהויב פרילינג / די טעג וואָס זיך שפּילן / מיט ליכט און פּאַרהילונג״ (דאָרט ז׳ 426). אַזוי אויך בינעם העלער: „דער לעצטער טאָג פון פרילינג, / אַ פויגל שרייט און לאַכט. / באַלד קומט פאַר די אַנטהילונג / פון זומער אין זיין פּראַכט״ („לעצטע נייעס״, ה׳ סיון תשכ״ט; „אַ בוים אין אָוונט״, תשל״א ז׳ 110). פון אַנדערע גראַם־מעגלעכקייטן זע, אַ שטייגער, בן־ציון שאַ (שאַסטאַק): „פייגל, כ׳דערקען דיך דעם גאַסט פון דעם פרילינג / — — — וועקסט מיט דיין שאַלן דיין האַרציקע פילונג״ („געקליבענע לידער״, 1948, ז׳ 130), וואָס ער חזרט איבער: „בלומען וואַקסן, געבאָרן זיי אין פרילינג / — — — טרינק פון זיי מיט יוגנטלעכער פילונג״ (דאָרט ז׳ 151); ענלעך ישראל עמיאָט אין אַ ליד, וואָס הייסט „דער סיאַמער צווילינג״, ווו ער שרייבט: „אַ גאַנץ לעבן מיט פסוקים און מיט ראיות — / צו די ווונדן — אַ שטיקל קילונג; / קומסט פון צייטונג אויף די

נייעם: / געשטאָרבן דער סיאַמער צווילינג״ („אידישער קעמפער״, פּסח תשכ״ז ז׳ 50).

יא

אויב די דערמאָנטע דוגמות האָבן אַ גראַם, וואָס איז נישט פול אין אַלע יידיש דיאַלעקטן, האָבן אַנדערע דוגמות סתם אַסאָנאַנסן, ווי זיי זיינען שכיח אין דער מאָדערנער פּאָעזיע. אַזוי, אַ שטייגער, מאָטל שטורמאַן אין אַ ליד, וואָס הייסט „דער צווילינג״, און ווו ער שרייבט: „ווער איז די מוטער פון „אָך״ און פון „ווי״ / וואָס האָט געבאָרן דעם דאָזיקן צווילינג? — / ווען איך וואָלט דערהערט זייער ערשטן געשריי / ביים ראַנד פון געבורט וואָלט איך ביידע פּאַרטיליקט״ („סאָוועטיש היימלאַנד״, נאָוועמבער־דעצעמבער 1964); ענלעך לייב מאָרגנטוי: „געווען איז דער ניינצענטער טאָג אין אַפּריל, / עס האָט נישט מיט פאַרבן געשפּילט יענער פרילינג, / אַריין זיינען נאַציס מיט היטלערס באַפעל: / 'דער רעשט פון די יידן מוז ווערן פּאַרטיליקט'״ („צער און פרייד״, תשכ״ט, ז׳ 160).

מיר קווענקלען זיך צו באַשטימען דעם גראַם־כאַראַקטער פון אַ דוגמה, ווי מיר האָבן זי ביי נחמן ראַפּפּ, אין זיינס אַ ליד, וואָס הייסט „אַ פרילינג סתם״ און ווו ער שרייבט: „טרינק איך דעם כוס פון אַ ווייניקן פרילינג / אין גליווער־זכרון פון ווייט, / און וואָרצל אַרויס פון פאַרגאַנגענער בליונג / און מיין כ׳האָב נאָך צייט״ („לעצטע נייעם״, כ״א אייר תשכ״ט); און נישט מחמת דעם וואָס אַ מלאפום און אַ חיריק ווערן דאָ אַלציינס אַרויסגערעדט, נאָר מחמת דעם וואָס אַ למ״ד ווערט אַרויסגערעדט ווי אַ יו״ד. פּונקט ווי מיר קווענקלען זיך לגבי אַ ליד פון ישראל עמיאָט, וואָס הייסט „פרילינג״, און ווו ער שרייבט: „ווי כוואַליעס איבער ברעגן שטראָמט צו מיר דער פרילינג / און אַלע טואונגען פון טאָג באַקומען זיך געלייטערט; / און אַלע טואונגען פון טאָג באַקומען זיך דערווייטערט / און ווערן ווי די ערד פּאַסיוו, וויליק צי נישט וויליק״, און דער קווענקל קומט דערפון, וואָס דער אַרויסרעד איז נוטה צו דער פאָרעם: ווילינק, וואָס מיינט אַ פולן גראַם. אַזוי לאָזט זיך אפשר פאַרשטיין יוסף קערלער, וואָס אָפּערירט מיטן וואָרט צווייטלינג (באַגריפלעך נישט ווייט פון צווילינג), און שרייבט: „זאָלסט איר דעמאָלט בענטשן אונדזער ווייטיק / אונדזער שטאָלצן בלוטנדיקן דור, / ס׳גייט מיר נאָך דאָס היימלאַנד ווי אַ צווייטלינג / ווי אַ טרייער גוואַרדיע דאָזאָר״ („זעט איר דאָך״, תשל״ב, ז׳ 96). אַזוי, אַז עס איז, לויטן דיאַלעקטישן אַרויסרעד, אַ פולער גראַם ממש, ווי דער נאָרמאַטיוו קלינגענדער גראַם־חידוש פון אברהם סוצקעווער: „דאָס פלאַטערל אַ גילדערן / עס מורמלט: שטילינג; שטילינג, / נאָר קינדער שפּרינגען, פילדערן: / עס איז אַריין דער פרילינג״ („ליטעראַרישע זאַמלונגען״ V, שיקאַגאָ, 1948, ז׳ 21).*

* צום עניין צווילינג זע אַן אַנדערן באַצייכן — מ. ז.: „בינד מיך מיט דיין קייטעלע / כלייבן מיר אייביק אַ צווייטעלע / איך שענק דיר מיין רינגעלע / איך בלייב אויף עוויג דיין יינגעלע״ („כל נדרי״ 1907, ז׳ 17).

פראָפ׳ דב סדן

פון די קאָריפייען פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור־פאָרשונג.

געבוירן אין בראָד 1902. ראש פון דער קאַטעדרע פאַר יידיש ביים העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים. אין 1965 אויסגעקליבן געוואָרן אַלס כנסת־דעפוטאַט. באַקומען דעם פרייז פון ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט און לאורעאַט פון ישראל־פרייז פאַרן יאָר 1968.

חוץ די קרוב פופציק ביכער אין העברעיש, אַרויסגעגעבן פאָלגנדע ווערק אין יידיש : ״די חכמה פון חכמות״ (תל־אביב, 1967), ״חן־גריבעלעך״, בוענאָס־אַיירעס, דער ערשטער באַנד אין 1972, דער צווייטער — אין 1973. ״היימישע כתבים״, צוויי בענד (תל־אביב, 1972).

דליה קאופמאַן

שלום עליכם אין ראַטנפאַרבאַנד

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט)

מיר וועלן געבן געקליבענע כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן פון טענדענציעזע פאַרקירצונגען און „פאַרבעסערונגען" פון געדרוקטע שאַפונגען (אויך בריוו) פון שלום עליכם אין ראַטנפאַרבאַנד. פאַרשטענדלעך, אַז די אַרויסגעבער באַצייכענען ניט ווען אָדער צוליב וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרקירצונג אָדער אַ „פאַרבעסערונג". פון די פילע ביישפּילן האָבן מיר זיך באַגרענעצט צו 3 שאַפונגען פון שלום עליכם: דער ראָמאַן „אין שטורעם", „שלום עליכמס בריוו" און די סעריע „מנחם מענדל 1913".

דער ראָמאַן „דער מבול", וואָס זיין נאָמען האָט שלום עליכם שפּעטער געענדערט אויף „אין שטורעם", איז אין תוך אַ נאַציאָנאַלער ראָמאַן, געשריבן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905. דער ראָמאַן איז אין אַ געוויסער מאָס, אַן אָביעקטיווער פּרוּוו צו ווייזן די פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע שטרעמונגען פון דער דעמאָלטיקער יידישע יוגנט, זוכנדיק אַן אויסוועג פאַר דער יידן־פראַגע. אַזוי, אַז ס'דערשיינען אינעם ראָמאַן אויך סאָציאַליסטיש־ און קאָמוניסטיש געשטימטע יוגנטלעכע. פון די 24 קאַפּיטלען פונעם ראָמאַן, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן בלויז 13 — און אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט פאַרקירצונגען און „תיקונים", מערסטנטייל, אונטער נייע קעפּלעך, שאַפנדיק אַזוי אַרום אַ „נייע" דערציילונג בלויז וועגן דער קאָמוניסטישער העלדין פונעם ראָמאַן, מאַשאַ באַשעוויטש. מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע באַווייזן פאַר אונדזערע פעסטשטעלונגען. מיר באַזירן זיך ביים פאַרגלייך, אויף דעם באַנד „אין שטורעם" פון דער ניו־יאָרקער פאָלקס־פאָנד אויסגאַבע און אויף דער קיעווער זאַמלונג פון שלום עליכמס „געקליבענע ווערק", 1940:

פון דער פאָלקס־פאָנד־אויסגאַבע, קאַפּיטל „פאַרשטערט דעם יום טוב", ז' 202:

„אַלע כאַפּן זיך אויף פון די ערטער.

— אַ וואָס? — אַ פּאָגראָם ווייסט איר ניט? אַ יידישער פּאָגראָם, דאָס אייגענע וואָס אין קעשינעוו... דאָס דאָזיקע עכט־רוסישע וואָרט „פּאָגראָם", וואָס קאָן ניט איבערגעזעצט ווערן אויף קיין שפּראַך אין דער וועלט, רופט אַרויס ביי יידן אַ געפיל, וואָס קיין אומה ולשון קאָן עס ניט פאַרשטיין, אויסער יידן". (אונטערגעשטראָכן דורך מיר.)

פון „געקליבענע ווערק", קיעוו 1940, ז' 108:

„אַלע כאַפּן זיך אויף פון די ערטער.

— אַ וואָס? אַ פּאָגראָם ווייסט איר ניט? אַ יידישער פּאָגראָם, דאָס איי־

גענע ווי אין קעשינעוו. דאָס / פּ ע ל ט ביזן „וואָרט" [„פּאָגראָם"] / רופט אַרויס ביי יידן אַ געפיל וואָס קיין אומה ולשון קאָן עס ניט פאַרשטיין, אויסערן יידן".

נאָך אַ ביישפּיל פון דעם זעלבן ווערק.

פון דער פאָלקס־פאָנד־אויסגאַבע, קאַפּיטל „וואָס תמרה האָט געזען און געהערט", ז' 206:

„מע שלאָגט, מע הרג'עט, מע הרג'עט אויף טויט! תמרה פאַרשטעלט זיך די אויערן, און נישט ווילנדיק דערמאָנט זי זיך אין **ביאַליקס** בלוטיקער פּאָעמע [אין שחיטה שטאָט] וואָס סאשאַ האָט איר אַמאָל געלייענט, און וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אויף איר איין איינדרוק פון אַ שיינער הויכער פּאָעזיע, נישט מער. איצט קלינגען זיי איר אין די אויערן ווי טראָמפּייטן, ווי הונדערט קעסל־פּויקן... ווו איז אַ גרויסער דונער וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות?..." (אונטערגעשטראָכן דורך מיר.)

פון „געקליבענע ווערק", קיעוו 1940, קאַפּיטל „פּאָגראָם" ז' 108:[1]

„מע שלאָגט, מע הרג'עט, מע הרג'עט אויף טויט. / פּ ע ל ט.

אויסער די פאַרקירצונגען, האָבן די אַרויסגעבער פון דער סאָוועטישער אויסגאַבע, געמאַכט קאָנסעקווענטע „פאַרבעסערונגען", פאַרבייטנדיק אַזוינע באַדייטונגספולע ווערטער ווי „ג ו י", „ש י ק ס ע", „מ ו ז ש י ק" און"ד, אויף נייטראַלע אויסדרוקן: „פּ ו י ע ר", „ג ז ל ן", „מ י י ד ל". די דאָזיקע „פאַרבעסערונגען" זיינען כאַראַקטעריסטיש אויך לגבי אַנדערע שאַפונגען פון שלום עליכם, געדרוקט אין ראַטנפאַרבאַנד.

מיר וועלן זיך איצט ווענדן צו דעם באַנד „**אויסגעוויילטע בריוו**" [1883—1916] פון שלום עליכם, געדרוקט אין מאָסקווע, 1941. אינעם אַריינפיר צו דער דאָזיקער אויסגאַבע באַרימען זיך די צונויפשטעלער נאַדעל און מיטלמאַן מיט זייער „פולשטענדיק־וויסנשאַפטלעכן" באַנד, מאַכנדיק צו נישט פּובליקירטע בריוו פון שלום עליכם אויסערן ראַטנפאַרבאַנד: „די אַלע פּובליקאַציעס זיינען ווייט ניט קיין וויסנשאַפטלעכע... די אַרויסגעבער פון די בריוו דערלויבן זיך געבן בלויז אָפּגעריסענע שטיקלעך". ווייטער קאָנסטאַטירן די צונויפשטעלער, אַז זייער אויסגאַבע אַנטהאַלט בריוו פון ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער; די פאַמיליאַר־בעלי־ביתישע בריוו פון שלום עליכם האָבן זיי ניט געדרוקט.

אַז ס'איז דאָ זייער ווייניק אמת אין די דאָזיקע דערקלערונגען, איז גענוג אָנצוווייזן אויף 13 בריוו שלום עליכמס געשריבן אין 1906/7 צו ביאַליקן, רבניצקין און לווינסקין און אָפּגעדרוקט אינעם „שלום עליכם בוך", ניו יאָרק 1926, אָן ספק, בריוו פון גרויסן ליטעראַרישן ווערט. פון דער דאָזיקער סעריע, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „אויסגעוויילטע בריוו" מאָסקווע, בלויז א י י ן בריוו צו ביאַליקן (אַ הומאָריסטישער בריוול וועגן ביאַליקס שטעקשיך, וואָס ער האָט פאַרגעסן ביי שלום עליכמען).

מיר ברענגען דאָ בלויז צוויי ביישפּילן פון „אידעאָלאָגישע פאַרקירצונגען פון שלום עליכמס בריוו: א) פון אַ בריוו צו י. פּ ר אָ פּ ו ס ן[2] איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פאָלגנדיקס:

---

1. דער נאָמען פון אָריגינעלן קאַפּיטל „וואָס תמרה האָט געזען און געהערט" איז פאַרביטן געוואָרן אויף „פּאָגראָם", ווייל די ציוניסטישע העלדין תמרה עקזיסטירט ניט אין סאָוועטישן „אין שטורעם".

2. געדרוקט צוערשט אין „ליטעראַרישע בלעטער" 1926, נומ. 104.

„איצט דרוקט זיך אין וואַרשע מיין דריטער רעפעראַט איבער ציון 'צו אונדזערע שוועסטער', און אין בערדיטשעוו — אַ ציוניסטישער ראָמאַן 'משיח'ס צייטן'...". פון אַ בריוו צו י. צ י נ ב ע ר ג ן[3] איז אויסגעמעקט געוואָרן דער „פּאָסט־סקריפּטום": „נ. ב. אַ ייד דאַרף באַלד אַ טובה. קאָנט איר מיר צודינגען אין אַן אָנשטענדיק רוסישן זשורנאַל מע זאָל אויפנעמען אַ פּאָר זאַכן מיינע, איבערגעזעצט נישט שלעכט אויף ג ו י י ש, 'פון די באַן־געשיכטן' — סע שטייט מיר ניט אָן, ניט אַזוי פּאַר זיך ווי פּאַר א ו נ ד ז ע ר ליטעראַטור, זיך בעטן ביי די ג ו י י ם: נעמט דרוקט מיך! אויב ס'אייך שווערלעך צו שרייבן יידיש, שרייבט צו מיר אויף פּ אָ נ י ־ ל ש ו ן, נישקשה...". (אונטערגעשטער' — ד. ק.) דאָס אונטערשיידן אַזוי „דראַסטיש" צווישן גויים און יידן, א ו נ ד ז ע ר ליטעראַטור און „זייער" ליטעראַטור, איז זיכער געזען געוועזן ווי אַ „נאַציאָנאַליסטיש־רעאַקציאָנערער" שטריך פון שלום עליכמען.

ס'איז אונדז נאָך איבערגעבליבן צו באַהאַנדלען אייניקע ביישפּילן פון „מנחם מענדל'ס בריוו 1913"; די דאָזיקע בריוו שטעלן מיט זיך פאָר, אין אַ געוויסער מאָס, אַ צווייטן באַנד פון „מנחם מענדל".

די בריוו האָט שלום עליכם פּובליקירט אין וואַרשעווער „היינט" 1913, און זיינען ביז איצט נאָך ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרם; זיי זיינען אָבער צוויי מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אַלס אָפּקלייב, אין צוויי פאַרשיידענע צייטשריפטן און לויט גאַנץ פאַרשיידענע אָפּקלייב־פּרינציפּן.

דעם פאַרגלייך פון די פאַרקירצונגען און „אויסבעסערונגען" האָבן מיר דאָ דורכגעפירט צווישן דעם רעפּרעזענטאַטיוון קליינעם אָפּקלייב, וועלכן פּראָפ' ח. שמערוק האָט אָפּגעדרוקט אין „דער גאָלדענער קייט" 1966 (נומ. 56), און דעם ברייטן, אָבער שטרענג סעלעקטיוון „אָפּקלייב" וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 2־5, דורך רעמעניק. אַלס באַזע דערפאַר דינט דער מקור („היינט" 113). רעמעניק האַלט ניט פאַר נייטיק צו באַצייכענען, אַז ער דרוקט דאָ אַ טענדענציעזן אָפּקלייב, ער זאָגט בלויז אַז ער גיט אַרויס צום ערשטן מאָל דעם „צווייטן טאָם מנחם מענדל" און איגנאָרירט באַוווסטזיניק דעם אָפּקלייב געדרוקט אין 'די גאָלדענע קייט' מיט 3 יאָר פריער! „וואָס שייך דער מנחם מענדל סעריע אין 'היינט' איז זי קיינמאָל ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן' (רעמעניק). אַן אָביעקטיוו וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג געפינען מיר אין דעם פאָרוואָרט פון פּראָפ' שמערוק, ווו ס'ווערט געגעבן אַ קורצער איבערבליק וועגן דער שווערער לאַגע פון די יידן אין פּוילן, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער צייטונגס־רעפּאָרטער מנחם מענדל שפּיגלט אָפּ אין זיינע בריוו שלום עליכמס וועלטבאַנעם און צוגאַנג צו אַקטועלע פראַגן פון יענער צייט. פּראָפ' שמערוק פאַרענדיקט: „זאָל זשע די באַנייטע פּובליקאַציע, צוגעגרייט צום באַצייכענען שלום עליכמס 50־טן יאָרצייט, דינען ווי אַ דערמאָנונג וועגן חוב אַרויסצוגעבן **דאָס גאַנצע פאַרבליבענע** 'מנחם מענדל בוך'..." (אונטערגעשטראָכן דורך מיר.)

רעמעניקס לשון, אָבער, איז דורכגעזאַפּט מיט הויכע מאַרקסיסטישע מליצות וועגן „דער גאונישער קראַפט פון דער רעאַליסטישער שילדערונג און סימבאָלישער טיפּיזירונג" פון שלום עליכמען, אָבער „פאַרגעסט" צו באַצייכענען, ווי געזאָגט, אַז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" 1969, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בלויז אַ טענדענציעזע פאַרקירצונג, וואָס פאַרשמירט דעם שווערן עקאָנאָמיש-

---

3. געשריבן אין לאָנץ 1909, געדרוקט אין „דער וועג", פּעטראָגראַד 1916.

ווירטשאַפטלעכן מצב פון פּוילישן יידנטום ערב דעם ערשטן וועלט־קריג.

אויסער פילע אָפּזאַצן פון פאַרשיידענע בריוו, וואָס רעמעניק האָט ניט אַריינגענומען אינעם „צווייטן טאָם מנחם מענדל", זיינען געוואָרן אַרויסגעוואָרפן אויך אייניקע גאַנצע בריוו, ווי צ״ב, בריוו נומ. X, וועלכער רעדט פון דעם שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן און לייגט פאָר צו עמיגרירן. דער דאָזיקער בריוו איז יאָ אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „די גאָלדענע קייט".

צום סוף ברענגען מיר אַ פּאָר ביישפּילן פון שוין אונדז גוט באַקאַנטע פאַרקירצונגען:

א) פון מנחם מענדלס אַ בריוו צו שיינע שיינדלען, וועגן דעם פּוילישן באָיקאָט און ווי אים צו באַקעמפן („היינט" 1913, נר. 90), איז ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן דער לאַנגער „עיקר שכחתי": „אַ שטרייק אָדער אַ באָיקאָט, און אַ באָיקאָט פאַר אַ באָיקאָט. דו באָיקאָטעוועסט מיך, וועל איך דיך באָיקאָטעווען... איך זאָג עס אַקעגן וואַרשע. די וואַרשעווער יידן זאָלן מיר פאָלגן, וואָלטן זיי געטאָן דאָס זעלבע וואָס איך טו. איך רייד ניט קיין אַנדער לשון אַ חוץ יידיש. איך לייען ניט קיין אַנדערע צייטונגען, אַ חוץ יידישע, איך רויכער ניט קיין אַנדער פּאַפּיראָס, אַ חוץ אַ יידישן... אַז מען שמועסט ,סוואָי דאָ סוועגאָ', איז דאָך ניט שייך...".

מיר געפינען דאָ ווייטער דעם ספּעציפישן מין „פאַרבעסערונגען", צו נייטראַליזירן די „יידישע טראַדיציאָנעלע" אויסדרוקן ווי „גוי" א.א. למשל: "...מיקיטאַ. מיין איד, איז אָבער ניט אַזאַ גוי וואָס שרעקט זיך פאַר אַזעלכע זאַכן" („היינט" 1913, נר. 90) (אונטערגעשטראָכן דורך מיר). רעמעניק „פאַריכט" דעם זאַץ אַזוי: „מיקיטאַ, מיין איד, איז אָבער ניט אַזאַ (פעלט) וואָס שרעקט זיך אָפּ פאַר אַזעלכע זאַכן" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1969, נר. 3). נאָך אַ ביישפּיל: „... זיינען אים גויים באַפאַלן אין וועג" („היינט" 1913, נר. 86), און לויט דער „אויסבעסערונג": „... זיינען אים גזלנים באַפאַלן אין וועג" („סאָוועטיש היימלאַנד" 1969, נר. 4. אונטערגעשטראָכן דורך מיר).

די דאָזיקע „תיקונים" זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, אין די 30־ער יאָרן גלויב איך, אויסצומעקן פון יידישן ווערטערבוך דאָס וואָרט „גוי" און ענלעכע, און פון רוסישן ווערטערבוך דאָס וואָרט „זשיד"... אין דעם פאַל פון „מנחם מענדל 1913" איז אויך צוגעקומען אַן אַקטועל־פּאָליטישע סיבה — די אויסערלעכע פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד בנוגע פּוילן אין יאָר 1969.

*

מיר האָפן אַז אונדזער איבערבליק האָט מער אָדער ווייניקער אָפּגעשפּיגלט די ספּעציפישע פּראָבלעמען ביים דרוקן שלום עליכמען אין ראַטנפאַרבאַנד, איבערהויפּט אין דער תקופה 1925—1948.

פון דעם אויבן געזאָגטן, קען מען פירן פּאַראַלעלן אויך לגבי די אויסגאַבן פון די צוויי אַנדערע קלאַסיקער, פאַרשטענדלעך מיט ניואַנסן לגבי יעדן שרייבער באַזונדער, לויט דעם אַלגעמיינעם אידעישן אינהאַלט פון זיינע ווערק. די „שיטה" פון ביישוויליקע פאַרקירצונגען און „אויסבעסערונגען" האָב איך געפונען בלויז לגבי שלום עליכמען, און אפשר צוליב דעם דווקא וואָס ער איז געווען דאָרט דער פּאָפּולערסטער, און מען האָט געשטרעבט דרוקן, ווי מעגלעך, וואָס מער פון זיינע שאַפונגען.

מיר האָבן אויך געבראַכט, פאַרהעלטענישמעסיק, פיל כאַראַקטעריסטישע ציטאַטן פון די אַריינפירן צו שלום עליכמס אויסגאַבן מיטן ציל צו אילוסטרירן כאָטש אין אַ קליינער מאָס, דעם אידעאָלאָגישן באַזיס פון דער דורכאויסיקער סעלעקציע, ביים דרוקן זיינע ווערק. אַרויסגעבער און צונויפשטעלער

האָבן טאַקע, אויסער ווייניקע אויסנאַמען, געמאַכט זייער מלאכה באמנות, מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן אונטער אַ שטענדיקן שווערן **אויסערלעכן** דרוק פון דער פאַרטיי.

די סעלעקטיווע קריטעריעס האָבן אָפּגעוואָרפן אויף אַ קאָנסעקווענטן אופן שלום עליכמס ציוניסטישע אָדער „קלעריקאַל־טראַדיציאָנעלע" שאַפונגען, ווי אויך פּובליקאַציעס וואָס באַציען זיך פּאָזיטיוו צו דער העברעאישער ליטעראַטור און אידעאַליזירן דעם יידישן עבר („נאַציאָנאַליסטיש־יידישיסטישע ווערק"), אויך שריפטן וואָס ריידן וועגן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד און רירן אָן, כלומרשט, דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון דער נאַציע.

די טעמע „שלום עליכם אין ראַטנפאַרבאַנד" איז אַ שפּיגל פון די טונקל־טראַגישע און שטויבענדיקע וועגן פון אַ ליטעראַטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן יאָרנלאַנג אונטערן דרוק פון אַ ברוטאַלן אויסערלעכן און אינערלעכן פאַרטייאישן צענזאָר. (ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט דורכצופירן אַ פאַרגלייך מיט די ליטעראַטורן פון אַנדערע מינדערהייטן אין ראַטנפאַרבאַנד און די באַציונג צו זייערע קלאַסיקער).

אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן, איז דורך דער דאָזיקער אַרבעט באַלויכטן געוואָרן אַ ווייניק באַקאַנטער אַספּעקט פון שלום עליכמס שאַפונג: שלום עליכם דער ציוניסטיש־נאַציאָנאַלער דיכטער און דערציילער.

איך וועל פאַרענדיקן מיט צוויי באַמערקונגען:

א) אונדזער אַרבעט האָט זיך ניט פאַרנומען מיט עסטעטיש פאָרמאַליסטישע קריטעריעס, וואָס האָבן אפשר, אין זעלטענע פאַלן, אויך באַשטימט דעם אינהאַלט פון געוויסע שלום עליכם־אויסגאַבן. אויב ס'זיינען געווען אַזעלכע קריטעריעס, איז זייער ווערט געווען אַ מינימאַלער.

ב) באַמיענדיק זיך צו זיין אָביעקטיוו ביי אונדזער באַהאַנדלונג פון דער טעמע, דאַרפן מיר פעסטשטעלן, אַז ביז איצט זיינען בלויז אין ראַטנפאַרבאַנד געמאַכט געוואָרן אייניקע ערנסטע פּרוּוון פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע פון שלום עליכמס שריפטן (פאַררעכענענדיק אויך די עטלעכע זאַמלונגען פון שלום עליכמס ניט באַוווּסטע שאַפונגען, אָפּגעדרוקט פון אַלטע זשורנאַלן, וואָס אַ טייל פון זיי איז היינט אוממעגלעך צו באַקומען. ס'איז איבעריק צו ריידן וועגן דעם ליטעראַריש־היסטאָרישן ווערט פון אַזעלכע זאַמלונגען).

דאָך מוזן מיר ווידער באַטאָנען, אַז די אויבן דערמאָנטע אויסגאַבן, פאַרלירן ליידער זייער וויסנשאַפטלעכע אויטענטישקייט, צוליב די סעלעקטיווע קריטעריעס און די פילע „פאַרבעסערונגען" און פאַרקירצונגען.

ס'איז אָבער אַ פּשוטער פאַקט — שלום עליכם איז געווען זייער באַליבט דורך זיינע לייענער אויך אין ראַטנפאַרבאַנד. די אידעאָלאָגיע געהערט צו אַ קליינער גרופּע וויסנשאַפטלער און פּאָליטישע עסקנים. דער פאָלקס־געשמאַק און זיינע קולטורעלע באַדערפענישן רייסן אויף די אידעאָלאָגישע גרענעצן.

אין יאָר 1959, נאָך אַ הפסקה פון 11 יאָר, האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן, אין אַ קליינער צאָל, צו דרוקן יידישע ביכער אין ראַטנפאַרבאַנד; אַ קליינער באַנד „אויסגעוויילטע ווערק" פון שלום עליכמען, איז געווען דאָס ערשטע אָפּגעדרוקטע בוך.

דליה קאַופמאַן

געבוירן אין ווילנע. אַלס קינד, צוזאַמען מיט אַ גרופּע קאַצעט־לער און געטאָ־קעמפער עולה געווען קיין ישראל אין 1946. געאַרבעט אין אַ קיבוץ. אין 1960 געענדיקט דם פאַקולטעט פון העברעישער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע פון ירושלימער אוניווערסיטעט. גיט אָפּ אַצינד די מאַגיסטער־עקזאַמענעס פאַר יידישער ליטעראַטור. אַרבעט אין דער ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק. פאַרעפנטלעכט רעצענזיעס און פאָרש־אַרבעטן וועגן די פּראָבלעמען פון ביבליאָטעק־וועזן אין "יד לקורא". די וויכטיקסטע אַרבעטן געדרוקט געווען אין "די גאָל־דענע קייט" ("פּרץ אין ראַטנפאַרבאַנד") און "בחינות" (וועגן איציק פעפער).



מוליא גילינאַוו (פון דער סעריע "קעמפער פאַר עליה") — חיים אַראָנשטאַם

פּראָפ׳ סאָל ליפּצין

פיר דיכטער, נייע עולים

די יידישע ליטעראַטור אין ישראל איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער תקופה פון אויפבלי מיט דעם קומען פון די יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון פוילן און רוסלאַנד צום סוף פון די זעכציקער און אָנהויב זיבעציקער יאָרן. שוין אין דעם לעצטן יאָרצענדליק האָט ישראל איבערגענומען די העגעמאָניע אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע ניו־יאָרק האָט אָנגעהאַלטן זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה נאָך דעם אונטערגאַנג פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע קולטור־צענטערס. שוין אין יאָר 1962 האָט ישראל איבערגעשטיגן אַמעריקע אין דער צאָל ביכער, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן און מיט יעדן יאָר איז ישראלס אָנטייל אין דער יידישער ליטעראַטור געוואַקסן.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ווען „די גאָלדענע קייט“ האָט אָנגעהויבן דערשיינען, קורץ נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל, האָבן פעסימיסטישע נביאים פאָרויסגעזאָגט, אַז יידיש וועט באַלד אָפּשטאַרבן, און אַז אַ ליטעראַרישע צייטשריפט פון אַזאַ הויכן ניוואָ וועט אין ישראל קיין קיום נישט האָבן.

דער רעדאַקטאָר אברהם סוצקעווער האָט דערויף געענטפערט, אַז אין הונדערט יאָר אַרום וועט מען נאָך אַלץ דעבאַטירן וועגן דער לעבנספעיקייט פון יידיש. אינצווישן איז שוין אַ פערטל־יאָהונדערט פאַרביי, און יידיש לעבט איצט גאָר אויף אין ישראל, אַדאַנק די קולטור־מענטשן, שרייבערס, זשורנאַליסטן, שוישפילער, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין די לעצטע פאָר יאָר.

פיר דיכטער פון די ניי־געקומענע, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים, האָבן שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן וויכטיקע ווערק, וואָס שפיגלען אָפּ די טראַגישע רעאַליטעט פון זייער פאַרגאַנגענהייט אין די גלות־לענדער און זייער עקשנותדיק גלויבן אין נצח ישראל. די דאָזיקע פיר דיכטער זיינען: דוד ספאַרד, יוסף קערלער, זיאַמע טעלעסין און רחל בוימוואָל.

ספאַרד האָט שוין הינטער זיך אַ רייכע ליטעראַרישע לעבנס־דערפאַרונג. ער איז געווען טעטיק אין פוילן אַלס דיכטער, קריטיקער און רעדאַקטאָר. ער האָט אָנגעפאַנגען מיט יוגנטלעכע העברעישע לידער אין די צוואַנציקער יאָרן און שפעטער אַרויסגעגעבן אַ באַנד יידישע לידער און אַ בוך פראָזע. זיין יוגנטלעכער פעריאָד האָט זיך אָפּגעהאַקט אין 1939, ווען די דייטשיש־פאַשיסטישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו דער פוילישער הויפטשטאָט און ספאַרד האָט זיך עוואַקואירט קיין ביאַליסטאָק. לויט דעם היטלער־סטאַלין אָפּמאַך איז ביאַליסטאָק אָקופּירט געוואָרן דורך רוסלאַנד און אין משך פון צוויי יאָר איז די דאָזיקע שטאָט געווען אַ וויכטיקער צענטער פון יידישער ליטעראַרישער שאַפונג. נאָך דעם דייטשישן איבערפאַל אויף רוסלאַנד אין 1941, איז ספאַרד

אַנטלאָפן קיין קאַזאַכסטאַן און באַלד ווי פּוילן איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע. דאָרט איז ער אויסגעוואַקסן צו אַ צענטראַלער געשטאַלט אין דער ווידעראויפלעבונג פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור־בויונג.

מער ווי 300 יידישע ביכער זיינען דערשינען אונטער זיין רעדאַקציע. זייַנע עסייען ווערן פאַרעפנטלעכט נישט בלויז אין זיין געבוירלאַנד, נאָר אויך אין צייטשריפטן פון מאָסקווע, פּאַריז, ניו־יאָרק, בועגאָס־איירעס און תל־אביב. די דאָזיקע עסייען זיינען געזאַמלט געוואָרן אין צוויי בענד, אין די יאָרן 1949 און 1955. ביז צו דער זעקסטאָגיקער מלחמה איז ספּאַרד געווען אַלגעמיין־אַנערקענט אַלס דער סענסיטיווסטער ליטעראַרישער קריטיקער אין מזרח־אייראָפּע. אַ פיינער עסטעטישער חוש איז אויך אייגנטימלעך דוד ספּאַרד דעם דיכטער, דאָס פילט זיך אין זיינע דריי רייפע לידער־זאַמלונגען צווישן 1957 און 1966.

די פּוילישע רעגירונג האָט אים באַשאָנקען מיט אויסצייכענונגען פאַר זיינע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע פאַרדינסטן. די באַציונג צו אים האָט זיך אָבער געענדערט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג אין דעם סכסוך צווישן די אַראַבער און ישראל אין 1967. אַ שענדלעכע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם האָט דאַן פאַרפלייצט פּוילן. דעם דיכטערס אָפּטימיסטישע חלומות וועגן אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן צווישן יידן און פּאָליאַקן זיינען צונישט געוואָרן. די קאָמוניסטישע קעמפער פאַר פרייהייט און גלייכהייט האָבן די דעראָבערטע „פרייהייט און גלייכהייט" נישט געוואָלט טיילן מיט יידן. „בייזע בליקן, שנאה־בליקן, בליקן פון פאַראַכטונג" האָבן דעם יידישן דיכטער באַגלייט אויף די וואַרשעווער גאַסן. ער איז פון זיי אַנטלאָפן.

יאַנואַר 1969 איז ער אָנגעקומען קיין ישראל. אין ירושלים האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ האַרציקער אויפנאַמע. ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט ווייטער אָנצוגיין מיט זיין אונטערגעבראָכענער שעפערישקייט.

„ברענענדיקע בלעטער" (1972), איז די ערשטע זאַמלונג פּאָעזיע פון דוד ספּאַרד, אַרויסגעגעבן אין ישראל. דער באַנד באַשטייט פון זיינע לעצטע, פאַרצווייפלטע וואַרשע־לידער און זיינע ערשטע ישראל־לידער. מיט דעם באַנד ווערט געשלאָסן און פאַרסך־הכלט דער צווייטער עטאַפּ פון זיין דיכטערישער ביאָגראַפיע און ס׳מערקט זיך אַ נייער שעפעריש־פּאָעטישער אויפשטייג מיט נייער פאַרטיפטער טעמאַטיק און מיט באַרייכערטע סטיל־מעגלעכקייטן.

דער ערשטער לידער־ציקל אין דעם באַנד טראָגט דעם טיטל „תוהו ובוהו". דער ליריקער, קורץ פאַר זיין אָפּפאָר פון פּוילן, דריקט אויס זיין טיפן צער אין אָנבליק פון פיינפולע אַנטוישונגען און פאַרשוועכטע יוגנט־אידעאַלן. אַציַנד שטייט ער פאַרלאָשן און גרוי ביי אַן אָפּגרונט. זיין לעבנסלאַנגער גלויבן איז דערמאָרדעט. זיינע טעג זיינען ווי ברענענדיקע בלעטער, צעפלויגענע אויפן ווינט. קיינער וועט זיי שוין מער נישט קאָנען צוזאַמענברענגען. זיינע נעכט זיינען פול מיט שרעק. הינטער יעדן טויער לויערט געפאַר. ער פילט, אַז מען גייט אים נאָך אומעטום. ער שילדערט אין פאַרשיידענע אימאַזשן זיין טרינקען זיך אין טרויער, דאָס אויסלעשן זיך פון די לעצטע פונקען פון אמונה אין דעם רעזשים, אונטער וועלכן ער האָט ביז איצט געלעבט. ער שליידערט פאַרביטערטע פערזן קעגן זיינע ביז איצטיקע שכנים. איצט ווייסט ער, אַז זיי האַסן אים „ווען ער לאַכט און ווען ער וויינט, ווען ער גייט גלייך מיט זיי און ווען ער גייט אַליין". איצט זוכט ער דעם וועג צוריק צום אייגענעם שטאַם, צוריק צום אָרעמען יידישן געסל

— פון די גרויסע אכזריותדיקע פרעמדע גאַסן. ער ווייסט אָבער נישט, צי עס וועט אים נאָך סטייען כוח צו אַנטלויפן פון זיינע פאַרבלאָנדזשעטע יאָרן, צו מאַכן די לאַנגע נסיעה צו זיין פאָלק, און אָנצוהויבן די שפּעטע באַנייונג.

נאָכדעם ווי ער האָלט אָפּ אַ משפּט איבער זיך אַליין, נאָכדעם ווי ער באַ־פרייט זיך פון די געשפּענסטער פון דער פּוילישער סביבה, שלאָגן פּלוצים אויף אַלטע קוואַלן אין זיין בלוט. ער דער־מאָנט זיך אין דעם אייביקן בונד צווישן דעם ייִדישן מענטשן און דעם ייִדישן לאַנד. ער וויל גיין זיינע לעצטע יאָרן אויף ייִדישער, אייגענער ערד.

נאָכדעם ווי עס געלינגט אים זיך איינצואָרדענען אין ירושלים פאַר־שווינדט כמעט דאָס וואָרט טרויער פון זיינע לידער. להיפּך צו דעם ציקל „תוהו ובוהו" רופט ער אָן זיינע ישראל־לידער „בראשית", ווייל ער איז ווידער ביי אָן אָנהייב, ער גייט אום איבער די שטילע געסלעך פון ירושלים פאַרחלומט, אָבער דער חלום איז אויף דער וואָר.

„כ׳פאַל צו מיט די ליפּן צו דער ערד
און ווייס — זי איז פאַראַן, זי איז וואָר
און בלויז צו איר פון איצטער איך געהער".

עס איז אים גוט צו זיין אין אייגענעם לאַנד, ווו מען ווייס נישט מער פון „מיר און זיי". אַזוי פיל שיינקייט זעט ער איצט אַרום זיך. עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין דאָ אַמאָל גע־ווען, אַז ער האָט שוין אַמאָל געזען די בערג און די טאָלן פון דעם הייליקן לאַנד, אָבער ווען און ווי אַזוי איז אים נישט קלאָר. איז עס געווען אין די חדר־יאָרן, ווען ער, אַ רב׳ס אַ זון, האָט שפּאַצירט איבער די זייטלעך פון תנ״ך צוזאַמען מיט דער טערקלטויב פון שיר השירים? אָדער איז עס געווען אין אַ גילגול פאַר זיין געבוירן ווערן אין אונדזער יאָרהונדערט? זיינע אַמאָלן גיין האַנט־ביי־האַנט מיט זיינע הייַנטן.

אַ טראָפּן פרייד אין ייִדישלאַנד וועגט ביי אים אַריבער גאַנצע טייכן פרייד אויף פרעמדער ערד. אַ האַרטער שטיין אין דער ייִדישער היים איז גענוג פאַר אים אָנטשלאָפן צו ווערן און דערזען דעם אַלטן חלום פון מלאכים, וועלכע שטייגן אַרויף צום הימל און נידערן צו דער ערד.

ספּאַרדס ישראל־לידער אָטעמען מיט צערטלעכער ווייכער שטימונג. זיי זיינען שטילער אין טאָן. די בייזע צייט פון פריער פאַרשווינדט צו ביסלעך ווי אַ טומאַן אין זונענליכט. עס פרילינגט ווי־דער אין זיין הארץ...

גאַנץ אַנדערש זיינען די לידער פון יוסף קערלער, וואָס ער האָט פאַרעפנט־לעכט באַלד ווי ער איז אָנגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד קיין ישראל, אַ יאָר נאָך ספּאַרדן. שוין דער נאָמען „דאָס גע־זאַנג צווישן ציין" ווייזט אויף אַ מער קעמפּפערישער נאַטור.

קערלערן איז געווען שווערער אויס־צוהאַלטן די גלות־יאָרן און סאָוויעטנ־לאַנד, ווי ספּאַרדן אין פּוילן. קערלערן האָט מען נישט פאַרטריבן פון זיין גע־בוירנלאַנד. פאַרקערט — ער האָט גע־מוזט קעמפן מען זאָל אים אַרויסלאָזן. און אַרויס האָט ער שוין געוואָלט זייט 1949, ווען מען האָט פאַרשניטן די ייִדי־שע קולטור אין סאָוויעטנפאַרבאַנד. שוין אין 1948 האָט ער אויסגעשריגן זיין צער, וואָס עס ווערט געקוילעט זיין ליד, עס ווערט פאַרלאָשן זיין לשון, עס ווערט פאַראורטיילט צו שטומקייט זיין פאָלק. אויך ער באַמערקט אַרום זיך שנאה, אויך ער פילט זיך איינזאַם אין זיין סביבה, אויך ער דערקענט אַז דער קעניג, וועלכן מע מוז לויבן, איז נאַקעט. ער פילט זיך ווי אַ געפאַנגענער אין אַ שטייג. ער רעוועט און ברומט. ער שליידערט זיך אַרום, אָבער ער קאָן זיך נישט דורכברעכן צו דער פרייהייט. ער, וואָס האָט העלדיש געקעמפט פאַר זיין געבוירנלאַנד אין שלאַכטן קעגן די נאַ־ציס, ווערט באַלוינט פאַר זיין העלדנ־

מוט מיט יאָרן פאַרשפאַרטקייט אין תפיסה און אין צוואַנגס־לאַגערן.

ערשט נאָך סטאַלינס טויט האָט מען קערלערן באַפרייט און רעהאַביליטירט.

אין דעם שווערסטן יאָר פון זיינע ליידן, 1953, האָט ער געדיכטעט זיין טראַציק ליד „עקשנות". ער פאַרבייסט די ציין און גיט זיך נישט אונטער, אפילו ווען מען קנעט אים מיט בייניקע פויסטן און מען טרעט אויף אים מיט זעלנערישע שטיוול. שווייגן מוז ער, אָבער נאָכגעבן זייער ווילן וועט ער נישט, אים וועלן זיי קיינמאָל נישט צעברעכן. פאַרקאָוועט און איינזאַם אין זיין תפיסה, פאַרלירט ער נישט זיין מענטשלעך פנים. ער גיט זיך נישט אונטער דער פאַרצווייפלונג. ער זאָגט זיך, אַז ער טאָר נישט שטאַרבן, אַז ער מוז איבערלעבן אַלע יסורים, ביז „די פאַרשפּילטע, פאַרשפיגענע יאָרן" וועלן פאַריבערגיין. אין די לאַנגע פאַ־ליאַרע נעכט אין וואָרקוטאַ, קלאַמערט ער זיך אין זיין יידיש לשון און חלומט פון דעם ווונדערלעכן, וואַרעמען ירדן, אין דעם לאַנד פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, און זיין יידיש פאָלק, „וואָס זוכט יושר און אמת אינעם שטילשטאַנד פון שחיטה צו שחיטה".

קוים ווערט ער אין 1955 באַפרייט פון סטאַליניסטישן גהינום, שרייט ער אויס: עם ישראל חי! ער איז גרייט אָפצוגעבן דאָס לעצטע העמד און אָפשינדן פון זיך די לעצטע הויט, אַבי נישט צו בלייבן אין דער פרעמד. פופצן יאָר קומט אים אויס צו קעמפן, איידער עס געלינגט אים זיך אַרויסצורייסן. ער זאָגט צו די יעניקע, וואָס ווילן אים צוריקהאַלטן, אַז ער האָט נישט קיין טענות צו די, וואָס פאַרבלייבן. זייערס איז דאָס רוסישע לאַנד, זייערס איז די רוסישע ערד. ער אָבער איז נישט זייערער. אים זאָל מען אָפלאָזן, אים זאָל מען נישט פאַרהאַלטן. אין איינעם פון זיינע שענסטע לידער באַזינגט ער די יידישע יינגלעך און מיידלעך, וואָס קומען זיך צוזאַמען ביי דער מאָסקווער שול, „ווי הינטלעך, וועלכע זוכן בלינד די ברוסט פון זייער מאַמען". זיי קענען נישט קיין יידיש וואָרט, אָבער זיי פילן ביי די אויסגע־טראָטענע, גרייזע טעמפּל־טרעפ אַ היי־מישקייט, אַ וואַרעמקייט. ער אַליין זעט אין ישראל זיין איינציקע טרייסט: ער ווייס נישט, צי דאָס יידישע לאַנד ביי־טיקט זיך אין אים. ער אַליין באַדאַרף עס „ווי אויגן באַדאַרפן ליכט, ווי לונגען — לופט"... נאָך איידער ער קריגט די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוס־לאַנד, רופט ער אויס צו דער יידישער מדינה פון דער טיפעניש פון זיין האַרץ: „צו דיר כ'וועל געהערן, מיט דיר וועל איך זיין".

קערלערס לירישע זאַמלונג פאַרענ־דיקט זיך מיט זיין ערשטן ליד. שוין נאָך זיין אָנקומען קיין ישראל. ער האָט זיך דורכגעבראָכן צו דער זוניקייט. ער זעט פאַר זיך דאָס לאַנד נישט בלויז פון זיינע אבות, נאָר אויך פון זיינע קינדס־קינדער. עס איבערטריפט מיט זוניקער העלקייט אַלע זיינע שענסטע חלומות, דאָס ליד איז פול מיט פאָרגע־פיל פאַר גליק און פרייהייט. דעריבער קאָן מען דערוואַרטן אין די לידער, וואָס ער וועט איצט שאַפן אין ישראל אַ מער אידילישן טאָן, ווי אין זיינע ביז אַהע־ריקע קעמפערישע גלות־לידער.

מילד, טרויעריק און שטיל זיינען די לידער פון זיאַמע טעלעסין, מען שפירט שוין דאָ די עלעגישע שטימונג אין דעם טיטל פון זיין באַנד: „געוויין פון זכ־רון". אַזוי ווי קערלער האָט אויך ער מיטגעמאַכט די מלחמה־יאָרן אַלס אָפי־ציר אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. אין 1948, איידער דער לעצטער יידישער פאַרלאַג „עמעס" איז געשלאָסן געוואָרן אין מאָסקווע, האָט ער נאָך באַוויזן אַרויסצוגעבן זיין ערשטע גרעסערע לידער־זאַמלונג „אויף דער ליכטיקער וועלט". נאָך סטאַלינס טויט האָבן זיינע לידער־זאַמלונגען געקאָנט דערשיינען בלויז אין אַ רוסישער איבערזעצונג,

אָבער נישט אין יידישן אָריגינאַל *). זיין איינציקער בוך איז דעריבער אַן אָפּקלייב פון זיין שאַפן פון מער ווי אַ פערטל־יאָרהונדערט אין רוסלאַנד און שפּיגלט נאָך נישט אָפּ זיינע ישראל־איבערלעבונגען.

עס זיינען אין בוך פאַראַנען אַ סך מלחמה־לידער. ער האָט זיי געשאַפן דירעקט אויפן שלאַכט־פעלד — צווישן פייער און רויך, אין טראַנשייען. ער, וועלכער פילט מיט דאָס ליידן פון אַ נאַקעט בלאַט, וואָס אַ בייזער ווינט האָט אַראָפּגעריסן פון אַ בוים און וואָס קאָן די געשמאַקע, לעבנס־דערקוויקנדיקע ראָסע מער ניט טרינקען. ער, דער בעל־רחמנות, מוז גיין מענטשן הרגענען. דעריבער זיינען לידער אַזוי עכט און נישט קיין קאַזיאָנע־געזאַנג וועגן העלדישקייט. אים טרייסלט אויף דאָס געוויין פונעם מיידעלע, וואָס לויפט פאַריתומט מיט באָרוועסע פיסלעך, פאַר־בלאָנדזשעט צווישן די טראַנשייען, דאָס בענקען פון פאַרזשמורעטע סאָלדאַטן נאָך זייער היים, איידער זיי לאָזן זיך אין דער שלאַכט, זיינע אייגענע טראַגי־שע איבערלעבונגען, ווען ער, דער יידיש־רוסישער לייטענאַנט רייסט זיך אַריין מיט זיין דיוויזיע קיין סאַנדאָמיר און טרעפט דאָרט אָן אויף די זיבעצן יידישע נפשות, וואָס זיינען פאַרבליבן ביים לעבן, זיבעצן מענטשן — פון אַ גרויסער יידישער קהילה.

טעלעסינס זכרון פירט אים צוריק צו דעם יונגן, מונטערן מינסקער פּאָעט איזי כאַריק, וועלכער איז שוין אין 1937 פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט, און דעם גרייזן, קראַנקן קריטיקער יחזקאל דאָב־רושין, וועלכער האָט פאַרענדיקט זיינע לעצטע יאָרן אין אַ סאָוויעטישן קאָנ־צענטראַציע־לאַגער. ביידע באַזינגט ער אין אַ פיינפולן פאָלקסטימלעך־עלעגישן טאָן.

טעלעסינס באַנד לעבט אויף פאַר אונדז אויך זאַפּטיקע שטייגער־געשטאַלטן פון יידישע בעלי מלאכות ווי בערל דער שוסטער, יאַנטל דער שמיד און משה דער בלעכער, פון פויערים און ישובני־קעס, פון יאַקוטן און ציגיינער. די לי־דער שיינען מיט מילדן הומאָר, אָבער פון צייט צו צייט רייסן זיך אויך ביי אים אַרויס ווייטיקלעכע טענער וועגן דעם, וואָס מען באַטראַכט אים ווי אַ פרעמדן אין רוסלאַנד, כאָטש ער האָט אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט פון אים געוואָלט ; אַ טאָן פון טרויער ווי, צום ביישפּיל, ווער ער באַקענט זיך מיט אַ גריך ביים שוואַרצן ים — דער גריך בענקט נאָך גריכנלאַנד און ער בענקט נאָך אַ לאַנד, וואָס ער טאָר אפילו נישט דערמאָנען דעם נאָמען. ער זיפצט בלויז, ווי גוט עס וואָלט געווען צו האָבן אַן אייגן לאַנד, וואָס מעג אפילו האָבן ניט מער ווי איין טייכל און איין וועלדל, איז פאָרט בעסער ווי אַ גאָר גרויסער גלות. „אין אָט דער מדינה, וואָס איז אַזוי קליין, כ׳וואָלט אויסלעבן גליקלעך די יאָרן".

ערשט אין יאָר 1971 איז טעלעסינען געלונגען צו קומען צוזאַמען מיט זיין פרוי, דער דיכטערין רחל בוימוואַל, אין דעם קליינעם לאַנד, צו וועלכן זיין האַרץ האָט געצויגן.

רחל בוימוואַל איז אין דער סטאַלין־צייט פאַר דער ליקווידאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור, געוואָרן באַליבט דורך אירע קינדער־לידער. אין אירע יונגע יאָרן האָט זי זיך געפילט גליקלעך אין איר געבוירנלאַנד, ווו יעדעס גרעזל האָט אין אירע אויגן געהאַט חן און יע־דעס שטיינדל — חכמה. אָבער נאָך דעם, ווי די יידישע וועלט פון איר באָבע איז פאַרשניטן געוואָרן און אַוועק מיט די מלחמה־פלאַמען, האָט אויך זי אָנגעהויבן צו בענקען נאָך דעם פאַרשוווּנדענעם יידישן שטייגער. דאָס בענקעניש איז גע־

*) אין 1968 איז אין מאָסקווער פאַר־לאַג „סאָוויעטסקי פּיסאַטיעל" ענדלעך דערשינען טעלעסינס לידער־בוך „אויף מיין אחריות" אויך אין יידיש (רעד.).

וואַקסן פון יאָר צו יאָר און האָט פאַר־נומען אַלץ מער פּלאַץ אין איר פּאָעזיע. דערפאַר טאַקע רופט זי אָן איר ערשטן בוך, נאָך איר אַנקומען קיין ישראל, „אויסגעבענקט״.

דער באַנד זאַמלט איין אַלטע און נייע לידער. פאַר 1948 וויברירט אין אירע נאַטור ־ און ־ ליבעס־לידער יוגנטלעכע פרישקייט, אָפט געמישט מיט לייכטן הומאָר. זי ווייסט, אַז אַ ביימעלע איז פריילעך און אַ בוים איז שטרענג, אַז אַ זילבער־ליכטיק וואָלקנדל האָט גאָר אַן אַנדער חן ווי אַן אויסגעוואַקסענער שווערער וואָלקן. אָבער אָט ברעכט אויס די מלחמה מיט אַלע אירע אומגליקן און מערדערייען. זי בלייבט אַליין. דער ליבסטער איז אויפן שלאַכטפעלד. זאָרג און טרויער און ווידער בענקשאַפט. די שטילקייט יאָמערט און שרעקט זי יעדע נאַכט. און ווען די מלחמה ענדיקט זיך, קומען אַן אַנדערע שווערע יאָרן, ווען זי מוז שווייגן, ווייל איר יידיש לשון איז פאַרשטומט. פאַרצייכנט זי פאַר זיך רעמיניסצענצן פון אירע אייגענע קינ־דער־יאָרן. פון דעם אויטאָביאָגראַפישן ציקל „דאָס מיידעלע״, דערוויסן מיר זיך, אַז צו איר גליקלעכער פרייער קינדהייט האָט אַ סוף גענומען, ווען זי איז קוים אַלט געווען זעקס יאָר, ווען זי איז געבליבן אָן אַ דאַך און האָט פאַרזוכט דעם טעם פון נע־ונד. אַ חוץ צוויי מלחמות האָט איר דור דורכגעמאַכט אָן אכזריותדיקן בירגער־קריג. זי, דאָס קליינע מיידעלע, האָט געמוזט אַנטלויפן פון דעניקינען, פעטליורען און פון די פּאַליאַקן. זי האָט געזען זעלנער מיט געלאָדענע ביקסען, דעם גרויל פון צע־שניטענע העלדזער, צעשאָסענע מענער, פרויען — אלמנות און קינדער יתומים. זי פאַרשטייט די פּיין פון פאַריתומטע קינדער, דערפאַר וויל זי זיי טרייסטן מיט לייכטע, שפּילנדיקע פערזן, אָבער אויך אין אָט די פערזן שפּירט מען צווישן די שורות פאַרבאָרגענעם יידישן טרויער. זי באַשרייבט אַ מיידעלע, וואָס איילט נישט צו שפּילן אין דרויסן צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער, ווייל דאָרט יאָגט מען זי אַוועק. פאַרוואָס? ווייל זי איז אַ יידיש קינד.

רחל בוימוואָלס לידער קלינגען פון צייט צו צייט אַזוי מאָדנע פאַרשטיקט. מען מוז זיך גוט צוהערן, כדי אירע רמזים צו פאַרשטיין און אירע האַרץ־ווייטאָק אַרויסצוהערן. אַזוי, צום ביי־שפּיל, באַשרייבט זי אַ בוים אין האַרבסט. דער ווינט קומט און טרייסלט די בלעטער. דער בוים קאָן איבערלעבן דעם גרעסטן שטורעם. ער וועט קלי־גער מיט יעדן שאָקל. ער ראַנגלט זיך. זיין שטאַם איז מיט די וואָרצלען פאַר־ברידערט. איידער פון וואָרצלען זיך אָפּצורייסן — איז שוין בעסער צו לאָזן די בלעטער צעבלאָזן. די שוואַכע בלעטער שרייען פאַר שרעק און דער שטאַם פאַר־נעמט זייער גרויל און ווייטיק.

ווער עס טראַכט זיך אַריין אין דעם ליד, דערקענט באַלד, אַז דאָס איז נישט סתם אַ ליד פון אַ בוים, נאָר אַן אַלע־גאָריע פון דעם יידישן פאָלק היינט־צו־טאָג. דאָס איז דער יידישער בוים, יידי־שע וואָרצלען און יידישער ווייטיק פאַר יעדן פאַרוואָגלטן בלעטעלע...

די דיכטערין ווינטשט זיך, אַז אויך איר זאָל באַשערט זיין זיך צו פאַרפלאַנצן אויף אַן אָרט, וווּ זי זאָל קאָנען אויס־האַלטן בייזע ווינטן, וווּ זי זאָל קאָנען אויסוואַקסן ווי יענער שיינער בוים, אַלע נאַכט חלומט זיך איר, אַז זי פליט צו דעם לאַנד פון איר שטאַם. אָבער זי האָט מורא צו פאַלן אין מיטן פליען. אין ישראל ווינען אירע פריינט, אָבער דער וועג צו זיי איז ווייטער ווי דער וועג צו דער לבנה. זי שרייבט אַ ליריש־אַלעגאָרישע מעשה פון אַ קנעכט, וועל־כער האָט נישט געטאָרט רעדן אויף זיין מוטערשפּראַך, און אויף דעם הערשערס שפּראַך האָט ער נאָר געקאָנט נאָכבאַמ־קען. און צוגעבאַמקעט האָט דער קנעכט אַפילו, ווען מען האָט געפירט דאָס ווייב און די קינדער צו דער שחיטה. דאָס

איז אויך אַ רמז אויף דער טראַגישער ווירקלעכקייט פון יידישן גלות.

די ירושלימער ליריקער, וואָס זיינען אַנגעקומען פון די קאָמוניסטישע לענ־דער, ווו זיי זיינען אַזוי לאַנג געווען אָפּגעשניטן פון דער פרייער יידישער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג, האָבן דאָך באַ־רייכערט די יידישע פּאָעזיע מיט נייער טעמאַטיק, מיט אַ שטאַרקן געפיל פון אחריות פאַר זייערע מיטמענטשן, מיט אַן אינטענסיווער ליבע צום יידישן פאָלק, צום יידישן לשון, און צום יידישן לאַנד. זיי דריקן אויס דאָס בענקעניש פון זייער דור זיך ווידער צו באַהעפטן מיט כל־ישראל, אַ בענקעניש, וואָס איז לאַנגע יאָרן געלעגן באַגראָבן און פאַר־באָרגן אין זייערע הערצער, ביז עס האָט זיך אַרויסגעריסן אין לירישן ווייגעשריי, און אין העלדישן קאַמף פאַר עליה. איצט ווען זיי האָבן זיך שוין איינגעבירגערט אין דער הויפּט־שטאָט פונעם יידישן פאָלק, קאָן מען דערוואַרטן פון זיי מער פרייידיקע טענער אין זייער שאַפונג און אַ פאַרטיפטן אַריינבליק אין דער ניי־אַנטדעקטער יידישער נשמה. שוין האָט זיך געשאַפן אַ שעפערישע סביבה פון יידיש אַרום זיי און אַרום די דיכטער, וואָס זיינען געקומען שפּעטער און זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע שטעט פון ישראל. שוין מערן זיך סימנים פון וועזנטלעכן קולטור־אויפבלי, אַ וווּקס פון יידישער ביכער־פּראָדוקציע, צייט־שריפטן, קולטור־אונטערנעמונגען. וועט מען אין דעם לאַנד פון ניסים פאַרציי־כענען נאָך אַ נס: די אינטענסיווע המשכדיקייט פון אונדזער יידיש, נאָכ־דעם ווי די „שטרענגע לאָגיק״ האָט עס פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג.

פּראָפּ׳ סאָל ליפּצין

געבוירן אין 1901 אין סאַטאַנאָוו, אוקראַינע. אין 1910 געקומען קיין אַמעריקע. שטודירט אין בערלין און ניו־יאָרק. אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט באַקומען דעם טיטל ד״ר פילאָזאָפיע. געווען פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור און שפּראַך־וויסנשאַפטן אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. פאַרעפנטלעכט אין ענגליש 17 ביכער וועגן דער ענגלישער, אַמעריקאַנער, דייטשישער און יידישער ליטעראַטור. אַרויסגעגעבן אין ענגליש פיר בענדער געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור.

זיך באַזעצט אין ישראל אין 1962 יאָר. דעקאַן פון אַמעריקאַנער קאָלעדזש אין ירושלים און פירט אָן מיטן פאַקולטעט פון הומאַניסטישע וויסנשאַפטן.

ש. שחריה

די חכמה פון גאולה - אין ליכט פון דורות

מאָרגן־שטערנס. ליכטער פון פערזענ־לעכקייטן, ליכטער פון דורות — אין צייכן פון ליכט און באַלויכטונג לעבט און שאַפט דער דריטער מלוכה־פּרעזי־דענט פון ישראל, ש. ז. שזר.

דאָס בוך „ליכטער פון דורות", דער־שינען אין „מוסד ביאַליק"־פאַרלאַג, ברענגט עסייען און פאַרשאַרבעטן, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן במשך פון העכער אַ יובל יאָרן. דער היסטאָריקער ב. דינור (אויך געווען, פונקט ווי ז. שזר, מיניסטער פאַר דער־ציונג אין ישראל) שטעלט פעסט אין זיין פאָרוואָרט צום בוך, אַז ש. ז. שזר ווייסט דעם סוד פון „פאַרשטיין די צייטן" און אין דער זאַמלונג פון עסייען ווערט טאַקע אַנטפּלעקט דאָס באַהאַל־טענע ליכט פון דורות. גלייכצייטיק ווערט אָבער אַנטפּלעקט דאָס באַהאַל־טענע ליכט פון באַלויכטער אַליין.

פון צפת ביז קראָקע

די ערשטע טייל עפנט זיך מיטן עסיי „דיינע אויסקוקערס צפת" און ענדיקט זיך מיט אַן אָפּהאַנדלונג איבער די עליה־לעכצונגען און חסידיזם.

בעצם איז דער מחבר אויסן צו באַ־לויכטן די תקופה פון אר״י אין צפת. אָבער דער אָנהויב פון דער דאָזיקער תקופה איז פאַר דער עליה פון אר״י (1569) אַן ער צייכט שוין זינט דעם דריטן צענדליק פון 16־טן יאָרהונדערט (1530—40) — מיטן אָנהויב פון דער „מאָסן"־עליה פון די מגורשים פון שפּאַ־ניע קיין ארץ־ישראל. דער סוף פונעם דאָזיקן צייט־פּעריאָד הויבט זיך אָן אָפּצומערקן ערשט זיבן יאָר נאָכן פּלוּ־צימדיקן טויט פון אר״י (1580), בעת די אַראַבער פון אַרום האָבן אָנגעהויבן פּאָגראָמירן צפת'ער יידן. הגם דער אר״י איז געווען אין צפת קוים עטלעכע יאָר, מיינט שזר, אַז די תקופה איז ראוי גערופן צו ווערן אויף זיין נאָמען. שזר רעדט ברייטער וועגן דעם יחיד, וואָס האָט באַוויזן צו גרויסן דעם כוח און די צענטראַלקייט פון צפת — ר' יוסף קאָרו — דעם מחבר פון „שולחן ערוך". ער האָט אַנטשידן, „אַז קיין שום סמיכות און אַז קיין שום אָפיציעלן צונויפקום". מער נאָך, אויך דער גרויסער רב און גאון פון קראָקע, רבי משה איסרלס (דער רמ״א) האָט זיך אַנידערגעזעצט שרייבן זיין „מפּה" פאַרן שולחן ערוך פון ר' יוסף קאָרו פון דער קליינער צפת: דער פּליט פון שפּאַניע איז גע־וואָרן דער אויטאָריטאַטיווער פּוסק פון צפת. אַזוי האָט זוכה געווען צפת צו געבן דער יידישער צעשפּרייטקייט אַ געאָרדנטע און פאָרמולירטע לעבנס־געזעצגעבונג.

די תאווה אַרויפצוגיין אויפן מזבח

שזר שטעלט זיך אָפּ אויפן בוך „מגיד מישרים", אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך צום מחבר אין חלום דער מלאך־מגיד אין געשטאַלט פון דער „משנה"

אַליין. דאָס דאָזיקע בוך איז דורכגעדרונ־
גען מיטן ווייטיק פון דור וועלכן ס'האָט
נאָכגעפאָלגט און פון וועמען ס'איז נישט
אָפּגעטראָטן די קאַטאַסטראָפע פון אינ־
קוויזיציע. נישט נאָר וואָס דער רמ״א
האָט געוואָלט עולה זיין קיין ארץ־ישראל
און שרייבן דאָרט אַ ספר פון די אַנט־
שיידנדיקע געזעצן פאַר דעם „איבער־
בלייב פון זיין צעמישטן און דערנידע־
ריקטן פאָלק״, נאָר דער שפּיץ פון זיין
„תאווה״ איז געווען — „זיך צו פאַראיי־
ניקן אויפן מזבח ווי אַן 'עולה תמימה'״,
ד.ה.: זוכה־זיין צו קידוש השם. באַ־
מערקט דערצו ז. שזר, אַז דער ספר
„מגיד מישרים״ איז דאָס איינציקע העב־
רעישע בוך, אין וועלכן דער רבונו של
עולם זאָגט צו די וואָס גלויבן אין אים
— אַז ער וועט אויף זיי רחמנות האָבן
און וועט זיי מזכה־זיין „נישט מיט אַ
לאַנג לעבן, נישט מיט גאולת ישראל
און אפילו נישט מיטן בנין פון בית
המקדש — נאָר מיט אַן אַרויפגיין אויפן
שייטער...״. דער היסטאָריקער ה.
גרעץ שרייבט צו די דאָזיקע תאווה צו
דער אידענטיפיצירונג מיט שלמה מלכו,
אָט דער מאַראַן־מקובל וואָס איז פאַר־
ברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין
דער פריער יוגנט. אָבער שזר מיינט,
אַז דאָ איז צו זען אַ זעלישן באַדאַרף
זיך צו אידענטיפיצירן מיט די צענד־
ליקער טויזנטער ברידער און שוועס־
טער, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן
לעבעדיקערהייט אויף די שייטערס פון
אויטאָ דאַ פע דורך די תליינים פון דער
קאַטוילישער קירכע, „און וואָס זייער
רשעותדיקע האַנט איז נאָך אויסגע־
שטרעקט״; די וועלט־קאַטאַסטראָפע איז
געווען פאַר קאַרו „אַ פערזענלעכע קאַ־
טאַסטראָפע״ און זיין גאַנצע תאווה איז
— „זיך צונויפגיסן אינגאַנצן מיט די
געפייניקטע פון זיין פאָלק״.

און אָט איז נאָך איינער וואָס האָט
איינגענומען מיט שטורעם די יידישע
וועלט — **רב שלמה אלקבץ**. אויך ער
איז געווען „אַ פּליט פון דעם שחיטה־
טאָל, און עס האָט זיך אים איינגעגעבן
דורכצוברעכן די באַפעסטיקטע מויער
פון דער פאַרהייליקטער תפילה־טראַדי־
ציע״. דער משיחיש־שבתדיקער פּזמון
איז געווען דער הימן פון צפתער מקוב־
לים און ער איז אַריינגעדרונגען אין
יעדער שול — פון ירושלים ביז אַמ־
סטערדאַם, פון פראַנקפורט ביז פראָג,
פון אַדריאַנאָפּאָל ביז קראָקע, ווילנע
און לעמבערג און פון באַגדאַד ביז צנעה.
די תפילה „לכה דודי״ איז געוואָרן איי־
נע פון די יסודותדיקע תפילות —
„וואַך אויף, וואַך אויף, ווייל עס איז
אויפגעגאַנגען דיין ליכט״. — — —

און ס'איז געקומען דער דיריגענט...

ש. ז. שזר ציילט ווייטער אַ גאַנצע
גרופּע פון גרויסע פערזענלעכקייטן,
וועלכע זיינען געקומען קיין צפת, צווישן
זיי — ר' יוסף קאַרו, ר' יעקב בירב,
דער מטיב פון טעראַני און ר' יום־טוב
צהלון; דער באַרימטער דרשן ר' משה
אלשיך און דער גרויסער מקובל ר' משה
קאָרדאָוועראָ. אָבער דער דאָזיקער
„אַנסאַמבל״ האָט נישט געהאַט קיין „די־
ריגענט, וואָס זאָל צונויפנעמען אַלע
פונקען אין איין פלאַם״. און אָט האָט
זיך געפונען דער דיריגענט — אַ יונ־
גערמאַן פון ירושלים, וואָס איז עולה
געווען קיין צפת פון מצרים: **רבי יצחק
אשכנזי לוריא** (דער „אר״י הקדוש״).
ער איז געקומען קיין צפת אין יאָר
ווען עס איז געשטאָרבן דער גרעסטער
פון די מקובלים פון יענעם צענטער,
רבי משה קאָרדאָוועראָ (דער שוואָגער
פון רבי משה אלקבץ, דער מחבר פון
„לכה דודי״). שזר זאָגט, אַז מיט זיין
קומען איז אַלץ באַלויכטן געוואָרן „מיט
אַ נייעם אינערלעכן ליכט, אַ דערהוי־
בענעם און תכליתדיקן״. אַלע מצוות
אין שולחן ערוך האָבן באַקומען אַ דער־
פרייענדיקן און ביז גאָר נויטיקן באַטייט
„פאַרן תיקון העולם, וואָס איז פאַר־
גרייזט און פאַרשעותדיקט געוואָרן און
פאַר דער ישראל־גאולה פון „דער לייבן־
שטייג״.

קאָרו און דער אר״י — און זייער באַציונג צום גלות

מיט וואָס האָבן זיך אונטערגעשיידט רבי יוסף קאָרו און דער אר״י איינער פון אַנדערן? שזר באַהויפּט, אַז דער אונטערשייד איז געווען אין דער שליחות פון זייערע אויפטוען. ר׳ יוסף קאָרו האָט באַוויזן צו געבן אַ קלאָרן און פּרטימדיקן קאָדעקסן־קאָמפּלעקס פאַר אַלע יידישע יישובים און פאַר יעטוועדן יידן באַזונדער אין דער גאַנצער צעשפּרייטקייט. שזר באַמערקט, אַז קאָרו האָט נישט געהערט צו די „גלות־פּאַזיטיוויסטן״, ווי מען זעט היינט אָט די וואָס זאָרגן פאַר יידישער קולטור אומעטום. פאַרקערט: ער איז געווען באַנומען מיט דער משיחישער שטרעבונג פון רבי שלמה מלכו. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט געבן אַ ראַם פאַר אַ גאַנצן יידישן לעבן, אויך בעת יידן זיינען „אויסגעשטעלט צום גענאַד פון פרעמדע אין די גויאישע לענדער״. נישט אַזוי יצחק לוריא: ער האָט געזען אין עצם זיצן פון יידן אין גלות „איינע פון די דערשיינונגען פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געקומען אויף דער שכינה אַליין אויסן גאַנצן סדר פון דער וועלט״. לויט אים דאַרף אַלץ זיין געריכט צו דער פולער יידישער גאולה — אפילו די מצוות מעשיות, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט אין שולחן ערוך, דאַרפן אַרבעטן אין דער דאָזיקער ריכטונג. ר׳ יוסף קאָרו האָט זיך אַרויסגעלאָזן צו אַ דעפענסיווער מלחמה קעגן דעם שמד וואָס לויערט אויף יידן אין די גלותן. דאַקעגן — דער אר״י האָט געזען דעם שונא אין גלות גופא, וואָס קעגן אים האָט ער דערקלערט קריג. אַז מען האָט געפרעגט דעם אר״י, הלמאי ער האָט אויסגעוויילט צפת, האָט ער געענטפערט: „צפת״ איז בגימטריא „תקע״. די גאַנצע כוונה פון די צפתער אויסקוקערס איז געווען, צו געבן דעם פירוש „תקע בשופר גדול לחירותנו״.

ר׳ ישראל נאַגאַראַ — דער דיכטער פון צפת

אַ באַזונדערן עסיי ווידמעט ז. שזר פאַר ר׳ ישראל נאַגאַראַ, דעם דיכטער פון צפת, וואָס האָט אַרויסגעשריגן פון זיין טיפן הארצן, אַז „געגוג, געגוג, געגוג — צו וואַנדערן״. מיר לייענען, אַז טראָץ זיין רעליגיעזקייט און צפתדיקייט האָט ער דאָך געהאַט אויסצושטיין פון די פאַנאַטיקער אין צפת, ווייל ער איז געווען „אַ באַהעמיען לויט זיין מהות און לעבנסטיל״. אָבער זיין דיכטונג האָט דעראָבערט הערצער נישט נאָר אין צפת. פול מיט פאַרכטיקייט און ציטער איז די דיכטונג פון ישראל נאַגאַראַ סיי בעת דעם אויפשוווּנג פון צפת און בעת דער בווונג פון טבריה — לויט דער פּאָליטיש־קאָלאָניזאַטאָרישער פּראָגראַם פון דון יוסף הנשיא — און אויך אין די טעג, בעת עס איז אויסגעקומען צו פאַרלאָזן סיי צפת און סיי טבריה. אין דער אמתן האָבן געהאַלטן די צפתער חכמי הסוד פון געדאַנק וועגן „אַן אַפּ־טרעטן, וואָס איז נישט קיין פאַרשווינדן״ — זאָגט ש. ז. שזר: „מיט דער הילף פונעם דאָזיקן „סוד״ האָט באַוויזן דער הייליקער מיכאַלקע ביים סאַמע נאָז פון באַוואָפנטן שונא, צו גראָבן אַ מין טונעל דירעקט פון ארון קודש פון דער אַלטער ספרדישער שול אויפן נאָמען פון אר״י הקדוש ביז צו די עקסטרעמסטע און פאַראייניזאַמסטע פּאָזיציעס פון דער „הגנה״, און אין דאָזיקן מיסטעריעזן שטעג צו קריכן און צו ברענגען געווער״.

ירושלים — „אַ גרויס אָרט ווי לעמבערג״

מיר לייענען אין „ליכטער פון דורות״ וועגן דער עליה פון של״ה הקדוש, ר׳ יהושע הלוי סגל הורוויץ. ער שרייבט אין זיין ערשטן בריוו צו זיין הויזגעזינד אין פּראַג, אַז ער וויל ליבערשט און דווקא זיין אין ירושלים; ווייל „די ספרדים מערן זיך אין ירושלים, ממש אין די הונדערטער, און בויען גרויסע בנינים. אויב

אַזוי דאַרפן אָנהויבן קומען אויך אשכנזים אין די מאַסן". ער וועט שרייבן צו די פירער פון פוילן, צו די חכמי אשכנז און צו די חכמים פון באַהעמיע, „און במשך פון אַ קורצער צייט וועט איר הערן, אם ירצה השם, אַז עס זיינען שוין דאָ גאַר אַ סך אשכנזים". ער האָט געשריבן צו זיין זון, אַז ער זאָל מודיע זיין יעדן איינעם וואָס האָט חשק צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין ירושלים — ווייל „דאָרט פעלט גאָרנישט און דאָס איז אַ גרויס אָרט ווי לעמבערג . . . ". דאָ אין ירושלים וועט ער פאַרענדיקן זיין ספר „שני לוחות הברית", ווייל „פונדאַנען דאַרף ער געגעבן ווערן אין גלות . . . ".

די פלענער זיינען געווען גרויס, אָבער עס זיינען אויך געווען שווער און גרויס די שטייערן און נאָלאָגן אויף די נכבדים פון דער עדה. דער של"ה איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן קיין טבריה — און איז דאָרט געשטאָרבן איינזאַם און פאַרלאָזן. און וואָס שייך ירושלים, הייסט עס, אַז פון 500 ספרדישע משפּחות אין יאָר שפ"ב זיינען געבליבן אין שפ"ה נאָר 140 נפשות, און די אשכנזישע עדה, וואָס האָט אָקאָרש אָנגעהויבן וואַקסן — איז אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. זינט דעמאָלט איז במשך פון 80 יאָר נישט געווען קיין אשכנזישע קהילה אין ירושלים. די גזירות ת"ח און ת"ט, דער גירוש פון ווין אין יאָר תל"א, דער שטורעם פון האָפענונגען אין אָנהויב פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג — דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז אין יאָר ת"ס זאָל זיין אַן אשכנזישע עליה קיין ירושלים, אין די טעג פון ר' יהודה החסיד און זיין סוויטע.

דער שרייבער און משמש פון משיח

און אַט אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער פון משיח (פאַרעפנטלעכט אין „השילוח", תרע"ג — מיט 60 יאָר צוריק) און וועגן זיין משמש (באַדינער). שמואל פרימאָ האָט געהייסן „דער גרויסער שרייבער פון מלך המשיח". ער האָט פאַרפאַסט **די באַרימטע בריוו פון שבתי צבי וועגן דער אַנולירונג פון די תעניתים עשרה בטבת און תשעה באב,** ווייל אייער אויסלייזער העלפט און אייער מלך־רעטער איז געקומען". און אפילו ווען שבתי איז שוין געוואָרן מחמד עפענדי זעצט נאָך פאָר דער „נביא" נתן העזתי זיין „נביאישע" אַרבעט, עס סטימולירט צו דעם גלויבן אין דער אמתדיקייט פון גואל. „און אויב איך האָט געהערט מאָדנע רייד וועגן אונדזער האַר דעם מלך — זאָלט איר נישט שלאָף ווערן דערפון. ווייל דאָס איז אַ טיפער ענין, ווער קען עס משיג זיין ? און ווייל דעם, וואָס וואַרט". אַזוי האָט געשריבן נתן העזתי אין יענע טעג. אָבער פון פרימאָ האָט מען גאָרנישט געהערט. אויך אין דער ליסטע פון די הייליקע פון דער סעקטע „דאָנמאַ" איז נישטאָ זיין נאָמען. מען הערט אויך נישט, אַז מען זאָל אים באַשמוצן פון דער רבנישער אַנטי־שבתישער וועלט, הגם ער איז געווען דער סאַמע שולדיקער אין דער האַרבסטער זינד פון שבתי־צביאיזם — די אַנולירונג פון די תעניתים און די פּראָקלאַמירונג פון דער אמונה אין דער געטלעכקייט פון שבתי צבי. דאָ דערציילט שזר, אַז בעת **אברהם מיכאל קאַרדאָזאָ** האָט אַנטדעקט דעם „סוד פון געטלעכקייט" און זיך אַליין דערקלערט ווי **משיח בן אפרים**, איז ער געקומען קיין אַדריאַנאָפּאָל און די רבנים האָבן אים פון דאָרט אַרויסגעטריבן „מיט דער דערלויבעניש פון רב שמואל פרימאָ וואָס לערנט תורה אין אַדריאַנאָפּאָל". גרעץ וואַרנט, אַז מען דאַרף אים נישט פאַרבייטן מיט שמואל פרימאָ, דער שרייבער פון משיח. אָבער דער אמת איז, לויט דער מיינונג פון שזר, אַז נאָכדעם ווי שבתי צבי האָט זיך געשמדט איז פרימאָ געגאַנגען צוריק קיין אַדריאַנאָפּאָל און געוואָרן דאָרט אַ מורה־הוראה. אינטערעסאַנט, אַז אויסער דעם פאַל פון

ארויסטרייבן קאַרדאָזאָ געפינט מען נישט פרימאָ צווישן די וואָס האָבן גע־רודפט די שבתי־צביניקעס. נישט נאָר ער, נאָר אַזוי אויך די רבנים וואָס האָבן זיך צו אים געווענדעט מיט שאלות און אים דערמאָנט אין זייערע ספרים זיינען נישט באַקאַנט ווי קעמפער קעגן שבתי־צביאיזם. אויך אין זיינע דרשות האָט זיך שמואל פרימאָ נישט באַפרייט פון זיין שבתיאישער פאַרגאַנגענהייט. אמת, הגם מען האָט נישט געקעמפט קעגן אים — האָט מען אים גוט געדענקט זיין „יוגנט־זינד" און די רבנים האָט פאַר־ניכטעט זיינע ספרים. נאָך ראיות ברענגט שזר־רובאַשאָוו (ווי געזאָגט, מיט 60 יאָר צוריק), כדי צו באַווייזן אַז די וואָרענונג פון גרעץ „נישט צו פאַר־בייטן" איז אַן אָפּגעפרעגטע און אַז די ביידע שמואל פרימאָס זיינען געווען נאָר איין שמואל פרימאָ. דערפון לערנט שזר, אַז דער שבתי־צביאיזם איז נישט געווען קיין סעקטע אין זיינע פרילינג־טעג, נאָר אַ פאָלקס־באַוועגונג. דערפאַר איז נישט קיין ווונדער, וואָס אַט דער וועלכער איז געווען דער שרייבער פון משיח אַליין איז דערנאָך געוואָרן איי־נער פון די באַקאַנטע רבנים, וועלכער שרייבט תשובות אויף הלכות ווי אַלע זיינע צייט־רבנים.

נאָך אין יאָר תרע"ב האָט געשריבן שזר־רובאַשאָוו: „פונקט ווי עס האָט זיך געענדערט אין די לעצטע דורות די באַ־ציונג פון דער בעש"טישער באַוועגונג, פונקט אַזוי וועט זיך ענדערן די באַ־ציונג צו דער שבתי צבי־באַוועגונג, אַזוי אַז אויך אין איר וועלן מיר אַנט־פלעקן, מיט אַלע גרונטיקע ענדערונגען צווישן זיי, טיפע קוועלן פון לעבעדיקן און פרישן נאַציאָנאַלן כוח, פול מיט אמונה־זאַפט און גאולה־לעכצונגען".

היינט, נאָך 61 יאָר, איז שוין קיין ספק נישט — אַז שזר איז געווען גע־רעכט.

און וואָס וועגן משמש פון שבתי צבי? עס ווערט קלאָר, אַז ר' יחיאל דער משמש פון שבתי צבי, האָט נאָך צו 13 יאָר שטיין אין זיין דינסט אים פאַר־לאָזט — בעת ער איז געוואָרן מחמד עפענדי, און זיך פאַרקליבן קיין אַמ־סטערדאַם. אין יאָר תס"ג האָט ר' יחיאל אַרויסגעגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון „מעלפת ספירים" וואָס אַנטהאַלט אויס־צוגן פון „זהר". עס שטייט בפירוש: „אַרויסגעגעבן דורך דעם אלוף התורני ר' יחיאל בהר"ר צבי זצ"ל פון ק"ק קאָוואַלאַ קרייז וואָהלין". אין 6 יאָר אַרום איז אַרויס אין אַמסטערדאַם אַ נייע אויפלאַגע פון „סער מפואר" פון ר' שלמה מלכו (תס"ט), און אויך דאָס דאָזיקע בוך האָט אַרויסגעגעבן „ר' יחיאל בר' צבי זצ"ל מק"ק קאָוואַלאַ קרייז וואָהלין". מיינט שזר, אַז דאָס איז דער זעלבער ר' יחיאל וואָס איז געווען אַמאָל דער משמש פון משיח. אינטערעסאַנט, אַז אין דער יוגנט, בעת ער האָט באַדינט דעם משיח, איז ער געווען איינער פון די געציילטע אשכנ־זים פון שבתי צביס קאָמפּאַניע וואָס ס'רוב פון זיי זיינען געווען ספרדישע יידן. אויך דאָ קען מען זאָגן, אַז אפילו ר' יחיאל האָט פאַרלאָזן שבתי צבי — מחמד עפענדי, האָט ער דאָך פאַרהער־לעכט גאָר שטאַרק שלמה מלכו און זיין צוגעטוליעט צו זיך. ער שרייבט וועגן איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. ווידער־אַמאָל אַ ראיה, אַז שבתי־צביאיזם איז געווען אַ ענין פון אַ פאָלקס־באַוועגונג און נישט סתם אַ סעקטע.

אַלע יידן זיינען ערב איינער פאַרן אַנדערן

און אַט עפעס וועגן די פראַנקיסטן. שזר שרייבט וועגן מענטשן אין פאָלק ישראל, וואָס איין דור האָט זיי דערוויי־טערט און אַן אַנדערער דור האָט זיי צוגעבונדנקייט צו דער גאולה־האָפענונג באַוועגונגען, וואָס צו זייער צייט זיינען זיי געבליבן איינזאַם און אין אַן אַנדער תקופה זיינען זיי צוריק אויפגעקומען. נישט אַזוי די „פראַנק־דינאַסטיע". די

דאָזיקע באַוועגונג איז אַראָפּ אויף אייביק, אויף קיינמאָל נישט אויפצושטיין צוריק אין אַ וועלכער עס איז פאָרם. אין דער פאַרוואָרפענער דאָלצינעאָ פון אַלבאַניע ווייזן אָן די איינוווינער אויפן קבר פון שבתי צבי, וואָס איז אויפגעקומען הונדערט יאָר פאַר דעם געבורט פון פראַנק. אמת, אויך זיין קבר האָט דער גורל פאַרמשפט צו פאַרגעסנקייט. אָבער פאָרט איז אָט דער פון איזמיר דערשינען מיט „איך וועל אייך טרייסטן, ווי עס טרייסט אַ מוטער". זיין וואָרט האָט טאַקע אָנגעצונדן הערצער און אויפלעב־פונקטן האָבן זיך פונאַנדערגעשפרייט אין אַלע שיכטן פון פאָלק. יעדנפאַלס האָט ער דעם ענין פון גאולה געשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג פונעם פאָלק, הגם אויף פאַרקרימטע וועגן. אָבער דער פראַנק איז אַרויס אין נאָמען פון דער בריענדיקער פיינטשאַפט; זיינע תלמידים האָט ער געראָטן, געבויט צו ווערן פון פאָלקס־חורבן. אין זיין „תורה" ווערט געזאָגט: „משיח וועט נישט קומען, און ירושלים וועט מער נישט געבויט ווערן". איז זיין באַוועגונג געבליבן פאַריתומט און סטעריל — און נישט געלאָזן נאָך זיך קיין שום סימנים. און פונדעסטוועגן — זאָגט שזר — זיינען ביידע ברידער: דער ערשטער און דער לעצטער. ווייל „פון איין גאָרטן זיינען זיי אַרויסגעוואָקסן. אָט יענער גאָרטן וואָס מיר אַלע האָבן זייערע וואָרצלען דאָרט: דער גורל פון אונדזער גלות האָט זיי געשאַפן מיט זייער פאַרקרימטקייט". דאָס איז אַ פנים די סיבה וואָס דער ארי הקדוש האָט דערקלערט מלחמה דעם גלות אַליין. — — —

אין זכות פון ניגון

שזר רעדט וועגן די עליה־לעכצונגען אין חסידיזם. ער רעדט וועגן די ערשטע חסידים פאַרן בעש"ט (תנ"ח—ת"ס) — „די הייליקע חבורה פון ר' יהודה החסיד". דעמאָלט האָט מען באַשולדיקט יהודה חסיד אין „האַרבסטן זינד פון דור", דהיינו: אין איבערגעטריבענעם ווילן צו גאולה און אין איבערגעטריבענער צוגעקלעפטקייט צו „גאולה־ווייען". דאָס אַלץ איז געווען אין די אָנהויב יאָרן פון בעש"ט'ס לעבן, און אין סוף פון זיין לעבן האָט זיך אָנגעהויבן דער משפט אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, „בעת עס זיינען אויפגעשטאַנען פאַרביטערטע און בלאָנדזשענדיקע ברידער" (די פראַנקיסטן) און אויסגעטראַכט מיאוסע בלבולים אויף זייער פאָלק. במשך פון די 60 יאָר פון זיין לעבן האָט זיך געצויגן אַרום אים דער אָנגעצויגענער בויגן צווישן צוויי פאָלוסן: דער פאָלוס פון גאַרונג צו גאולה און דער פאָלוס פון האַרבן נדר נישט צו טאָן אָפן קיין זאַכן כדי צו באַפרייקן די דאָזיקע גאַרונג. שזר מיינט, אַז אין דער דאָזיקער שפּאַנונג איז דאָ אַ דערקלער פאַרן וווּנדער פון ניגון, וואָס איז געוואָרן איינער פון די עיקרדיקער גיטער פון חסידישן אויסדרוק. דער בעש"ט רעדט דערפון, אַז אין יעדער יידישער נשמה איז דאָ אַ חלק פון משיח. דאַרף טאַקע אַ יעדער איינער ברענגען זיין משיח־טייל, און דאַן וועט אויפגעשטעלט ווערן דער גאַנצע „עטאַזש פון משיח". און עס זיינען געווען פאַרשיידענע פרוּוון — אָבער אויך פאַרשיידענע עיכובים. ס'איז דאָ אַן איבערחזרונג פונעם שטענדיקן מאָטיוו פון ר' יוסף דילע ריינע, וואָס וועגן אַזאַ מעשה אין דער שבתישער טראַדיציע לייענען מיר אין „ליכטער פון דורות" אין אַ באַזונדערן עסיי, לויט אַ כתב־יד אין יידיש, וואָס שזר האָט געפונען אין די מעמואַרן פון ר' לייב בר' עוזר ראָזענקראַנץ, דעם שמש פון אַמסטערדאַם.

אָבער צווישן איין „נצחון" און אַנדערן זיינען געווען עליות פון רבנים און זייערע חסידים. ר' נחמן בראַסלאַווער האָט געזאָגט, אַז מען קען נישט זיגן אין דער דאָזיקער מלחמה סיידן דורך „עזות פון קדושה און גרויסער עקשנות". שזר דערמאָנט, אַז דער זייגער

פון חוזה פון לובלין קלינגט יעדע שעה: **„דער וועג איז שוין קירצער: ווייל אונדז, אַז מיר האָבן זיך דערנענטערט מיט נאָך אַ שעה צו ביאת המשיח“**... שזר ווייסט, אַז דער חסידיזם האָט געהאַט „עיכובים“ און „מניעות“ אין שייכות מיט דער עליה. אָבער יעדעס מאָל, ווען ס׳דערשיינט עפּעס גרויסעס — שטראַלט אַרויס אַ וועלכעס ס׳איז ביי ליכט פון חסידיזם. און נאָך וואָס: נאָך יעדער כוואַליע פון עליה האָט אָפּגעענטפערט אַ ווידערקלאַנג אויך פון איבער די „בערג“ צווישן ציוניזם און חסידיזם.

און כאָטש און כאָטש און כאָטש — פונדעסטוועגן...

אין איינפיר־בלאַט צום צווייטן טייל ווערט געבראַכט פון „אום אני חומה“, אין נוסח פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער: „כאָטש און כאָטש און כאָטש גולה וסורה, פונדעסטוועגן דמתה לתומר“... און מיר לייענען וועגן **דער סגולה פון זעלבסטשוץ אויף פרעמדער ערד** — בעת די התעוררות פון דער גאולה־האָפענונג פאַרירשנט אויף אַ נייע דערוואַכונג צו דער סגולה פון זעלבסטשוץ; וועגן דעם „גלגל חוזר“ פון דער געשיכטע, וואָס טראָגט יידישער טרייקייט צו די לענדער און פעלקער ווו און מיט וועמען זיי האָבן געלעבט — האָבן זיי געמוזט צום סוף נעמען דעם וואַנדערשטעקן און זוכן אַ ביי ווין־אָרט אין אַ פרעמד לאַנד, בעיקר אין פוילן. און די ווערטער זיינען געשריבן אין תרע״ו, מיט 57 יאָר צוריק; וועגן **אינערלעכער יידישער אויטאָנאָמיע אין די צייטן פון דער זעלבסטשטענדיקער פוילן** („די שטרעבונג צו אינטעגרירן די יידן אין דער פוילישער קולטור איז נישט געלונגען, פונקט ווי עס האָבן זיך נישט איינגעגעבן די שטרעבונגען צו אינטעגרירן די פּאָליאַקן אין דער דייטשער און רוסישער קולטור, אויסער אַ דינער שיכט פון דעזערטירן און פאַררעטער“); וועגן **400 יאָר טערקישע הערשאַפט אין ארץ ישראל** (1517—1917). און מיר לייענען אַן עסיי וועגן **אַסימילאַציע און עמאַנציפּאַציע** און אַנדערע אָפּהאַנדלונגען. מיר געפינען דאָ אויך אַן עדות־פאַרהער אין יידיש, אין שאלות און תשובות פון אָנהויב 15־טן יאָרהונדערט ביז ענדע פון 17־טן יאָרהונדערט — אַ פאָרשאַרבעט, וואָס פאַרדינט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג. דערנאָך קומט אין שזר׳ס בוך אַן עסיי וועגן **„מאַרקס איבער יידן און יידנטום אין מאַרקסן“**. פאַר שזר׳ן איז קלאָר, אַז מאַרקסעס שיטה איז ניט געקומען אינגאַנצן פון דער פרעמד און זי ציט זיך „פון ברענענדיקן צאָרן פון די יידישע נביאים אַנטקעגן הערשער און אונטערדריקער“. אַזוי זעט שזר אומעטום די ניצוצות, דעם „כאָטש און כאָטש, און פונדעסטוועגן“... און אַז ער שרייבט וועגן פערדינאַנד לאַסאַל, קאָן זיך שזר נישט פאַרמיידן צו באַצייכענען דעם אויסשפּאָטונג־בריוו, וואָס לאַסאַל האָט געשיקט זיין יידישן טאַטן פון תפיסה, און אין דאָזיקן בריוו איז געווען „אַ מין גט צו דער גאַנצער יידישער גאַס אין ברעסלוי און אויסערהאַלב איר“. עס וועלן אַ סך טעג אַריבערגיין — שרייבט שזר — ביז אָט די בונטאַרישקייט, וואָס האָט פאַרטריבן לאַסאַלן פונעם יידישן לאַגער, „וועט ווידער געלייטערט ווערן אין שמעלצטאָפּ פון דורות און וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין יענעם שאַרפן שווערד אין דער מלחמה פון יידן פאַר זייער כבוד, צו וועלכער עס האָט געגאַרט אין זיינע יונגע יאָרן דאָס יינגל לאַסאַל“. בעת שזר רעדט וועגן משה העסן, באַצייכנט ער דעם „גרויסן בונד צווישן דעם סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע“. און שזר זוכט אויך ניצוצות אין די דריי רעדעס פון עדואַרד גאַנדז אין דעם פאַראיין פאַר יידישער קולטור און וויסנשאַפט, אין די יאָרן 1818־21. אמת, אין פינף

יאָר אַרום האָט גאַנדז, דער באַגייסטער־טער פירער פונעם פאַראיין, זיך פאַר־לייקנט צום גרונט־פּרינציפּ פון פאַר־איין („נישט אָפּשפּריצן זיך צום קריס־טנטום") און ער האָט זיך געמאַכט אַ וועג צו אַ קאַטעדרע אין בערלינער אוניווערזיטעט. היינריך היינע האָט גע־רופן גאַנדזן „שורקע" פאַר דער דאַזי־קער טאַט — אָבער „ער אַליין האָט גע־טאָן ווי גאַנדז און געוואָרן — היינע"... טראָץ דעם האָט רעכט געהאַט גאַנדז בעת ער האָט געזאָגט דעם 28־טן אָקטאָבער 1821, אַז ער זעט „אין דער פעסטער ברודערשאַפט פון אַזעלכע מענטשן אַן אָנהויב פון אחרית הימים, וועגן וואָס עס האָבן נביאות־געזאָגט די נביאים, און דער דאַזיקער פאַראיין איז אייגנטלעך אַ פּועל יוצא פון דער פאַרדאַרבנקייט פון יעדן דור". ער האָט נביאות געזאָגט, און אַליין נישט גע־ווּסט וואָס.

און בעת שזר רעדט וועגן דער **קאַטעדרע פון יודאיסטיק, חכמת ישראל,** דערמאָנט ער די ווערטער פון לעאָפּאָלד צונץ, אַז **„אַלץ וואָס וועט בלייבן פון די מבול־וואַסער אונפאַרענדלעך, איז בלויז די חכמת ישראל".** עס איז קלאָר פאַרן מלוכה־פּרעזידענט פון ישראל, און עס איז קלאָר פאַר אונדז, אַז אויסער־לעכע עמאַנציפּאַציע קאָן נישט צו־שטעלן קיין וויטאַליטעט־כּוח פאַר חכמת ישראל; ווייל „נישט פון די מבול־וואַסערן וועט אויפשטיין אַן איי־ביקע אונפאַרענדערלעכע חכמת ישראל", נייערט פון די רייען פון די יידן וואָס קענען שטיין קעגן די מבול־וואַ־סערן. — — —

און שיין זאָגט שזר אין זיין אַרטיקל: „ווען דער ירדן גייט אַרויס פון כּנרת" — אַז דער אויפלעב פון חכמת ישראל איז נויטווענדיק, אָבער נאָר ווי די חכמה פון ישראל־אויפלעב. און אין די „זיבן טויערן פאַר דער חכמה פון גאולה" רעדט ווידעראַמאָל דער נשיא פון מדינת ישראל וועגן דער חכמה פון גאולה פון אונדזער דור און פון אונדזער פאָלק. — — —

שמואל שחריה

געבוירן אין 1909 אין סוואַלק, פּוילן. אָנגעהויבן מיט אַרטיקלען אין דער העברעישער טאָג־צייטונג "היום", וואַרשע, דערנאָך אין פאַר־שידענע סטודענטישע אויסגאַבן אין בערלין, ווו ער האָט שטודירט. פון דאָרט אויך מיטגעאַרבעט אין ריגער "פּרימאָרגן". זינט 1934 אַ תושב אין ירושלים. אַרבעט אינעם הויפּטביוראָ פון קרן היסוד. איינ־צייטיק געווען מיטאַרבעטער פון גרינבוימס טאָג־צייטונג "היום" (דער־שינען אין ירושלים), און פאַרשידענע העברעישע און יידישע צייטונגען אין לאַנד און אויסלאַנד אין וועלכע ער פאַרעפנטלעכט עד היום זיינע אַרבעטן צוו. אַנד. אונטער די פסעוודאָנימען ש. בהרב, ש. שוואַרץ, ש. שמואלי א"א.

געלע פישמאַן

דאָס יידישע וואָרט פון ירושלים

(פון אַ באַריכט)

מיט צוויי יאָר צוריק האָט זיך צונויפ־געקליבן אַ גרופּע יידן אין אַ פּריוואַטער היים דאָ אין ירושלים, כדי אַרומצורעדן די מעגלעכקייט פון שאַפן אַ סביבה פאַר דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור אין אונדזער עיר־הקודש.

די איניציאַטיוו האָבן גענומען עט־לעכע עולים חדשים פון צפון־און דרום־אַמעריקע, קאַנאַדע ווי אויך חשובע ותי־קים פון לאַנד — יידן וואָס האָבן זיך געהאַט שעפעריש אויסגעלעבט אויף יי־דיש אין זייערע פריערדיקע היימען האָבן געוואָלט, אונטער די אייגן־פרייע הימלען פון ארץ־ישראל ציען ווייטער זייער אייגנאַרטיקן אויסדרוק פון יידישער שעפערישקייט. יידן־ישראלים, תושבים פון אַ סך יאָרן, וואָס זיינען געווען פאַר־בענקט נאָך אַ קאָלעקטיוו־קולטורעל יידיש וואָרט, האָבן געוואָלט צוריק אויפ־לעבן זייערע מאַמע־לשון־וואָרצלען, און יידישע שרייבערס אין ירושלים, דיכטער, פּראָזאַיקער, זשורנאַליסטן, קולטור־טוער האָבן נאַטירלעך געוואָלט אַרויסברענגען זייערע שאַפונגען צו אַ ברייטערן עולם.

אַז אין תל־אביב קומען פאַר אַפּטע און אינטערעסאַנטע אונטערנעמונגען אויף יידיש האָט מען געוווסט, אָבער ירושלים האָט נאָך ניט געהאַט פּרובירט צו שאַפן אַ יידיש־צענטער. אַלע האָבן פאַרשטאַנען אַז איצט האָט אפשר געשלאָגן די רעכטע שעה.

ווען די שרייבערין פון די שורות דער־מאָנט זיך אין יענעם ערשטן צוזאַמענ־טרעף פון די פאַרשטייערס פון די דער־מאָנטע דריי גרופּירונגען „אוהבי־יידיש“, דוכט זיך איר אַז אַ פערטע גרופּע איז אויך געווען פאַרטראָטן — כאָטש נאָך ניט מיט דעם בייזיין פון קיין יחיד. די נסימדיקע רוסישע עלייה האָט זיך דע־מאָלט אָנגעהויבן דורכברעכן צו די ברע־גן פון ישראל, און ס'האָבן זיך צוביסלעך איינגעזאַמלט אייניקע יידישע שרייבערס און „עמך“ מיט מאַמע־לשון אויף די ליפּן.

איז דער אָנהייב אונדזערער געווען ווי אַלע אָנהייבן — קליין אין צאָל אָבער גרויס אין זיינע פּאָטענציעלע מעגלעכ־קייטן.

צוערשט האָט די גרופּע נאָך אַן אַ נאָמען — אָרגאַניזירט דריי גראַנדיעזע ליטעראַרישע אָוונטן בשותפות מיט צוויי אַנגעזעענע אָרגאַניזאַציעס — דער יידי־שער ביכער־ראַט פון אַמעריקע און דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט, ישראל־אָפּטייל. אין חודש מאַי 1971 — אַן אָוונט מיט דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי לכבוד איר באַקומען דעם מאַנגער־פּרייז; חודש סעפּטעמבער 1971 אַן אָוונט מיט דעם דעמאָלסטיקן עולה חדש פון רוס־לאַנד — דעם דיכטער יוסף קערלער, לכבוד דער דערשיינונג פון זיין ערשטן בוך לידער אין ישראל „דאָס געזאַנג צווישן ציין“ און אין חודש נאָוועמבער 1971 — אַן אָוונט צו די שלושים פון דעם אַמעריקאַנער יידישן דיכטער י. י. שוואַרץ. יעדער אָוונט האָט געהאַט זיין באַזונדערן חן און רייכן אינהאַלט. ביי

יעדן אָונט איז דער זאַל געווען אַ פולער
און דער עולם איז אַוועק אַ דערהויבע־
נער און אַ צופרידענער.

די קליינע אָרגאַניזיר־גרופּע איז גע־
וואָרן זייער דערמוטיקט פון דעם וואָרע־
מען אָפּרוף, וואָס איז אויך אָנגעקומען
דורך בריוו און טעלעפאָן־שמועסן און
אין חודש דעצעמבער איז צוגעגרייט גע־
וואָרן אַן אָונט לכבוד 100 יאָר יהואש
— שוין דורך דער ניי־געשאַפענער יידי־
שע קולטור געזעלשאַפט אין ירושלים.
אויף יענעם אָונט האָט מען אויסגע־
טיילט אינפאָרמאַציע־בויגנס וועגן די צילן
און פּלענער פון דער געזעלשאַפט און
גערופן דעם עולם צו ווערן מיטגלידער
מיט יערלעכן אָפּצאָל.

חודש מאַרץ 1972 — קאָן מען באַציי־
כענען ווי דעם הויך־פּונקט פון דעם
ערשטן יאָר אַרבעט. ס'איז דאַן פאָרגע־
קומען דער וווּנדערלעכער וואָרטקאָנצערט
פון דעם וואָרט־מייסטער הערץ גראָס־
באַרד אין דעם עלעגאַנטן זאַל פון וואַן־
ליר אודיטאָריע. די רייכע פּראָגראַם און
דער גרויסער עולם האָבן זיך צוזאַמענ־
געהעפט אין אַן איידעלער אָבער גאַנץ
איבערצייגעוודיקער דעמאָנסטראַציע, אַז
דאָס יידישע וואָרט און זיינע קולטור־
אוצרות לעבן און זיינען אייביק.

אין חודש מיי איז פאָרגעקומען אַן
אָונט לכבוד 100 יאָר דוד פּינסקי. קיי־
נער פון עולם האָט פריער ניט גע־
ווּסט אַז דער הויפּט־גאַסט און רעדנער
וועט זיין דער נשיא־המדינה זלמן שזר
וואָס האָט אַזוי וואַרעם און קלוג גערעדט
צום עולם אויף יידיש און באַגריסט די
אַרבעט פון דער געזעלשאַפט. ער איז
געקומען מיט זיין פרוי רחל שזר און
זייערע „היטערס", וואָס זיינען געשטאַנען
ביי דער טיר, האָבן אויך הנאה געהאַט
פון אַ זאַפטיק יידיש וואָרט.

צום סוף פון דעם ערשטן יאָר האָט די
געזעלשאַפט געקענט פאַרצייכענען : 120
באַצאָלטע מיטגלידער, אַן אַדרעסן־קאַר־
טאָטעק פון 350 פריינד און זיבן עפנט־
לעכע אָונטן צו וועלכע עס זיינען יעדעס
מאָל געקומען צווישן 200—250 יידן, די
לעצטע צוויי אָונטן פון יאָר 1972 זיי־
נען געווען אין אָקטאָבער — אַן אָונט
מיט דעם דיכטער אפרים אויערבאַך,
לכבוד זיין 80סטן געבורטסטאָג און אין
חודש דעצעמבער — אַן אָונט מיט די
מיטגלידער און פריינד פון דער גע־
זעלשאַפט, ביי געדעקטע טישן, אויף
אויסצוקלייבן באַאַמטע, קאָמיסיעס און
עפנטלעך אַרומצורעדן די וויטערדיקע
צילן און פּלענער פון דער געזעלשאַפט.
אויף אַזאַ געוויינלעכער געשעפט־זיצונג
זיינען זיך צונויפגעקומען העכער 120
יידן, וואָס האָבן געוואָלט אויסדריקן
זייער אויפריכטיקן אינטערעס און אָנ־
געהעריקייט צו דער אַרבעט לטובת יידיש
אין ישראל. מען האָט זיך פרייוויליק
אָנגעגעבן צו זיין טעטיק אויף פאַרשיי־
דענע קאָמיסיעס — די ליכטיקסטע און
סוף־כל־סוף וויכטיקסטע פון אַלע קאָמי־
סיעס איז אויך דאַן געשאַפן געוואָרן —
דער „יוגנטקרייז פאַר יידישער קולטור,
ירושלים" — וועמענס מיטגלידער זיינען
יוגנטלעכע וואָס האָבן אין משך פון דעם
פריערדיקן יאָר געהאַט דורכגעפירט חו־
דשלעכע אָונטן מיט יידישע שרייבערס
און האָבן געלייענט יידישע ליטעראַטור.

דער יוגנטקרייז האָט אויסגעקליבן זיינע
פאַרשטייערס צו פאַרשיידענע קאָמיסיעס
און איז געוואָרן אַן אָפּטייל פון דער
יידישער קולטור געזעלשאַפט. אויף יע־
נער זיצונג האָט דער יוגנטקרייז גע־
מאָלדן, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ
לייען־קרייז, וואָס טרעפט זיך איין מאָל
אַ וואָך אויף דורכצולייענען טראַדיצי־
אָנעלע פּורים־שפּילן. די גרופּע וועט
אויסקלייבן איינעם אָדער צוויי פון די
שפּילן און וועט אויפטרעטן אין ירושלים
צווישן פורים און פסח. די יוגנט־אַרבעט
ווערט אָנגעפירט פון דוד־הירש און דינה
ראָסקעס, עולים חדשים פון אַמעריקע
און זייער גרופּע באַשטייט פון אַ 25
יונגע חברה מכל תפוצות העולם, וואָס
האָבן ליב זיך אויסצולעבן אויף יידיש.

דאָס יאָר 1973 האָט זיך אָנגעהויבן
מיט צוויי אָונטן, איינער אַ פייערלעכער
אָונט לכבוד דעם 75סטן געבורטסטאָג

פון דעם חשובן יידישן לינגוויסט און פּע־דאַגאָג פּראָפ׳ יודל מאַרק — מיט אַן עולם פון העכער 350 יידן מיט דער באַ־טייליקונג פון מיטגלידער פון דעם ניי־געשאַפענעם יוגנטקרייז, וואָס האָבן צו־געטראָגן באַגריסונגען פּראָפ׳ מאַרקן און זיין פרוי פייגלען פון פריינד און אָרגאַ־ניזאַציעס און אויך פון זייער אייגענעם קרייז.

דער צווייטער אָוונט אין חודש יאַנואַר איז פאָרגעקומען לכבוד דריי עולים חד־שים, שרייבערס פון סאָוועט־רוסלאַנד: הירש אָשעראָוויטש, יאָסל לערנער און מאיר חאַראַץ. אַלע דריי האָבן געלייענט פון זייערע שאַפונגען, יעדער איינער אַנדערש, אייגנאַרטיק־אָריגינעל און קאַ־לירפול. דער ספּאָנטאַנער קאָנטאַקט פון דעם עולם מיט די שרייבערס אויף דער בינע, און צוריק אַראָפּ — פון די שריי־בערס צום עולם, איז געווען אַן אומפּאַר־געסלעכער. ס׳האָט זיך פאַרגעדענקט די פולע דערהויבענע פרייד פון יעדן איינעם וואָס איז בייגעווען דעם אָוונט.

די קולטור געזעלשאַפט האָט אין חודש פעברואַר אויך דורכגעפירט אַ קבלת־פנים פאַר דעם עולה חדש, דעם גרויסן יידישן פּראָזאַיקער אליהו שעכטמאַן. אין מאַרץ — אַ פריילעכן פּורים־אָוונט מיט דעם אַרטיסט זלמן הירשפ[illegible]. דער פּלאַן פון ווייטערדיקע פּראָגראַמען איז שוין אַ פולער ביז נאָכן זומער 1973: אָוונטן פאַר רחל בוימוואָל, יום השואה, 25 יאָר מדינת־ישראל. 100 יאָר חיים נחמן ביאַ־ליק, אברהם סוצקעווער־אָוונט, לכבוד זיין 60סטן געבורטסטאָג.

ביים איצטיקן מאָמענט האָט די גע־זעלשאַפט שוין צוגעצויגן איבער 300 **באַצאָלטע מיטגלידער, איבער 600 פריינד** פון דער געזעלשאַפט — אַן עולם וואָס וויל מער אָוונטן, שרייבערס און קינסט־לערס וואָס ווילן ווערן אויפגענומען אין ירושלים און יונגע חברה, וואָר לייגן צו אַ האַנט — העלפן דורכפירן אייגענע און אַלגעמיינע אָוונטן מיט גרויס ליבשאַפט און ענטוזיאַזם.

וואָלט מען געמעגט זיין צופרידן? וואָלט מען געקענט זאָגן אַז אונדזער קולטור־געזעלשאַפט האָט שוין אַ סך אויפ־געטאָן? איז ניט אַזוי איז די די מעשה און ניט אַזוי ענדיקט זיך דער באַריכט — ווייל סיי די חלומות און סיי די זאָרג וועגן דער צוקונפט פון יידיש אין ישראל און אין די תפוצות בלייבן אפשר שטאַרקער נאָך, ווי ווען מען האָט זיך לכתחילה גענומען צו דער אַרבעט.

דאָס יידישע וואָרט שרייט אַרויס פון די טיפענישן פון דעם פאָלקס־נשמה — איך לעב! לאָזט לעבן! קיבוץ־גלויות באַדייט ניט בלויז די פיזישע איינזאַמ־לונג פון יידן־יחידים און גרופּעס פון דער גאָרער וועלט. קיבוץ־גלויות איז די איינזאַמלונג פון יידישע קולטור־ווערטן, יידישע מנהגים און טראַדיציעס, שפּראַכן און ליטעראַטורן, וואָס זיינען מיט מסירת־נפשדיקער ליבע אויפגעהיט געוואָרן דורך דורות צעזייט־און־צע־שפּרייטקייט.

דאָ אין ישראל, אין דעם צענטער פון דער יידישער וועלט, דאַרפן קומען צום פולסטן און שענסטן אויסדרוק אַלע שעפערישע ניואַנסן פון יידישן פאָלק — און צווישן זיי דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט — די לעבעדיקע יידישע ליטע־ראַטור, לדור דורות.

געלע פישמאַן

געבוירן אין ניו־יאָרק אין 1925. געענדיקט די לערער־סעמינאַרן אין אַמעריקע און קאַנאַדע. געווען טעטיק אַלס פּעדאַגאָגין אין די יידישע שולן פון אַמעריקע. אַרויסגעגעבן אַ לערן־ביכל ״שלום עליכם, קינדער״ (ניו־יאָרק, 1959), מיטגרינדערין פון דער ״יידישער קולטור־געזעלשאַפט״ אין ירושלים.

קורצע אינפאָרמאַציעס

● אין 1972 און אין דער ערשטער העלפט פון 1973 יאָר זיינען דערשינען פאָלגנדע ביכער פון ירושלימער יידישע שרייבער:

1. רחל בוימוואָל. אויסגעבענקט. פאַרלאַג י. ל. פרץ. תל־אביב 1972, 199 זייטן.
2. רחל בוימוואָל. אַמאָל איז געווען אַ העלפאַנד. מעשהלעך פאַר קליין און גרויס. פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1973. 176 זייטן.
3. יוסף קערלער. זעט איר דאָך... פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1972. 222 ז׳.
4. דוד ספאַרד. ברענענדיקע בלעטער. פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב, 1972. 176 זייטן.
5. נחמן ראַפּ. דער אָנהייב. תנ"כישע דערציילונגען. פאַרלאַג „המנורה". תל־אביב 1972. 153 זייטן.
6. זיאַמע טעלעסין. געוויין פון זכרון. פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1972. 253 זייטן.
7. אָסיא. צווייגנ־ציטער. אַריינפיר־וואָרט יעקב גלאַטשטיין. פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב 1972. 106 זייטן.
8. זלמן שזר. פאַר זיך. פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט", תל־אביב 1972, 62 זייטן.
9. זלמן שזר. אין שליחות, לידער אונטערוועגנס. פאַרלאַג „זריעה" און יידישע קהילה אין אורגווײַ, מאָנטעווידעאָ 1972.
10. פראָפ׳ דב סדן. היימישע כתבים. שרייבער, ביכער, פּראָבלעמען, צוויי בענד. פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב 1972, 559 זייטן.
11. פראָפ׳ דב סדן. חן־גריבעלעך. צוויי בענד, בוענאָס־איירעס 1972—1973.

ס׳ווערן געגרייט צום דרוק נייע ווערק פון ז. ברכות, לייב ראָכמאַן, יאָסל חריף, מאיר חריק, אלי שעכטמאַן, אסתר ראָזענטאַל, פראָפ׳ דב סדן, פראָפ׳ חנא שמערוק און זאַמי פעדער.

• די ירושלימער אָפּטיילונג פון יידישן שרייבער־און זשורנאַליסטן־פאַראיין האָט דעם 8טן אויגוסט 1972 צונויפגערופן אַ פאָלקס־אַקאַדעמיע כדי אָפּצומערקן 20 יאָר זינט עס זיינען מערדעריש אומגעבראַכט געוואָרן די וויכטיקסטע יידישע שרייבער און קינסטלער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער גרויסער טרויער־אָוונט איז צושטאַנד געקומען, אַדאַנק דער מיטהילף פון ירושלימער שטאָט־ראַט און דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס.

אַן עולם פון העכער 800 מאַן האָבן איבערגעפּולט דעם פּרעכטיקן זאַל פון „בית העם". איבער מאַנגל אין פּלאַץ האָבן פיל מענטשן געמוזט פאַרבלייבן אין פּאַיע אָדער אַהיים גיין.

די חשיבות פון אָט דער פאָלקס־אַקאַדעמיע האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט, ווען אין פּרעזידיום האָט זיך באַוויזן אונדזער ראש הממשלה פרוי גאָלדע מאיר.

די פאָלקס־אַקאַדעמיע האָט געעפנט פּראָפ׳ אריה טאַרטאַקאָווער. מיט ווערטער זיינען אַרויסגעטראָטן דער פּרעזידענט פון ירושלימער אוניווערסיטעט אברהם האַרמאַן, פּראָפ׳ דב סדן און ד״ר מיראָן שעסקין.

לידער געווידמעט דעם אָנדענק פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבער־קדושים האָבן געלייענט די דיכטער יוסף קערלער, מאיר חרץ און נחמן ראַפּפּ.

די באַרימטע אַקטריסע פון „הבימה" חנה ראָווינאַ האָט פאַרגעלייענט די פּאָעמע פון פּרץ מאַרקיש, „ש. מיכאָעלס — אַ נר תמיד ביים אָרון".

די באַוווּסטע זינגערין נחמה ליפשיץ האָט געזונגען לידער אויף די טעקסטן פון די אומגעבראַכטע דיכטער דוד האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ און משה קולבאַק.

דער ערשט־געקומענער עולה פון רוסלאַנד, פידל־לאַורעאַט וואָלערי גראַדאָוו האָט באַגלייט די פאָלקס־אַקאַדעמיע מיט קלאַסישע און יידישע טרויער־מעלאָדיעס.

צו יענעם גערענק־אָוונט זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן בראָשורן אין יידיש און עברית.

די פאָלקס־אַקאַדעמיע האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק אויף אַלע אַנוועזנדיקע. ס׳איז געווען אַ אמתע מאַניפעסטאַציע פון אָפּגעבן כבוד די שרייבער־קדושים פון סאָ־וועטן־פאַרבאַנד און זייערע גרויסע נאַציאָנאַלע ווערק.

דער פילקעפּיקער עולם האָט זיך אויך סאָלידאַריזירט מיטן מוטיקן קאַמף פון סאָוועטישע יידן פאַר אַ פרייער עליה קיין ישראל, פאַר אויפשטעלן די פאַגראָמירטע יידישע קולטור פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, קעגן דער סאָוועטישער ראַסן־פּאָליטיק און אַנטי־יידישער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע.

• אין זאַל פון „תרבות עמים לנוער" אין ירושלים איז אין חודש אָדר פאָרגעקומען אַן אייגנאַרטיקע אויפפירונג פון אַן אַלט „מכירת־יוסף־שפּיל" דורך דער יוגנט־קרייז ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים. דער דאָזיקער יוגנט־קרייז האָט די לעצטע חדשים זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן און לייענען צוזאַמען פאַרשידענע טעקסטן פון אַלטע פּורים־שפּילן אין כלערליי וואַריאַנטן, און לסוף אויסגעקליבן אַ פּורים־שפּיל, וואָס איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן געגנוי מיט זעכציק יאָר צוריק אין יאַנאָוו־לובעלסק. דאָס פּורים־שפּיל אויף דער טעמע „מכירת יוסף" איז באַ־קאַנט פון די צאַלרייכע וואַריאַנטן און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פאָלקלאָר־זשורנאַל „ידע־עם" נאָך אין יאָר 1965. דער יוגנט־קרייז האָט אויסגעזוכט דעם אינפאָרמאַנט, וואָס האָט פאַר זיי אויך געזונגען די לידער, שמעון חלמיש־שלאָפּערמאַן. די רעזשי־

סאַרין, ד״ר דינה ראָסקעס האָט אויך צוגעגעבן אַ ראָם מיט אַ ריי געזאַנגען פון אַנדערע פּורים־שפּילן.

דער גרויסער עולם וואָס איז בייגעוועזן אויף דער חנפּולער אויפפירונג האָט הארציק באַדאַנקט די יונגע „פּורים־שפּילער", צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען יוגנטלעכע אין פאַרשידענעם עלטער פון 12 ביז 30 יאָר.

• אין זיין סעריע באַגעגענישן פאַרן לויפיקן לערן־יאָר האָט דער יוגנט־קרייז פאַר־ענדיקט מיט אַן אינטערעסאַנטער באַגעגעניש מיטן שרייבער ד״ר דוד ספאַרד. די טעמע איז געווען — דער אונטערגאַנג פון יידישן ישוב און יידישן קולטור־צענטער אין קאָמוניסטישן פּוילן. די אָנטיילנעמערס האָבן געשטעלט אַ סך פראַגן און די פולע ענט־פערס פונעם פרעלעגענט — אַליין איינער פון די בויערס פון אָט דער קולטור, וואָס איז פאַרבליבן אויפן אָרט ביזן לעצטן מאָמענט — זיינען געווען אויסשעפנדיק און אויטאָריטאַטיוו.

פריער האָט דער יוגנט־קרייז אָפּגעהאַלטן היינטיקן סעזאָן אויסערן נאָרמאַלן אַרבעטס־פּראָגראַם אינטערעסאַנטע באַגעגענישן מיט די שרייבער: שמחה סנה, נייער עולה פון אַרגענטינע, אברהם קאַרפּינאָוויטש פון תל־אביב און לייב ראָכמאַן פון ירושלים.

• אין ראָם פון רעגולערע שבת־פרימאָרגנס, וועלכע ס'אַרדנט איין דער קולטור־און דערציִאונגס־דעפּאַרטאַמענט פון הסתדרות, איז דעם 6טן יוני 1973 פאָרגעקומען אַ קבלת פּנים פאַר אסתר און דוד מאַרקיש.

דער הסתדרות־זאַל פון קרית־משה איז געווען איבערפולט מיט אַן עולם פון העכער 350 מאַן.

מיט אַן באַגריסונגס־וואָרט איז אַרויסגעטראָטן דער שרייבער־ און קולטור־טוער קלמן פרידמאַן.

דער פאָרזיצער פון יענער פרימאָרגן־באַגעגעניש יוסף קערלער האָט אין קורצע שטריכן באַלויכטן דעם שאַפונגס־וועג פון בעסטיאַליש־אומגעבראַכטן, נאַציאָנאַלן דיכטער פּרץ מאַרקיש און האַרציק באַגריסט די חשובע געסט — זיין לעבנס־באַגלייטערין אסתר מאַרקיש און זיין זון דעם דיכטער דוד מאַרקיש.

דער עולם האָט מיט שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט די טראַגישע דערינערונגען פון אסתר מאַרקיש, וועגן די לעצטע טעג ערב דעם אַרעסט פון פּרץ מאַרקיש און ערב דעם בלוטיקן חורבן פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד.

דוד מאַרקיש האָט דערציילט וועגן דעם מוטיקן קאַמף פון די רוסישע יידן פאַר אַ פרייער עליה, ער האָט אויך דורכגעלייענט אַ ליד געווידמעט זיין אומגעבראַכטן פאָטער.

• מיט אַ צייט פריער איז אין זעלבן זאַל פאָרגעקומען אַן אימפּאָזאַנטער ליטער־ראַרישער אָוונט געווידמעט דער שאַפונג פון אונדזער דיכטערין רחל בוימוואַל מיט אַן אויסשטעלונג פון אירע צענדליקער ביכער איבערגעזעצטע אויף פאַרשיידענע שפּראַכן.

שפּעטער איז דאָ אויך פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש מיטן שרייבער נייעם עולה, יאַנקל יאַקיר, וועלכער האָט פאָרגעלייענט אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן דער יידישער ליטעראַטור פון בעסאַראַביע.

• אין ירושלים, רחוב מסילת ישרים 13, איז דערעפנט געוואָרן אַ טעאַטער־מוזיי אויף דער באַזע פון די אַרכיוון און עקספּאָנאַטן פון די ישראל־טעאַטערס, ווי אויך איינ־יקע אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, וועלכע ס'האָבן מיטגעבראַכט די טעכטער פון שלמה מיכאָעלס, דער טעאַטער־אַרכיוו פון באַרימטן יידישן טעאַטער־פאָרשער זלמן זילבערצווייג און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה פון דער שארית הפליטה אין די לאַגערן.

די קונסט־אילוסטראַציעס אין אונדזער אַלמאַנאַך

כ״ח אייר, אין „יום ירושלים״, האָט זיך אין ירושלים געעפנט אַן אינטערע־סאַנטע אויסשטעלונג פון מאָלער נייעם־עולה חיים אַראָנשטאַם, וועלכער איז צווישן אַנדערן אויך באַגריסט געוואָרן דורך זיין פריינד דעם דיכטער יוסף קערלער.

חיים אַראָנשטאַם איז געבוירן אין ריגע ביי אַ טראַדיציאָנעל־יידישער משפּחה און געווען באַזונדערס טעטיק אין יידישן קולטור־לעבן. אין די לעצטע יאָרן — געווען אַקטיוו אינעם קאַמף פאַר עליה קיין ישראל. די הויפּט־טעמאַטיק פון זיין ירושלימער אויסשטעלונג זיינען טאַקע פּאָרטרעטן און בילדער פון די קעמפער פאַר עליה, געשטאַלטן וואָס שמאַכטן נאָך אין דער פרעמד און אַזעלכע וואָס זיינען שוין מיט מזל אָנגעקומען צו אונדז. פון די 80 שאַפונגען פון אָט דער אויסשטעלונג, איינגעאָרדנט דורך די „בתי כנסת המאוחדים של אמריקה״ בשות־פות מיט דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, גיבן מיר אין אונדזער אַלמאַנאַך פיר אילוסטראַציעס פונעם מאָלער.

אויך האָבן מיר געבראַכט אין אונדזער היינטיקן אַלמאַנאַך עטלעכע רעפּראָ־דוקציעס פון קינסטלער יצחק ליכטנשטיין און פון פייגעלע זאַנשיין (אלמנה פון יידיש־שרייבער אין ירושלים משה זאַנשיין ז״ל), אַ „יונגע״ מאָלערין (זי האָט אָנגעהויבן מאָלן אין 1967) וואָס האָט שוין באַוויזן פאַר דער קורצער צייט, זינט זי איז באַהערשט געוואָרן דורך איר קינסטלערישער ליידנשאַפט, אויסצושטעלן אירע שאַפונגען אויף פיל קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען ווי אויך אויף פאָלגנדיקע דריי רעפּרעזענטאַטיווע אַליין־אויסשטעלונגען: אין „צוותא״ אין ירושלים (1968), גאַלעריע „ישראלס״ אין תל־אביב (1971) און אין „גאַלעריע ש״ץ״ אין ירושלים (1972).

פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז דער ערשטער אַלמאַנאַך פון ירושלימער יידישע שרייבער איז ניט באַוואָרנט פון קינסטלערישע אָדער טעכנישע חסרונות; ס'איז אָבער, אַן אָנהויב און זייער אַ וויכטיקער אָנהויב.

אין אונדזער אַלמאַנאַך באַטייליקן זיך אויסשליסלעך שרייבער, וועלכע לעבן און שאַפן אין ירושלים, נאָר דאָס איז ניט קיין סימן, אַז מיר האָבן, חלילה, אין זינען איזאָלירן זיך פון דער חשובער משפחה יידיש־שרייבער פון גאַנץ מדינת ישראל. בשום אופן — ניין! פשוט — מיט אונדזער ערשטן אַלמאַנאַך ווילן מיר אָנזאָגן דעם יידישן לייענער, דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אַז מיר זיינען דאָ!

צוויי־און־צוואַנציק יידיש־שרייבער — עלטערע ירושלימער תושבים און נייע עולים, שרייבער פון פאַרשיידענע קינסטלערישע זשאַנערן, שרייבער פון אַלט ביז יונג. — מיר אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט, כדי אָנשווילעך באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נייער יידישער קולטור־צענטער — אַ ירושלימער, אַז מיר זיינען מסוגל און אַז מיר זיינען אַנטשלאָסן מיט אונדזער גאַנצער קראַפט און שעפערישער ענערגיע פעסטיקן דעם דאָזיקן צענטער.

צוזאַמען מיט אַזעלכע וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציעס ווי דער יידיש־פאַקולטעט פון ירושלימער העברעישן אוניווערסיטעט, דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט פון ירושלים און אַנדערע, גלייבן מיר, אַז מיר וועלן מצליח זיין.

אונדזער אַלמאַנאַך דערשיינט צום 25טן יאָר, זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. זאָל דאָס זיין אַ ליכטיקער סימבאָל פון ליבשאַפט און טריישאַפט צו אונדזער לאַנד, צו אונדזער פאָלק און צו זיין צוויי־שפּראַכיקער קולטור.